STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04869

MENTSH UN VORT

Nahum Summer

•

Permanent preservation of this book was made possible
by their children
in memory of
Eva & Reuben Herscher

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענטש און וואָרט

נחום סומער

מענטש און וואָרט

(עסייען)

אַרויסגעגעבן פון
בידערמאַנס פאַרלאַג
184 סעקאָנד עוועניו, ניו־יאָרק.
1950

SAMUEL P. LICHT

געווידמעט מיין חרוב-געוואָרן שטעטל
בזשעזשין (לעבן לאָדזש).

N. SUMMER

MENTCH UN VORT

(Essays)

Copyright, 1950, by
N. Summer
3225 Olinville Avenue
Bronx 67, N. Y.

Printed in U. S. A.

255

אינהאַלט:

זייט

מענטשן

מאַקס נאָרדוי—דער עטישער פילאָזאָף — — — — — — — — — — 9
ניטשע—דער אַמאָראַליסט — — — — — — — — — — — — — 13
די רעטעניש—דר. חיים זשיטלאָווסקי — — — — — — — — — — — 23
דריי בריוו — — — — — — — — — — — — — — — — — 34
דער מענטש וואָס האָט געפונען האַרמאָניע אין דער סתירה — 46
א. ליעסין—דער עסייאיסט — — — — — — — — — — — — 51
חיים גרינבערג—אַ קוריאָז אין פּאַרטייאישן געמויזעכץ — — 56
ב. ריווקין—דער אידייען־טרעגער — — — — — — — — — — 63
אבא גאָרדין דער עגאָסאָף — — — — — — — — — — — — 74
א. אַלמי—איבערפּאַרטייאישער שריפטשטעלער — — — — — 79
משה נאַדיר—מענטש פון קאָנטראַסטן — — — — — — — — — 87
אַ רוף פאַר אַ סאָציאַל־רעליגיעזן סינטעז — — — — — — — — 91
אַ טענדענציעז געשיכט־בוך — — — — — — — — — — — — 96

וואָרט

יודאַאיזם ווערסוס פּאַגאַניזם — — — — — — — — — — — — 103
די מענטשלעכע אינדיווידואַליטעט אין אונדזער צייט — — 123
דער אידייען־צווילינג — — — — — — — — — — — — — 126
אַנטיסעמיטיזם פון דער לינקער זייט — — — — — — — — — 129
רויטע אַסימילאַציע — — — — — — — — — — — — — — 135
סאָציאַל־עטישע מאָטיוון אין תנ"ך — — — — — — — — — — 138
אידעאַל—צוליב וואָס ? — — — — — — — — — — — — — 142

מיניאַטור־עסייען

דער לוין פון דיכטער — — — — — — — — — — — — — — 147
קונסט און אידייע — — — — — — — — — — — — — — 147
שפּראַך־פּראָגרעס — — — — — — — — — — — — — — 149
דער שרייבער־קריטיקער — — — — — — — — — — — — 151
מ'מעג קריטיקירן ! . . . — — — — — — — — — — — — — 152
דער מענטש איז הייליקער פון פּרינציפּ — — — — — — — — 153
לייכט און שווער — — — — — — — — — — — — — — — 154

מענטשן

מאַקס נאָרדוי — דער עטישער פילאָזאָף

מענטשן וואָס זיינען נעכטן באַטראַכט געוואָרן אַלס די זיילן אין אונ־דזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, הויבן זיך אָן אַרויסגליטשן פון אונדזער פאָלקס־זכרון. האָט נאָרדוי, פונקט ווי אַ סך אַנדערע, אויך געטיילט דעם גורל פון צייט. זיין אויפטו אויפן געביט פון סאָציאַלער היגיענע איז ווי עפּעס פאַרלוירן געגאַנגען אין אונדזער ברוטאַל־ציניִשער עפּאָכע. דאָס געלייטערטע און לויטערע וואָרט וואָס וועקט דאָס מענטשלעכע אין דעם מענטשן איז הפקר'דיק פאַרוואָרלאָזט געוואָרן אין אונדזער דור פון שווערדן־געקלאַנג . . . איז זאָל מען כאָטש אַמאָל זיך דערמאָנען אין דעם וואָרט־טרעגער, דעם פורעמער פון עטישע ווערטן, און ס'מוז ניט דווקא זיין אַ יאָרצייט, ווי ס'איז געוואָרן די געוואוינהייט ביי אונדז.

מאַקס נאָרדוי'ס מעטאָד פון פילאָזאָפיש־פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז האָט אַרויסגערופן אין זיין צייט שטורעמדיקע וויכוחים. ער האָט מיט זיך פּערזאָניפיצירט דעם אומרו, דעם דינאַמישן גייסט, דער איקאָנאָקלאַסט פון טראַדיציאָנעל־קאָנסערוואַטיווע אינסטיטוציעס, סאָציאַלע שיטות. ער איז געווען דער בונטאַר קעגן דער סטאַטוס־קוואָ־פילאָזאָפיע. נאָרדוי, האָט מיט זיין שאַרפער, בייסנדיקער איראָניע געשליידערט דער וועלט אין פנים אַלטע אמת'ן, פון וועלכע מ'זוכט זיך צביעות'דיק און ציניש אַרויסדרייען מיט ביטערע דזשענטלמעניִשע מאַנעריזמען.

זיינע „פּאַראַדאָקסן" זיינען געווען עפּאָכע־מאַכנדיק. ער קומט אין זיי צו געוואַגטע אויספירן, אַז: — אונדזער סאָציאַל לעבן, אונדזערע מעשים, ווערן באַווירקט דורך „קאָנווענציאָנעלע ליגנס".

אונדזערע מאָראַל־עטישע און עקאָנאָמיש־פּאָליטישע קרעדאָס זיינען אַטאַוויסטיש, דורכגעפוילט און געפינען זייער אָנשפּאַר אין פּאַגאַנישע יסודות.

דער מענטשן־געשלעכט איז קראַנק און אָנגעשטעקט מיט דעגע־נערירטע אידייען, וואָס ווערן פאַרשפּרייט, ווי באַצילן, אין אַ געזונטן אָר־גאַניזם, דורך פּאַטאָלאָגיש־עקצענטרישע אידעאָלאָגן.

דער מענטש איז, לויט זיין נאַטור, ניט שלעכט. פאַרקערט, ער איז גענייגט צו זען די בעסערע און שענערע זייטן פון לעבן. אָבער זיין עטי־שער באַרוף ווערט דערשטיקט און פאַר'סמ'ט דורך דער כלומרשט־„פּראָגרעסיווער" מעכאַניזירונג פון אונדזער ציוויליזאַציע.

אַמשאַרפסטן, האָט נאַרדוי, דורך דעם מעטאָד פון פסיכאָאַנאַליז, אַרונטערגעריסן די שלייערן און פייגנבלעטער פון דער „מאָראַל" פון 19־טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט.

אָט זאָגט ער, למשל: מ'לערנט אונדז אין אונדזערע פּעדאַגאָגישע ביכער צו האַלטן זיך באַשיידן, עניוות'דיק — „אָבער אין דער אמת'ן, איז ניטאָ קיין גרעסערע און מער געפּערלעכע שטערונג פאַרן דערפאָלג אין לעבן, ווי באַשיידנקייט. דו מעגסט האָבן די גרעסטע פאַרדינסטן, דו מעגסט זיין ביז דער העכסטער שטופע טאַלאַנטפול, דו מעגסט אויפטאָן די גרעסטע, די שווערסטע זאַכן — קוים האַלטסטו דיך שטענדיק אָן אַ זייט, אויס באַשיידנקייט, ווערסטו קיינמאָל ניט באַלוינט ווערן פאַר דיין אַרבעט. יאָ, ס'קאָן זיין, אַז ווען ס'איז ווער מען אויף דיין קבר אַ דענקמאָל אָנשטעלן. זיכער איז דאָס אויך ניט!" . . .

נאַטירלעך האָט זיך נאַרדוי ניט באַנוצט מיט די דאָזיקע כללים וועלכע ער רעקאָמענדירט פאַר אַנדערע. ער אַליין ז'געווען פון די באַשיידנסטע און עניוות'דיקע נאַטורן, טראָץ זיין געוואַגטקייט פון שליידערן צו דער וועלט יענע אַלט־אַלטע אמת'ן וואָס אַלערליי דעמאַגאָגן זוכן צו האַלטן אונטער שלאָס און ריגל.

איר זעט, ווי יענע שטילע, צוריקגעצויגענע נאַטורן, די וועלכע זיינען ראוי צו פאַרנעמען שטולן אויבן־אָן, אַרום דעם וועלט־טיש — אָבער, אין זייער באַשיידנקייט, שטייען זיי אָן אַ זייט, זיצן ביים טיר און זיינען געצוואונגען לאָזן דאָמינירן דעם גראָביאַן; לאָזן באַלעבאַטעווען דעם שאַרלאַטאַן־דעמאַגאָג . . . האָט דאָך נאַרדוי געוואוסט פון די דאָזיקע שוואַכקייטן אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן — איז פאַרוואָס איז ער געשטאַנען אָן אַ זייט און האָט געלאָזן שאַלטעווען דעם פיליסטערטום?

ענטפערט טאַקע נאַרדוי אויף דער דאָזיקער שאלה: „אַז זייענדיק אין קיך, וואו ס'ווערן צוגעגרייט אַלע פּאַטראַוועס, פאַרלירט מען דעם אַפּעטיט" . . .

כאָטש נאַרדוי האָט מיט געזונטער לאָגיק און ברילייאַנטענער מייסטערשאַפט אַרונטערגעריסן די מאָראַל און עטיק פון 19טן און אָנהייב 20־סטן יאָרהונדערט, איז ער, אָבער, ניט געווען קיין פילאָזאָף פון נעגאַציע און אומקום; אַ דענקער פון סקעפּטיציזם און פּעסימיזם — ווי ס'קאָן זיך שאַפן אַן אויבנאויפיקער איינדרוק. ער האָט בליציק צעשטערט אונדזער היינטיקע מאָראַל וואָס וואָרצלט אין אַלטע היידנישע קולטן, די מאָראַל וואָס האָט פאַרוואָרפן יענע גרונט־עיקרים פון אונדזערע נביאים וואָס האָבן געזוכט פאַרפונדעווען אונדזער לעבן אויף געזונטע, עטיש־מאָראַלישע יסודות.

ער זאָגט: „צוזאַמען מיט דער עוואָלוציע פון דער מענטשהייט וועלן זיך אויך ענדערן די באַציאונגען וואָס זיינען נויטיק, כדי צו קאָנען וואַקסן און זיך אַנטוויקלען און צוזאַמען מיט דידאָזיקע ענדערונגען וועלן זיך ענדערן אויך די מיינונגען וועגן דעם — וואָס איז מאָראַליש און וואָס ניט".

ניין, אונדזער מאָראַל איז ניט קיין געזונטע. זי איז דער אַרויס־וואוקס פון צעדרייטע און עקסצענטרישע דענקער. דידאָזיקע מאָראַל האָט אַרויסגעהויבן, אַנטוויקלט די שלעכטע נייגונגען, שטריכן, געפילן פון דעם מין מענטש. דאָס מענטשלעכע איז פּראָפּאַנירט געוואָרן. זי, די היינטיקע מאָראַל, האָט סטימולירט און אינספּירירט די חיה־אינסטינקטן וואָס שלומערן אין דעם מענטשלעכן אונטערבאַוואוסטזיין. אויב דאָס היינטיקע סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט אַזאַ פּנים ווי ס'האָט — באַשולדיקט ניט דעם מאַסן־מענטש. ער, דער מאַסן־מענטש מיט זיינע געזעלשאַפטלעכע חולאת'ן איז דער פּראָדוקט פון אַ פּאַרדאָרבענער דער־ציאונג, פון אַ פילאָזאָפישער שיטה וואָס האָט אַנטמענטשלעכט אונדזערע מענטשלעכע ווערטן, וואָס האָט דערהויבן דאָס גראָב־מאַטעריאַליסטישע, דאָס רוי־מעכאַנישע צו אַ טוגנט אין אונדזער לעבן־פּראָצעס . . .

נאָרדוי האָט שאַרף באַשטריטן דעם פּעסימיזם אין אונדזער לעבן. ס'רוב פּעסימיסטישע דענקער, אין זייער קינדערשער אומבאַהאָלפנקייט צו באַנעמען די רעטענישן פון וועלט־מענטש, דערפירן זיי זייערע דער־קענטעניש־קריטעריעס צו פּעסימיסטישע הנחות. אָבער ווי זאָגט נאָרדוי? „יאָ, די נאַטור זינגט אויס מיט טויזנטער טענער אַ לויב־ליד דעם לעבן, און די דאָזיקע טענער דרינגען אַריין אין אונדזערע אויערן אַפילו אויך דאַן, ווען מיר פאַרשטאָפּן זיי מיט אַ סכאָלאַסטישער אָדער סאָפיסטישער וואַטע. דער נאַטירלעכער אינסטינקט וואָס ליגט אין דעם גרונט פון אַלע מענטשלעכע געדאַנקען און מעשים און וואָס רעגירט מיט דעם גאַנצן מענטשלעכן לעבן איז דער אָפּטימיזם, ד.ה. די ליבע צום לעבן און דאָס שטרעבן צו אים; און יעדער פּרוּאוו אויסצעוואָרצלען פון אונדז דעם דאָזיקן אינסטינקט וועט ניט געלינגען — ווייל ער איז דער אמת'ער יסוד פון אונדזער עקזיסטענץ" . . .

אין דעם ציטירטן זאַץ ליגט די קווינטעסענץ פון נאָרדוי'ס קולטור־פילאָזאָפישע הנחות. ער איז טאַקע געווען פון די צוימען־ברעכער, אָבער פון יענע „ברעכער" וואָס זוכן אויסוואָרצלען דאָס אומגעזונטע, דאָס שלעכטע, די פּסולת פון אונדזער מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. ער האָט באַקעמפט דעם קריסטלעכן פּאַגאַניזם, דעם אומלאָגיש־נאַאיוון פּעסימיזם, וואָס פאַראומערן אונדזער לעבן און שלעפּן אונדז צוריק צום אורוואַלד

און זייען האַס און קנאה אין די מענטשלעכע באַציאונגען.

דערפאַר קאָן מען נאָרדוי'ן צושטעלן צו יענער גרופּע פון אונדזע־רע יידישע נביאים, און צו די שפּעטערדיקע מאָראַל־עטיקער וואָס האָבן אַרויסגעהויבן דעם מ ע נ ט ש ן איבער אַלץ—און אים ניט רעדוצירט צו אַ סאָציאַלער חיה וואָס באַזיצט נאָר באַשטימטע מעכאַנישע פונקציעס.

ניטשע — דער אַמאָראַליסט

וועגן ניטשען איז שוין פֿאַראַן אַ היפּש צעצווייגטע ליטעראַטור. ס'איז שוין איבער אים געשריבן געוואָרן פֿון אַזויפֿיל שטאַנדפּונקטן און פֿילאָזאָפֿישע קוק־ווינקלען. איז וואָס קאָן מען, אייגנטלעך, צוטראָגן צו אָט־דער רייכער ניטשע־ליטעראַטור? — אַזוי טראַכט מען ווען מ'נעמט זיך צורירן צו ניטשען. און דאָך, אינטריגירן זיינע שאַרף־בייסנדיקע, דינאַמיש־אויפֿרייסנדיקע געדאַנקען און באַטראַכטונגען. זיי דינען ווי אַ שליף־שטיין פֿאַרן געדאַנק. דער פּולס נעמט שלאָגן האַסטיקער, פֿעסטער — ווי געטריבן פֿון אַ פֿיבער־אַטאַק. עפּעס רירט זיך אַ סטרונע אין האַרץ און ס'הייבן אָן וויברירן אָפּגעהאַקטע קלאַנגען אין דער לופֿט . . .

ניטשע איז דער פֿילאָזאָף פֿון סתירות. ער וואָס האָט געזוכט אַראָפּרייסן די מאַסקע פֿון אונדזער קולטור־ציוויליזאַציע, האָט זיך אַליין גרימירט, מאַסקירט. ער וואָס האָט פּרעטענדירט פֿאַנאַנדערפּלאָנטערן דעם קנויל פֿון היסטאָריש־קאָנווענציאָנעלן אָנוואוקס האָט דורך זיינע אומפֿאַרשטענדלעכע, האַלב־פֿילאָזאָפֿישע מעטאַפֿאָרן און מיסטישער סימבאָליק, געהאָלפֿן נאָך מער צו פֿאַרפּלאָנטערן.

מ'האָט אים אידענטיפֿיצירט מיט שאָפּענהויער'ן, דעם פֿילאָזאָף פֿון רחמנות און פּעסימיזם. ס'זיינען געוויס פֿאַראַן סימנים פֿון שאָפּענהויערישן איינפֿלוס אין ניטשעס פֿילאָזאָפֿיע. האָט זיך דאָך ניטשע אַליין באַטראַכט פֿאַר שאָפּענהויערס אַ תּלמיד—הגם, אין לויף פֿון יאָרן האָט ער אים שטאַרק באַקעמפֿט. מ'פּרוּווט ניטשען אויך פֿאַרגלייכן מיט דעם שטורמישן, אינדיווידואַליסטיש־אַנאַרכיסטישן שטירנער. לאָגיש לאָזט זיך מאַכן דער פּאַראַלעל. ס'זיינען אפֿשר פֿאַראַן פֿאַרבינד־פֿעדים, אידענטישע שטריכן, אָבער אין די אויספֿירן — גייען זיי זיך פֿונאַנדער. מ'זוכט אין ניטשעס פֿילאָזאָפֿיע אָריענטירטשן סאָציאַלע — אָדער בעסער געזאָגט — סאָציאַליסטישע עלעמענטן, אָבער דער זיווג האָט זיך נישט געלאָזט צונויפֿפּאָרן. מ'האָט אין זיין „איבערמענטש" געזען מאָטיוון פֿון אַלטרואיזם — האָט ער מיט זיינע אייגענע הענט זיי צעשטערט. ער, וואָס האָט דאַרווינס וויסנשאַפֿטלעכע היפּאָטעזן, „פֿון קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ", עסטעטיזירט, אַריינגעפֿירט אין היכל פֿון „קלאַסישער" פּאַגאַנישער קונסט, — אים פּרוּווט מען פֿאַרבינדן מיט דעם דעקאַדענטישן אַלטרואיזם! . . .

ס'איז דאָך פורער אַבסורדה. ס'איז נאָך נאַרישער פון נאַריש. יענער וואָס האָט געפּרואווט צוזאַמענפּיין דעם דאַזיקן שידוך איז, מן־הסתם, געווען אַ ליטעראַרישער לץ, אַ וויצלינג, וואָס האָט זיך געוואָלט לאָזן אַביסל וואוילגיין אויפן חשבון פון דעם אַנגעקראַכמאַליעטן ניטשען . . . ניט קיין וואונדער, וואָס אין זיין „עקצע האַמאַ", דאָס אויטאָביאָגראַפישע שוואַנען־ליד פון אַ צעוואונדיקטער, קראַנקער נשמה, וויינט ער און קלאָגט אויף זיין טראַגישן גורל פון איזאָלאַציע, פון איינזאַמקייט, און וואָס קיינער פאַרשטייט אים ניט ; קיינער, קיינער פאַרשטייט אים ניט — און באַזונדערס פאַרשטייען אים ניט די דייטשישע פיליסטער . . . מיט וואָס פאַרא ביטערקייט, מיט וויפיל גאַל און ציניזם רעדט ער וועגן די דייטשן און די דייטשישע קולטור. „די דייטשן זיינען פאַר מיר אומדערטרעגלעך. ווען איך מאָל מיר אויס אַ מענטשן וואָס איז דערווידער אַלע מיינע חושים, אינסטינקטן — קומט אַלעמאָל אַרויס אַ דייטש . . . מ'פּלאַצט פון געדולד ווען די דייטשן בעמען רעדן פון זסטעטישער און עטישער ווידערגעבורט. איך שפּיר אַ חשק, איך פיל עס ווי אַ פליכט כאָטש איינמאָל צו זאָגן די דייטשן, וואָס זיי האָבן שוין אַלץ אויף זייער געוויסן. יאָ, אַלע גרויסע קולטור־פאַרברעכנס פון פיר יאָרהונדערטער האָבן זיי אויפן געוויסן!" . . . (עקצע האַמאַ).

ניטשע אָקצענטירט אַלעמאָל זיין פּויליש־אַדעליקן יחוס, כדי צו באַווייזן אַז דאָס דייטשישע אָדער רייַנע אַרישע בלוט רינט ניט אין זיינע בלויע אָדערן. פונדעסטוועגן, שרייבט ער אין אַ בריוו צום דענישן קריטיקער, געאָרג בראַנדעס — „איך בין מיט אייך איינפאַרשטאַנען אַז אין פאַרשיידענע הינזיכטן זיינען מיינע ווערק „אמת דייטש" . . . (פרידריך ניטשע", פון ג. בראַנדעס).

יאָ, מיר גלויבן אַז אין אָט־דעם אומשולדיקן זאַץ האָט ניטשע זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון זיינע ווידערשפּרוכן. ער האָט זיך אַליין געפונען אין דעם קנויל פון סתירות וואָס ער האָט אויפגעטורעמט אין זיין פילאָזאָפיע. ער האָט געוואָלט זיין אייראָפּייער, וועלט־מענטש — אָבער טראָץ זיין שאַרפן חוזק פון דער דייטשער קולטור און אירע טרעגער — איז ער דאָך געבליבן געטריי זיין שורש־נשמה.

וואַגנערס באָמבאַסטיש־טרומייטישע מוזיק רופט אַרויס ביי אים ליידנשאַפטלעכע געפילן און אומגעהייערן פּאַטאָס. דאָרט וואו וואַגנער פּרואווט באַהעפטן זיך מיט קריסטלעך־קאַטוילישע מאַטיוון, וואו מענטש זוכט צאַמען דאָס חיה'שע אין מענטשן דורך מאָראַלישער דיסציפּלין, דורך עטיק — צעגייט ער זיך מיט אים, טרעט שאַרף אַרויס קעגן אים. ער באַשולדיקט אים אַפילו אין יידישן אָפּשטאַם. (זע „דער פאַל וואַגנער", פון פ. ניטשע).

היינע דער ייד איז ניטשען זייער נאָענט. אָבער ניט דער היינע, דער שפּינער פון צאַרטע, לירישע פּערזן, נאָר היינע, — דער נעגאַטי־וויסט, דער איקאָנאָקלאַסט, דער סאַטיריקער און ציניקער פון דער קריסטלעכער מאָראַל . . .

ס'איז קיין וואונדער ניט וואָס די נאַצי־טעאָרעטיקער האַלטן ניטשען פאַר זייער גייסטיקן פאָטער, פאַר זייער רבי'ן. דער נאַצי־פילאָזאָף אַלפ־רעד ראָזענבערג, אין זיין בוך „דער מיטאָס דאָס 20סטע יאָרהונדערט", באַווייזט אַז ניטשע האָט אינטואיטיוו פּאָראויסגעזען די ערע פון נאַציאָ־נאַל־סאָציאַליזם און אַז היטלער איז דער משיח, דער גענעראַלער־אויספי־רער פון ניטשעס געדאַנקען־וועלט פון „איבערמענטש" . . . יאָ, די נאַצי־טעאָרעטיקער זיינען גערעכט. זיי זיינען קאָנסעקווענטע ניטשעאַנער.

מיר ווייסן, אַז ניטשעס געדאַנקען־וועלט איז פול מיט סתירות ווי אַ מילגרוים מיט קערנער. יעדע אידייען־ריכטונג אין אונדזער מאָדערנעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָט פון אים עפּעס געקאָנט נעמען וואָס זאָל זיך אָן שוועריקייטן לאָזן אַריינפּאַסן אין איר. און דאָך — דאָך האַלטן מיר אַז די ראָזענבערגס, די היטלערס, די לודענדאָרפס, די שטרייכערס, זיינען פולשטענדיק גערעכט. ניטשע געהערט צו זיי. זיי זיינען זיינע גייסטיקע יורשים, די קאָנסעקווענטע אויספירער און דורכפירער פון זיינע משונה'דיקע אידייען. פון זיין מאָראַלישן אַנטיטעז איז אויסגע־וואַקסן דער היטלער־סינטעז.

אמת, ניטשע איז אפשר ניט געווען אַזוי ברוטאַל־ציניש ווי די היטלעריזירטע טעאָרעטיקער און זייערע חסידים. ער האָט אַליין אויפן שאַרפסטן אופן קריטיקירט דאָס דייטשע פאָלק און איר קולטור — ווי קיינער פאַר אים און קיינער נאָך אים. אָבער אין תוך וואָס האָט פאַר אים געמיינט דייטשישע קולטור? וועלכע ווערטן האָט ניטשע אַקצעפּ־טירט, באַטראַכט פאַר אמת'ע? יענע מאָראַל־עטישע קרעדאָס וואָס זיינען דעם פּראָגרעסיוון טייל פון דער מענטשהייט געווען נאָענט האָט ער געהאַלטן פאַר אומווירדיק, פאַר באַנקראָטירטע סחורה, פאַר קוואַטש. אויך היטלער און זיינע אַפּאָסטאָלן פון נאַציזם האָבן באַקעמפט און באַ־קעמפן די זעלביקע עלעמענטן און טענדענצן אין דער דייטשישער און אַלוועלטלעכער קולטור. אַלע אונדזערע באַגריפן פון מענטשלעכקייט, פון מאָראַלישקייט ווערן דורך זיי דערקלערט פאַר דעקאַדענטיש, יידיש־קריסטלעך.

קאַנט, דער גייסטיקער אַריסטאָקראַט פון פילאָזאָפישן געדאַנק, דער פאָטער פון „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו" וואָס ווערט אַסאָציאירט מיט די אידעאַלן און חלומות פון אַ שענערער און בעסערער וועלט — די וועלט

פון קאַנט'ן איז ניטשען פרעמד. קאַנט'ס „קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו" דעגראַדירט די מאָראַל פון גריכיש־רוימישן נאַטוראַליזם. ער וואָס האַלט : — „אַז די גרויזאַמקייט איז איינע פון די עלטסטע קולטור־פונדאַ־מענטן" — און אַז — „ניט גאָט'ס שטים אינעם מענטש, נאָר דער אינ־סטינקט פון אכזריות" איז דאָס העכסטע מאָראַלישע געבאָט פון מענטש. — ער קאָן ניט מסכים זיין מיט די געטעס, מיט די שילערס, מיט די לעסינגס, מיט די בעטהאָווענס — מיט אַלע יענע באמת גרויסע עטיש־קרעאַטיווע כוחות פון דער דייטשישער און אַלוועלטלעכער קולטור. זיי, די דאָזיקע שעפער זיינען פאַר אים געווען סינאָנימען פון קראַנקע, שקלאַ־פישע נאַטורן.

מאַרטין לוטער, דער רעפאָרמאַטאָר, דער פאַטער פון דער לוטעראַ־נישער קירך, איז פאַר ניטשען „אַ פאַטאַלער גלח", ניט חס־וחלילה צו־ליב לוטערס יידנפיינטלעכע און רעאַקציאָנערע נייגונגען, נאָר הויפּט־זאַכלעך דערפאַר, וואָס לוטער האָט באַנייט, באַלעבט דאָס קריסטנטום אין אַ מאָמענט ווען ס'איז געווען באַזיגט, געשטאַנען אויפן ראַנד פון אומקום ; געצאַפּלט זיך אין קאָנוואולסיעס.

ניטשע איז דער באַזינגער פון נאַפּאָלעאָנען, וואָס איז פייאיק צו באַ־פעלן און הערשן. לויט זיין מיינונג איז באָנאַפּאַרט דער אידעאַלער סינ־טעז פון קראַפט־נאַטור און אויבערמענטש . . .

ווי ס'איז שוין צו זען פון די פריערדיקע באַמערקונגען, איז אויס־געשלאָסן די מעגלעכקייט צו אידענטיפיצירן ניטשען מיט אונדזערע פּראָגרעסיווע, עטיש־מאָראַלישע איינשטעלונגען. אויב מ'האָט אַמאָל זיך געקאָנט דערלויבן דעם לוקסוס פון אַריינעמען ניטשען אין דעם פּאַנטעאָן פון פּראָגרעסיווע דענקער, צוליב זיין אַבסטראַקטן, אומבאַשטימטן ניט דערגאַנצטן אופן פון דענקען־פאָעטיזירן, איז עס היינט, — אין דער פּראַגמאַטיש, בלוטיק־חוזק'דיקער עפּאָכע, ווען דער מענטשלעכער מין שטייט פאַר אונדז אַנטבלויזט, געפינט זיך אויף אַ משופּע'דיקן פעלדז, פון וועלכן ער קאָן זיך אַראָפּגליטשן אין דער שאול־תחתיה אַריין—פּורער אומזין. ס'וואָלט פּשוט געמיינט זיך רייצן מיט אונדזערע צערודערטע נערוון.

אויב ניטשע איז אַמאָל פאַר אונדז געווען אומפאַרשטענדלעך, איז ער שוין היינט ביז גאָר פאַרשטענדלעך. אויב מיר האָבן פאַר אים ניט גע־קאָנט געפינען די באַשטימטע, די קאָרעקטע קריטישע קאָנצעפּציע, איז פאַר אונדז היינט גאָרנישט שווער אָנצואווייזן אויף איר. אויב בראַנדעס האָט נאָך געקענט אין די 90ער יאָרן געפינען אַ זכות אויף ניטשעס פי־לאָזאָפישע רעיונות און זיך קיין זייער איבערקלייבערישע עפּיטעטן אויפן חשבון פון דעם גרויסן פסיכאָלאָג־מאָראַליסט מאַקס נאָר־

זוי, וואָס האָט שוין דעמאָלט אָנגעוויזן צו וואָס פאַראַ פאַטאַלע קאָנסעק־ווענצן ניטשעס עגאָ־צענטרישע אידייען קאָנען דערפירן דעם מענטשן, — איז אַזאַ זכות היינט אומדענקבאַר. ס'וואָלט פּשוט געווען אַ קאָמישער פּאַראַדאָקס. יאָ, נאָרדוי איז אין זיין שאַרפער קריטיק איבער ניטשען געווען רעאַליסטישער, ווייטזעעוודיקער פון בראַנדעסן. אפשר דערפאַר וואָס נאָרדוי איז געווען יידישער, געוואָרצלט טיפער אין יידישער געשיכטע, יידישער מענטאַליטעט . . .

ס'זיינען נאָך ביים היינטיקן טאָג פאַראַן זייער חשוב'ע פּובליציסטן־דענקער — און דווקא אַזעלכע וואָס שרייבן אין אונדזערע לשונות — וואָס זוכן ניטשען אָוועקשטעלן איבעם אויבנאָן פון פּראָגרעסיוון געדאַנק. ווען מיר זעען צו וואָס זיין דעמאָנישער געדאַנק פון אַ „האַרן־פאָלק" האָט דערפירט, אַ י צ ט באַרעכטיקן זיינע אידייען — ווייזט אויף ווי ווייט ניטשעס פילאָזאָפיע האָט אָנגעגריפן אונדזער פּסיכיק.

ניטשע איז בלי־ספק געווען אַ געניאַלער שריפטשטעלער. ער איז אפשר געווען איינער פון די גרעסטע מייסטער פון דייטשן אויסדרוק. ער קען אויסגיסן זיינע אידייען אויף אַן אופן וואָס לאָזט זיך פאַרגלייכן צום סטיל פון אונדזערע נביאים. זיין אויסדרוק איז דינאַמיש, אויפציטערנדיק. ער שרייבט מיט פייער און די פלאַמיקע ווערטער צינדן דאָס פּאַפּיר אויף וועלכן זיי זיינען כאַאָטיש אָנגעוואָרפן. אָבער די פּאָעטיש־צעהעלטע רעיונות און עמאָציעס זיינע — זיינען ביז גאָר שעדלעך, געפערלעך.

ניטשעס געניאַליטעט איז ווייט ניט קיין מאָס און קיין וואָג צו באַרעכטיקן זיינע צעטומלטע אידייען. מאַקיאַוועלי, דער פלאָרענטינער — פּאָליטיקער און בעל־חלומות, איז, אויף זיין שטייגער, געווען געניאַל — אָבער מיר זיינען דאָך ניט גרייט זיך איינצושפּאַנען אין דעם וואָגן פון זיינע הערש־פּרינציפּן. דאָסטאָיעווסקי איז זיכער געווען אַ גאון פון אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגיע, אָבער זיינע סאָציאַלע באַגריפן זיינען ניט אַלעמאָל געווען געבויט אויף אונדזער באַגריף פון יושר. ער איז געווען אַ רעאַקציאָנער פון ערגסטן סאָרט און האָט פאַרמאָגט אַ זייער מיאוס'ן כאַראַקטער. ניין, צום גרויסן באַדויערן, איז געניאַליטעט ניט אַלעמאָל דער סינאָנים פון מענטשלעכער חשיבות.

ניטשע, דער לעסטערער, דער באַקעמפער פון דער קריסטלעכער מאָראַל איז אין זיין וועזנטלעכקייט אַנטי־יידיש. מיר ווייסן, אַז ניטשע האָט באַוואונדערט דעם יידישן אינטעלעקט, האָט אַרויסגעוויזן דאָ און דאָרט פּיעטעט צו יידישע שאַפונגען און אירע טרעגער — און דאָך — דאָך איז ניטשע אַנטי־יידיש. ער איז דער פאָטער פון פילאָזאָפישן דויי־

טשישן אַנטיסעמיטיזם. מ׳קאָן אים זיכער ניט אידענטיפיצירן מיט אַ גראָב־יונגערישן, נידעריק־געזונקענעם שטורעם־טרופּער. אָבער זיינע אידייען האָבן דאָך סטימולירט און „אינספּירירט״ אַט־יענעם אַפּפאַל פון מענטשלעכן מין . . .

ס׳איז דאָך געווען ניטשע, וואָס האָט דורך זיין „אַזוי רעדט זאַראַטוסטראַ״ פּראָקלאַמירט פאַר דער וועלט די נייע רעליגיע, די נייע עשרת־הדברות. האָט ער דאָך דאָרט מאַניפעסטירט: — „איר זאָלט ליב האָבן דעם שלום ווי אַ מיטל צו נייע מלחמות״ . . . און אַז — „קריג און קור־ראַזש האָבן אויפגעטאָן מער גוטע זאַכן ווי ליבע צום אַנדערן״, אַז — „די נאַטור לערנט אונדז אַז דער מעכטיקער איז דער גערעכטער״ . . . און אַז, „די געשיכטע דערציילט אונדז פון גרויסע גיבורים־העלדן, וואָס האָבן אוועקגעשטעלט הינטערן רוקן די זיס־זויערע דרשות וועגן מאָראַלישע פּרינציפּן; און אַז זיי האָבן דורך אַ שטאַרקער פויסט דעראָבערט פאַר זיך דאָס לעבן און אַלץ פונעם לעבן און צעטראָטן ווי ווערים יענע וואָס פּלאָנטערן זיך צווישן די פיס״ . . .

פילט איר דאָ אין די ציטירטע שורות ווי עס וויעט פּראַקטיקער ציניזם, גרינגשעצונג צו די יעניקע וואָס חלומ׳ען פון בויען אַ וועלט וואו צדק און יושר זאָלן ווערן די דאָמינירנדיקע פאַקטאָרן, און אַז ניט די פּרימיטיוו־רויע נאַטור־אינסטינקטן זאָלן באַלעבאַטעווען איבער אונדז.

אָט זאָגט ער אין זיין „צור גענעאַלאָגיע דער מאָראַל״: — „די קריסטלעכע קירך איז אַ לעגיטימער יורש פון דער ירידה־תקופה פון יהדות . . . דאָס זיינען געווען די יידן וואָס האָבן רעוואָלטירט די אַריסטאָ־קראַטישע ווערטן פון איידל און שטאַרק, פון שיין און גליקלעך. אין דער דאָזיקער איבערשאַצונג ליגט די פאַטאַלע ראָל פון יידנטום. די יידן האָבן פּראָפּאַגירט די העלדן־מאָראַל. אָרים, שוואַך — זיינען געוואָרן סינאָני־מען אין דער יידישער געשיכטע פאַר גוט און איידל, — כמעט פאַר צדקות. דאַקעגן, אָבער, נאָבל, אַריסטאָקראַטיש, פיזיש־שטאַרק, זיינען פאַרדאַמט געוואָרן דורך די יידישע נביאים און זיינען געוואָרן די פאַר־קערפּערונג פון רשעות״.

אין אַן אַנדער אָרט פרעגט ער: „וועלכע פון די רעליגיעזע סיסטע־מען האָט גובר געווען: רוים אָדער יהודה? פאַר וועמען האָט מאָראַ־ליש געבויגן דעם קאָפּ די שטאָלצע רוים, ניט נאָר רוים, נאָר אַ האַלבע וועלט — אומעטום, וואו דער מענטש איז באַגרענעצט, געצוימט געוואָרן? — פאַר דריי יידן און איין יידישקע: ישו פון נוצרת, דער פישער פּי־טער, שאול דער געצעלטן־בויער און יעזוס׳ מוטער, מרים . . .״

אַט האָט איר פאַר זיך דאָ באַנייט דעם אַלט־אַלטן אידייאישן געראַנגל: רוים און ירושלים. העלעניזם און יידנטום. ניטשעס גאַנצע פילאָזאָפיע איז אַ שאַרפע רעאַקציע קעגן יידנטום. אויב קריסטנטום איז דער לעגיטימער, לאָגישער המשך פון היסטאָרישן יידנטום — איז דאָך דאָס יידנטום דער עצם אָביעקט פון ניטשעס פילאָזאָפיע. אָן יידנטום וואָלט ניטשעס גאַנצע חקירה וועגן „האַרן־מאָראַל" און „שקלאַפן־מאָראַל" גאָר ניט געהאַט קיין פּלאַץ.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז ווען ניטשע אין זיין „אַנטיקריסט" און „צו דער גענעאַלאָגיע פון דער מאָראַל" און אין אַנדערע אַנטי־קריסטלעכע ווערק זיינע, אַטאַקירט די קריסטלעכע טעאָלאָגן און מאָראַליסטן, איז זיין צאָרן אַלעמאָל אַמשאַרפסטן קעגן די ערשטע קריסטן. ס'איז קלאָר די כוונה. דער אידייאישער ריס צווישן די ערשטע קריסטן און יידן איז נאָך ניט געווען אַזוי שאַרף־מחיצה'דיק. די ערשטע קריסטן האָבן, לויט ניטשען, נאָך געוואָרצלט אין יידישער מאָראַל, יידישע מנהגים און טראַדיציעס.

טאָלסטאָי האָט אויך אָנגעוויזן אויף שווערע זינד מצד דעם קריסטנטום אין משך פון די לעצטע ניינצן הונדערט יאָר. אָבער טאָלסטאָי זוכט באַקעמפן דאָס אויסגעלאָסענע, דאָס פאַלשע, דאָס פּאַגאַנישע אין קריסטנטום. ער זוכט זיך אומקערן צום אמת'ן קריסטנטום פון ישו'ס צייטן, צו די לערעס פון די יידישע נביאים. ער זוכט דעם מקור, די נשמה פון קריסטנטום — דערפאַר זיין קאַמף קעגן דער אָרגאַניזירטער קירך. טאָלסטאָי וויל אַרויסרייסן די הערשאַפט פון די הענט פון די סאָציאַל־פּריווילעגירטע און זי אומבייטן מיט אַ סיסטעם וואָס זאָל זיין באַזירט אויף דער אָנערקענונג פון גלייכהייט און פרייהייט פאַר אַלע מענטשן אָן אונטערשייד.

זיכער זיינען אין טאָלסטאָי'ס שיטה — אין אָנגעזיכט פון דער צייט פון עראָפּלאַן און טעלעוויזיע — פאַראַן שווערע טעות'ן. טאָלסטאָי האָט ניט געטראַכט אין דער טיף־דימענסיע. ער האָט ניט געזוכט דערפירן זיינע סאָציאַל־רעליגיעזע געדאַנקען צו דער לעצטער קאָנסעקווענץ. טאָלסטאָי האָט, אָבער, טיפן דרך־ארץ פאַרן מענטש וואָס איז געפורעמט אין געטלעכן געשטאַלט. זיכער איז דער מענטש ניט קיין מלאך, — אָבער, אויך ניט קיין טייוול.

אין ניטשעס וועלט פון חלומות, מעדיטאַציעס, געפילן איז ניט פאַראַן קיין איין טראָפּן ליבע צום מענטש. דער עקסטרעמער עגאָאיזם דאָמינירט. דער מענטש איז אַ מיטל צו אַ ציל. ליים אין די הענט פון טעפּער. אַ שטיין אויף וועלכן מ'דאַרף טרעטן. אַ לייטער צום קלעטערן צו זעלבסט־גליק.

דער מענטש, דער פּשוט'ער מענטש, וואָס איז אונטערגעוואָרפן די קאַפּריזן פון אויסדערוויילטע יחידים און סאָציאַלע סיסטעמען — דאַרף צעטראָטן ווערן ווי אַ וואָרים אונטערן אָפּצאַס. קיין מיטלייד, קיין רחמנות. מיטלייד, רחמנות — דאָס איז די פילאָזאָפיע פון די פּחדנים און שוואַכלינגען. הערט ניט דאָס שלוכצן, דאָס קרעכצן פון שקלאַף, פון דער שוואַכער, אונטערגעדריקטער מינדערהייט . . .

„אונדז האָט מען געלערנט: שטויס ניט דעם וואָגן וואָס פאַלט — אָבער זאַראַטוסטראַ זאָגט: — ווער עס פאַלט זאָל פאַלן און דו גיב אים דעם לעצטן שטויס. קיינער קאָן ניט איינהאַלטן דאָס צעפאַלענע, אָבער זאַראַטוסטראַ וויל נאָך זיין צעשמעטערער" . . .

באַאיינפלוסט פון פּלאַטאָס און רענאַנס קולטור־פילאָזאָפיע פון גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע, ווייזט ניטשע אַרויס אַן אומגעהייערע פאַראַכטונג צו דער דעמאָקראַטישקייט פון פאָלק. בראַנדעס, דער קריטיקער וואָס האָט געשריבן וועגן ניטשען סימפּאַטיש, און האָט, אַפילו געקרייצט שווערדן מיט מאַקס נאָרדוי'ן, וואָס האָט געוואַגט ניטשען אַראָפּרייסן, אַנטראָניזירן. שרייבט בראַנדעס: „אין ניטשעס האַס צו דער פרויען־עמאַנציפּאַציע רעדט פון אים אַרויס דער אַלטער פּאַטריאַרכאַלישער דייטשער גייסט, וואו די פרוי איז געבליבן אָפּגעצוימט אין פּריוואַטן הויז־לעבן" . . .

אין היטלערס „מיין קאַמף", די ביבל פון נאַציזם, ווערן אַרויסגעבראַכט ענלעכע געדאַנקען. דאָס אָרט פון דער פרוי געהערט אין קיך. איר הויפּט באַרוף — דינען דעם שטאַט דורך געבוירן קינדער.

אין אַן אַנדער אָרט אין זיין ביאָגראַפישער אַרבעט איבער ניטשען שרייבט בראַנדעס: „מען מוז זיך מודה זיין אַז וויפיל ניטשע שטרענגט זיך ניט אָן צו זיין דאָס וואָס ער איז אין דער ווירקלעכקייט, ד.ה. אַ פּוילישער אַדעליקער, אַן אייראָפּייער, אַ וועלט־מענטש, אַ קאָסמאָפּאָליטישער דענקער, דערשמעקן מיר אין אים אָבער באַלד דעם רויען, אומראַפינירטן דייטשישן פּראָפעסאָר, ווי נאָר ער נעמט זיך צו זיינע קעגנער" . . . יאָ, אויך אין דעם פּרט קאָן מען געפינען אַזויפיל ענלעכקייט אין די יעזואיטישע מעטאָדן וואָס ווערן באַנוצט און אָנגעווענדט פון היטלעריזם קעגן זייערע פּאָליטישע שונאים.

ווייטער אין אַן אַנדער אָרט זאָגט בראַנדעס: „דער דייטשישער פּילאָזאָף האַרטמאַן און ניטשע ווייזן אָן אויף דער קולטורעלער השפּעה פון מלחמה. איןביידן שפּיגלט זיך אָפּ דער אַלמעכטיקער מיליטאַריזם פון דער נייער דייטשישער אימפּעריע. כאָטש ניטשע באַקעמפט ביסמאַרקן איז ער פונדעסטוועגן זיינער אַ שטאַרקער תלמיד. האַרטמאַן ווי ניטשע גלויבן אַז בלוט וועט אויסלייזן די וועלט" . . .

נו, איז די דייטשע מיליטערישע קליקע און דער היטלעריזם ניט געטריי און קאָנסעקווענט צו זייער טעאָרעטישן פאָרגייער פון „האַרן־פאָלק" און „אויבערמענטש"?... האָט ניט מאָלטקע באַרימט געמאַכט זיך מיט דעם פאָלגנדיקן דיקטום: — „אייביקער שלום איז אַ חלום — און אפשר ניט קיין שיינער חלום. מלחמה איז אַן עלעמענט אין דער נאַטור וואָס איז דורך גאָט אַליין באַשטימט געוואָרן. אָן קריג וואָלט די וועלט קיין פנים ניט געהאַט, זי וואָלט געווען מאַנאָטאָן, נודנע און אומאינ־טערעסאַנט"...

לאָמיר דאָ אויך ברענגען איייניקע סענטענצן פון היטלערס „מיין קאַמף", וואָס בייטיקן זיך ניט אין קיין קאָמענטאַרן. דער פאַראַלעל, דער פאַרגלייך איז אויבנאויף. אָט שרייבט היטלער: „די יידישע דאָקטרין איז קעגן די אַריסטאָקראַטישע פּרינציפּן, קעגן דער נאַטור פון שטאַרקע און מעכטיקע... דער ייד איז דער סימבאָל פון אַלץ וואָס איז שלעכט, וואָס צעפאַלט; די פערזאָניפיקאַציע פון טייוול אַליין... דעמאָקראַטיע איז דאָס ווערק פון שטן; אַריסטאָקראַטיע, דיקטאַטור — די אַרבעט פון גאָט אַליין"...

וואָלטן מיר צופעליק געלייענט אין ערגעץ די דאָזיקע סענטענצן, ניט וויסנדיק אַז זיי זיינען דאָס אייגנטום פון דעם בלוטיקסטן הענקער, וואָלטן מיר פאַרדעכטיקט, אַז דאָס זיינען ניטשעס „פערל".

היטלער האָט ניטשעס פילאָזאָפיע, נאָר געמאַכט אומגעלומפּערט.

אויך דער פאַשיסטישער הויף־דיכטער, גבריאל דאַנונציאָ איז ני־טשעס אַ געטרייער תלמיד. ער האָט אפילו געשאַפן אַ באַזונדערע פּאָע־טישע שול וואָס האָט געזונגען צום גאָט פון נאַציאָנאַלן עגאָטיזם און צום „אויבערמענטש"; גערופן צוריק צו די פּאַגאַנישע טראַדיציעס פון אַמאָליקן רוים.

ניטשע איז געווען אַ גענויאַלער סטיליסט — דעריבער איז ער פון היסטאָרישן פּערספּעקטיוו — שעדלעכער, דעסטרוקטיווער, ווייל זיינע פּאָעטישע דיפיראַמבן פאַרמאָגן דעם עלעמענט פון דויערנדיקן ווערט, פון רעלאַטיווער אייביקייט...

אין די מערסטע קריטישע אָפּהאַנדלונגען און שטודיעס איבער ני־טשען מערקט זיך דער עסטעטיש־אימפּרעסיאָניסטישער מעטאָד. די קרי־טיקער זיינען פּשוט פאַר׳שיכור׳ט פון ניטשעס פּרעכטיקן סטיל. אַזאַ צוגאַנג איז העכסט פאַרפירעריש. ניטשעס א י ד י י ע ן און ג ע־ד אַ נ ק ע ן דאַרפן ווערן דער צענטער פון קריטישן אַנאַליז און ניט זיין סטיל.

ניטשעס באַטראַכטן אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן איז פון אַן עגאָ־צענטרישן, פּסיכאָפּאַטישן, סופּער־סוביעקטיוון קוק־ווינקל — דעריבער

אַזויפֿיל שנאה צום מענטש. ער איז דער היפּוך, דער קאָנטראַסט פֿון אונדזער נביאים־מאָראַל, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט דעם עטישן מענטשן איבער אַלץ. דער „בין אָדם לחבירו" איז אונדזער עסענץ, אונדזער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו. ניטשעס „איבערמענטש" איז דער דעמאָנישער, אַטאַוויסטישער, וואַלד־מענטש וואָס לאָזט זײַנע חיה'שע אינסטינקטן הפקר'דיק באַלעבאַטעווען.

די מיקראָבן פֿון ניטשעס פֿילאָזאָפֿיע האָבן שוין היפּש אָנגעשטעקט אונדזער סאָציאַל־אָרגאַניזם — און ס'איז באמת אַ קליניש־היגיענישע אַרבעט פֿון געניטע פּעדאַגאָגן־פּסיכאָלאָגן, כּדי צו באַזײַטיקן די פּאַר־דאָרבנדיקע מיקראָבן וואָס זוכן צו צעפרעסן ניט נאָר די בלעטער פֿון אונדזער בוים, נאָר די סאַמע וואָרצלען פֿון אונדזער שטאַם.

ס'ווילט זיך האָפֿן אַז דורך אַט־דער באַשיידענער כאַראַקטעריסטיק פֿון ניטשען וועלן מיר סטימולירן, אָנרעגן צו דערזען ניטשען פֿון אַן אַנדערן פּערספּעקטיוו — וואָס דאָס איז, אייגנטלעך, געווען דער לייט־מאָטיוו פֿון אַט־דער אַרבעט.

1944

די רעטעניש — דר. חיים זשיטלאָווסקי

אויף די עלטערע יאָרן האָבן זשיטלאָווסקי׳ס ליטעראַריש־געזעל־
שאַפטלעכע טעטיקייטן אַרויסגעהייבן אויף אונדזער יידישער גאַס פּאָלע־
מישע וויכוחים, וואָס האָבן זיכער גאָרניט צוגעטראָגן צום אינטעלעק־
טועלן עשירות פון זשיטלאָווסקי׳ן. זיינע פאַרפלאָנטערטע, קאָנפליק־
טירנדיקע, געזעלשאַפטלעך־פּובליציסטישע מיינונגען האָבן אַרויסגערופן
אונדזער שאַרפן פּראָטעסט און גלייכצייטיק — אונדזער פאַרוואונדערונג.
זיינע בעכטיקע אידעאָלאָגישע מיטגייער און תלמידים זיינען גע־
בליבן דערשטוינט פון זיינע אַרויסטרעטונגען. זיינע קאַפּריזן אין אַזעל־
כע פאַרוויקלטע, ערנסטע ענינים איז פּשוט געווען שווער איינצובייסן און
פאַרשטיין. עס האָט זיך אָפּטמאָל אַרויסגעריסן אַ שווערער זיפץ פון
האַרצן:—וואָס איז געוואָרן פון אָט־דעם ראַפינירטן איינציקאַרטיקן יידישן
דענקער ?!
ער, דער שיין־גייסט, דער אינדיווידואַליסט, דער איקאָנאָקלאַסט,
מיט דעם אָריגינעלן בליק איבער פאַרוויקלט־סאָציאַלע פּראָבלעמען, איז
גאָר געוואָרן אַ מיטפאָרער אויף אַ פרעמדן וואָגן און אַ דאָגמאַטיש־גלויב־
ביקער אין אַ וועלט־באַנעם, וואָס ער האָט כמעט אַ לעבן לאַנג אָוועקגע־
געבן צו באַשטרייטן זיין וויסנשאַפטלעכן אמת . . .
זיין וואָרט האָט געצונדן הערצער, סטימולירט, גערעגט צו פאַרטי־
פונג און דערהייבונג. זיין מעטאָד פון דענקען, ווי ער אַליין כאַראַקטע־
ריזירט זיך אין אַ בריוו צו זיין פריינט ש. אנסקי — . . „איז די דיפ־
רענציעלע רעכענונג! אָט פון דעם־אָ אַבסאָלוט־זיכערן טרעפּל דאַרף
מען אָנהייבן אַרויפשטייגן צו גאָט . . .״ („ליט. בלעטער״, נומ׳ 21, 1934)
זיין קאָנסטרוקציע — די אַרבעט פון קינסטלערישער אַרכיטעקטור. זיין
אַנאַליז און סינטעטישע באַגרינדונג — שאַרפזיניק און מייסטערהאַפט.
אָבער אין די לעצטע יאָרן זיינע, ווען מ׳האָט געלייענט זיינס אַן
אַרבעט, האָט מען דערפילט אַ גרילצנדיק־שרייענדיקן דיסאָנאַנס אין זיין
שאַפן. מיר האָבן שוין ניט הנאָה געהאַט פון דעם זאַפטיקן, עכט־פאָלקס־
טימלעכן הומאָר וואָס האָט געקוואַלט פון זיינע עסייען און אַרטיקלען. זיי־
נע געדאַנקען פאַרמאָגן שוין ניט די געשליפנקייט און פּרעציזקייט פון
דעם מייסטער־לאָגיקער. עס פעלט אויך אין זיי דער עטישער עלעמענט
צו זיינע קעגנער און צו מענטשן בכלל — דער עלעמענט וואָס איז דאָך
אַלעמאָל געווען דער תוך פון זשיטלאָווסקי׳ס קרעאַטיוון לעבן. די פאַר־
מולירונגען פון זיינע געדאַנקען־פאַראַגראַפן ליידן אין מאַנגל פון קלאָר־

קייט און פשטות — איינע פון די כאַראַקטעריסטישע מעלות וואָס האָט זשיטלאָווסקי'ן אַזוי באַליבט געמאַכט אויף דער יידישער גאַס.

מיר וואָלטן זיכער ניט געוואָלט זאָגן דאָס וואָס מיר האָבן געזאָגט, ווייל אונדזער באַציאונג צו זשיטלאָווסקי'ס שאַפן איז אַלעמאָל געווען אַ באַענט־וואַרימע. אָבער מיר גלויבן ניט, צי זשיטלאָווסקי דער פ ר י י ע ר ד ע נ ק ע ר, וואָלט געוואָלט אַז מיר זאָלן זיך באַנוצן מיט אַן עמאָציע־סענטימענטאַלער מאָס צו שאַצן און אורטיילן זיין לעבנס־אַרבעט. האָט ער דאָך אַלעמאָל אונדז, זיינע לייענער און תלמידים, מיטגענומען אויף זיין וועג פון אָביעקטיווע אמת־עקסקורסיעס. דעריבער ווען מיר אין אונדזער אָפּהאַנדלונג זיך באַנוצן מיט דעם זשיטלאָווסקי־מעטאָד פון אַנאַליז און קריטיק. מיר האַלטן, אַז דווקא איצט, ווען מיר זוכן אונטערציען סך־הכל'ען, אַרויסהייבן דאָס דויערנדיקע, דאָס קאָנסטרוקטיוו־פּאָזיטיווע פון זיין לעבנס־גאַנג, דאַרף מען — און מ'זאָל — אָנווייזן ניט נאָר אויף די ליכטיקע ווינקלען, נאָר אויך אויף די שאָטן־זייטן.

זיינע לעצטע אַרויסטרעטונגען האָבן פאַר אונדז באַוויזן זשיטלאָווסקי'ן אין דער גאָרניט־צוגעפּאַסטער ראָל פאַר אים. אין דער ראָל פון דעם שאַרפן סאַטיריקער און וויטריאָל־בייסנדיקן פּאָלעמיקער. מיר האָבן ניט געזען פאַר זיך דעם דענקער־עטיקער מיט די זשענטלמענישע מאַניערן, ווי ער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז אין זיינע קולטור־פילאָזאָפישע ווערק — און ווי ס'איז געווען זיין געוואוינהייט אין די באַציאונגען צווישן חברים און מענטשן . . .

מיר האָבן אים אַלעמאָל באַוואונדערט, אַפילו ווען זיין קאָפּ־גימנאַסטיק אינספּירירט אונדז ניט מיטצופאָרן אויפן וואָגן פון זיינע „אידייען־פאַרבינדונגען". אָבער איר האָט אַ גייסטיקע הנאה פון זיין חריפות־דיקער, מענטשלעך־עטישער נידער. איר פילט אַז ער איז המשך פון אַלט־אַלטע יידישע טראַדיציעס, פון אונדזערע נביאים, תנאים, גאונים, וואָס שפּינען זייערע פילאָזאָפישע רעיונות פון היסטאָרישער יידישקייט. אייך דוכט זיך, אַז דורך זשיטלאָווסקי'ס מאַרך־געפעסן רעדן אַרויס די שטרענגע מוסר־רייד פון אונדזערע אַלטע חכמים און מגידים — און גלייכצייטיק דאָס בטחון־וואָרט פון אונדזערע נביאים. ער שטראָפט, אָבער גלייכצייטיק זוכט ער דאָס גרויסע טרייסט־וואָרט, די תרופה פאַר זיין געיאָגט און געפּלאָגט פאָלק ישראל . . .

ניין, ווען מיר האָבן לעצטנס געלייענט אַרטיקלען פון זשיטלאָווסקי'ן, מוזן מיר מודה זיין, הערן מיר מער ניט די אָנגעזאַמלטע חכמה פון דעם יידישן תלמיד־חכם . . . עפּעס אַ מאָדנער קאָמפּלעקס, אַ פאַרווירעניש פון זיין נשמה האָט צעדריבלט זיין נעכטיקע פאַרבנרייכע ביאָגראַפיע — און רופט ביי אונדז אַרויס פיל חשדים און ספקות . . .

יאָ, אַזעלכע טרויעריקע מחשבות בייסן אונדזער געוויסן און טריי־

בערן אונדזער מוח . . . אָבער מיר טרייבן פון אונדז דידאַזיקע מעדיטאַ־ציעס, ווי זלידנע פליגן וואָס פייניקן אונדזער גוף אין אַ הייס־זומערדיקן יולי־טאָג! . . .

זיינע געדאַנקען זיינען אַלעמאָל געווען פאַר אונדז מוסטערן פון לאָ־גיש דענקען. לעצטנס זיינען זיינע געדאַנקען געווען אָנגעפּיקעוועט מיט סתירות און סאָפיסטישער האָר־שפּאַלטונג.

מיר ווייסן אַז דאָס לעבן איז עלאַסטיש־דינאַמיש — און מיר קענען ניט דערוואַרטן, אַז אונדזערע דענקער, פילאָזאָפן, זאָלן אין זייער דיאַלעק־טישער וועלט פון טראַכטענישן ניט באַאיינפלוסט ווערן פון אונדזער צייט. צייט איז געוויס אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער פורעמונג פון אונדזערע גייסטיקע וועלטן. „קיינער קאָן ניט אַריבערשפּרינגען זיין צייט" — דאָס איז געוויס אמת. אָבער סוף־כל־סוף איז דאָך אונדזער גייסטיקע פּראָדוקציע ניט געגליכן צום טאָג־טעגלעכן רוטין פון בייטן אונטערוועש אָדער הענטשקעס . . . וואָלט עס אַזוי געווען, וואָלט דאָך דער גאַנצער ענין פון אָנשפּאַרן זיך אויף גייסטיקע ווערטן געווען אַן אומזי־ניקער אַבסורד . . .

וואָלטן מיר ניט געפאָדערט אַ געוויסע אויסגעהאַלטנקייט, אַ קאָנ־סעקווענטקייט פון אונדזערע אידייען־באַגריפן, וואָלט אונדזער גאַנצע קולטור־וועלט און אַלע אָנגעזאַמלטע גייסטיקע אוצרות אין אונדזער קול־טור־שפּייכלער, געשטאַנען אויף הינערשע פיסלעך . . . דער אמת'ער גייסטיקער שעפער, דער גרויסער דענקער־פילאָזאָף זוכט צופּאַסן די וועלט — בעסער געזאָגט, דעם מענטש — צו זיינע אידייען און פילאָזאָ־פישע קאַטעגאָריעס. ער נעמט זיין שאַפן ערנסט און איז אַפילו גרייט מקריב צו זיין זיין פיזישע עקזיסטענץ פאַר זיינע אידייען . . .

ווי האָט ער, זשיטלאָווסקי, אין אַן אַרטיקל־סעריע אין „טאָג", אַלס דער דריטער צד, געקאָנט שרייבן די פאָלגנדיקע שאַקירנדיקע זאַצן — „משמעות, אַז היטלער איז פאַרט גערעכט, ווען ער וויל אַלע דייטשע מי־נאָריטעטן אַריבערנעמען אין אַ פאַרגרעסערטן דייטשלאַנד; פונקט ווי ער איז געווען אַבסאָלוט גערעכט, ווען ער האָט אינקאָרפּירירט אין דעם דייטשן שטאַט עסטרייך, די סודעטן־דייטשלאַנד, מעמל, דאַנציג און דעם פוילישן קאָרידאָר . . ." דאָרטן ווייטער — „דער דריטער צד וויל ניט פאַרשווייגן דעם אמת, ווי ביטער ער זאָל ניט זיין פאַר דעם אָדער יענעם צד אין אונדזער לעבן . . ." („טאָג", דעם 19טן נאָוו., 1939).

וואָס פאַראַ צעטומלעניש האָבן אַזוינע געדאַנקען געמוזט אַרויסרופן ביי אַ סך פּראָגרעסיווע, ליבעראַלע און סאָציאַליסטישע לייענער. ער, דער עטיקער, דער מאָראַל־זוכער, וואָס האָט אַ לעבן לאַנג באַוויזן מיט זיינע אומצייליקע אַרטיקלען און לעקציעס, אַז — „פרייהייט איז פונקט אַזוי וויכטיק ווי לופט צום אָטעמען..." זאָל גאָר איצט געפינען „ י ו ש ר

און געדעכטיקייט" ביי איינעם פון די בלוטיקסטע, באַר־באַרישסטע מלוכה־סיסטעמען אין אונדזער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע . . .

אַזעלכע אינטריגירנדיקע געדאַנקען האָבן אויפגעריסן ווי דינאַמיט. מ'האָט זיי ניט געקאָנט אַרונטערשלינגען מיט אָלימפּישער רואיקייט. ס'וואָלט געווען אַ גרויסע עוולה, אויב מ'וואָלט אַזעלכע רייד פאַרשוויגן, איגנאָרירט — ווייל זשיטלאָווסקי איז אַ צו־וויכטיקע פירמע אין יידישן לעבן, פון יידישן געדאַנק. צוליב דעם כבוד פון זשיטלאָווסקי'ס פופציק יאָר שאַפן האָט מען ניט געטאָרט פאַרזען אַזעלכע שאַרפע, ביז־גאָר געפערלעכע געדאַנקען . . .

אָדער ווי קאָן זשיטלאָווסקי שרייבן אין 1937 — „. . . דער אַר־טיקל 126 (פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע) מיט פאַרשטאַרקטער דיקטאַטור פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי מאַכט אַן אמת'ן חורבן, אי פון דער דעמאָקראַטיע, אי פון דער פרייהייט . . .

„און זאָלן מיר רופן די מאַסן צו אַזאַ „סאָציאַליסטישן" רעזשים אין וועלכן עס בלייבן באַשטיין: — סחורה־ווירטשאַפט, ביז צו אַ געוויסן גראַד געלט־ווירטשאַפט און לוין־שקלאַפעריי, — אַפילו ווען גוט באַצאָלט, — און נאָך דערצו מיט אומגלייכע לוינען, ניט נאָר לויט קוואַנטיטעט פון דער געליפערטער אַרבעט, נאָר אויך לויט איר פאַרשיידענער קוואַליטעט? און דאָס זאָל הייסן סאָציאַליזם? וואָלט סטאַלין אַרויסגעקומען מיט אַזאַ „סאָציאַליסטישן פּראָגראַם" אין די צייטן פון אַ מאַרקס און ענגעלס, וואָלט ער געכאַפּט פון זיי נאָך אַ מיאוס'ערן אָפּשניט, איידער פּרודאָן האָט געכאַפּט פון מאַרקס'ן און דיורינג פון ענגעלס'ן . . .

„די געפאַר פון סטאַלינ'ס אויסטייטש פון זיין קאָנסטיטוציע באַ־שטייט דערין, וואָס דער סאָציאַליזם קאָן דערביי אַרויף אויף דעם זעלביקן וועג באַרג־אַראָפּ אויף וועלכן דאָס קריסטנטום האָט זיך אַראָפּ־געקייקלט אין דעם זומפּ פון זיין אייגענעם היפוך . . ."

אָט אַזוי האָט אונדזער דוים זשיטלאָווסקי געשריבן וועגן „סאָציאַ־ליזם" אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין יאָר 1937. (לייענט אין מאַי־נומער „צוקונפט" פון זעלביקן יאָר).

מיר וואָלטן די ציטאַטן פון יענעם מערקווירדיקן אַרטיקל געקאָנט פאַרגרעסערן, אָבער מיר האָבן איצט ניט בדעה זיך צוצורירן צו אַן אַל־טער וואונד און אָפּפרישן דעם זכרון פון אַ סך זשיטלאָווסקי'ס חסידים, ווייל ס'קאָן זיי נאָך פאַרשאַפן צופיל פאַרדרוס און אומזיסטן עגמת־נפש...

אָבער איצט וועל איך זיך דערלויבן ציטירן וואָס זשיטלאָווסקי האָט געזאָגט צו דער געלעגנהייט פון 25 יאָר „סאָציאַלע רעוואָלוציע" אין ראַטנ־לאַנד, ד"ה אַ סך־הכל פון זייערע ביז איצטיקע דערגרייכונגען. ער שרייבט: „מיר דאַרפן באַגריסן אַלע פעלקער פון סאָוועטנלאַנד — די

„היסטאָרישע" ווי די „אומהיסטאָרישע" — צו דעם יובל יום־טוב פון יענע טעג, וואָס האָט אָפּגעשאַפט די הערשאַפט פון דעם פּריוואַט־קאַפּי־טאַליסטישן רעזשים, און האָט דערמיט געעפנט פאַר זיי אַ פרייען וועג פאַר דעם אויפבוי פון אַ גערעכטער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג". („פרייהייט", נאָוועמבער דעם 7טן, 1942).

אָדער, אַט שרייבט ער אין אַ ביכל, אַרויסגעגעבן פון „איקאָר" („די לייזונג פון דער יידנפראַגע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד") ז. 14: „. . . די פון אונדז וואָס גלויבן, אַז סאָציאַליזם קאָן אומעטום געבויט ווערן אין אַ פּאָ־ליטיש־פרייהייטלעכן רעזשים, מאַכן ניט נאָר אַ גרויסן טעות, נאָר באַגייען אַ פּשוט׳ן פאַרברעכן ווען מען מישט אין איין טאָפּ צונויף די דיקטאַטור פון ראַטנלאַנד מיט דער דיקטאַטור פון אַ היטלער און אַ מוסאָליני . . ."

נו, האָבן מיר דעם דאָזיקן פּאַראַלעל פון פאַשיסטיש־קאָמוניסטישע דיקטאַטור ניט אויסגעטראַכט. מיר האָבן דעם „טעות" ניט געמאַכט און זיכער ניט באַגאַנגען קיין „פאַרברעכן". אויב וועד ס׳האָט געמאַכט אַ „טעות" איז עס דווקא געווען זשיטלאָווסקי אַליין. שרייבט ער דאָך און מיר ציטירן: . . . „דאָ מוזן מיר פאַרלירן די געדולד. די דיקטאַטור פון איין־איינציקער פּאָליטישער פּאַרטיי — אַ מאָראַלישע שטיצע אין דעם קאַמף אַנטקעגן פאַשיזם? וואָס איז דען דער פּאָליטישער תוך פון דעם פאַשיזם, אויב ניט די דיקטאַטור פון איין־איינציקער פּאָליטישער פּאַר־טיי?" יאָ, אַזוי בפירוש האָט געשריבן אונדזער דר. חיים זשיטלאָווסקי אין דעם שוין ציטירטן נומער „צוקונפט".

מיר האָבן אויך ניט אויסגעטראַכט דעם „שרעקלעכן בילבול", אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט „לויט זיינע טענדענצן און אויפפירונגען אין משך פון 20 יאָר צייט ניט געטראָגן קיין סאָציאַליסטישן כאַראַקטער". אַזוי האָבן מיר געלערנט פשט ביים סאָציאַליסטישן טעאָרעטיקער, דר. חיים זשיטלאָווסקי.

אַט שרייבט ער אין זיין בוך „סאָציאַליזם און מאָראַל" אויף ז. 187:

„. . . וועלט־קריג, בירגער־קריג, באָלשעוויסטישער טעראָר, פאַשיזם און נאַציזם, — אַט־די גורל־שווערע שטערן־קאָנסטעלאַציע, וואָס באַהערשט נאָך אונדזער צייט — באַשאַפן די עקסטע גייסטיקע בויט פון אונדזער לעבן, די נויט אין דעם ווידעראויפקום פון דער מענטשלעכער מאָראַל. און באַזונדערס נייטיקט זיך דערין דער סאָציאַליזם.

„דער סאָציאַליזם דאַרף זיך טעאָרעטיש איבערבויען אַזוי, אַז די פאַרטיידיקונג פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער מאָראַל — באַזונדערס אין די סאָציאַליסטישע אויסטייטשונגען און מיט די סאָציאַליסטישע באַריי־כערונגען פון דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין — זאָל פאַרנעמען דעם ע ר ש ט ן, דעם ח ש ו ב ׳ ס ט ן פּלאַץ, סיי אין דער פּראָפּאַגאַנ־דע, סיי אין דער פּראַקטישער טעטיקייט . . ."

וואָס ס'האָט זיך געענדערט פונדאַמענטאַל אין דעם איינשטעל פון אונזערן חשובן דאָקטאָר, וואָס ער האָט געפּרוּווט מיט אַלע כּוחות זיינע צו פאַרגעסן, ממש באַוואוסטזיניק פאַרגעסן דאָס וואָס ער האָט נעכטן געשריבן וועגן יענע פונדאַמענטאַלע, תּוך־פּראָבלעמען פון סאָוועטנלאַנד (דער קריג קעגן דעם פּאַשיאַ־נאַציזם וועט זיכער האָבן ווייט־גרייכנדיקע איינפלוסן — הגם, קיין באַשטימטע גאַראַנטיע האָבן מיר ניט דערפאַר. ס'איז ניט מער ווי אין דער ספערע פון השערות) איז באמת אַ רעטעניש. מיר האָבן ניט בדעה זיך צו גריבלען אין דעם נשמה־לעבן פון אַזאַ חשוב'ן דענקער־פּובליציסט. ס'וואָלט זיכער געווען אַן אינטערעסאַנטע שטודיע פאַר סטודענטן וואָס באַשעפטיקן זיך מיט פּסיכישע און גייסטיקע איך־קאָמפּלעקסן . . .

2

ניט געקוקט אויף די אַלע שאַרפע ווערטער און אַדיעקטיוון וואָס ווייזן אָן אויף די ווידערשפּרוכן און ווידעראַנאַנדן פון זשיטלאָווסקי'ן אין די לעצטע יאָרן פון זיין גייסטרייך לעבן, וועט ער דאָך בלייבן אין אונדזער קולטור־אַרכיוו, אָפּגעזען פון דעם וואָס ער אַליין האָט געפּרוּווט אָפּרייסן פון אונדז שטיקער פון זיין עטייש־שיינער פאַרגאַנגענהייט . . .

מיר דאַרפן אים געדענקען ווי דעם שאַרפן חריף און מסביר אין פילאָזאָפיש־סאָציאָלאָגישע פּראָבלעמען, באַזונדערס אין מאַרקסיסטישער פּראָבלעמאַטיק.

ער איז אויך געווען דער באַגרינדער פון אָריגינעל־אינדיווידועלע טעאָריעס אין דעם נאַציאָנאַלימעטן־פּראָבלעם, וואָס שטעלט אים אַוועק אין איין ריי מיט אַזוינע אידיאָלאָגן פון פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן געדאַנק, ווי אַטאָ באַוער, ש. דובנאָוו, משה העס, פּינסקער, באָראָכאָוו, סירקין און אַנדערע.

זיין איינשטעל מכוח דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן איבערבוי פון דער יידנשאַפט אויף אַגראַר־ווירטשאַפטלעכע יסודות האָט זיכער געהאַט זיין אָרט אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע. אָבער אַ דאַנק דעם אומגעהייערן, קאָפּ־שווינדלדיקן פּראָגרעס פון דער טעכנאָלאָגישער וויסנשאַפט, האָט זיין טעזיס אַנגעוואוירן די אַקטואַליטעט און לאָגיש־רעאַליסטישע פאַרבינדונג מיט דעם היינטיקן יידישן לעבן.

מענטש און אידייע איז אונטערגעוואָרפן דעם פּראָצעס פון אומבייט און טראַנספאָרמאַציע — פון אַט־דעם היסטאָרישן פּערספּעקטיוו האָט דער דאָזיקער פּונקט אין זשיטלאָווסקי'ס געדאַנקען־גאַנג זיכער געדאַרפט רעווידירט ווערן.

אָבער זשיטלאָווסקי — וואָס איז געווען רעוואָלוציאָנער, שוין צו־

רעוואָלוציאָנער אין אײניקע תוך־פּראָבלעמען, איז דווקא געבליבן קאָנסערוואַטיוו אין זײַן אָפּגעבליאַקעװעטער שיטה װעגן „ייִדישן פּאַראַזיטיזם" — וואָס, הגם, אויך דאָ וואָלטן מיר עס צוגעשריבן צו זײַנע לעצטע יאָרן, ווען זײַן געדאַנק האָט געליטן אין מאַנגל פון קלאָרקייט.

צו זײַן 70־יאָריקן יובל האָט ער אין זײַנס אַ סך־הכל — „50 יאָר טעטיקייטן — וואו האַלט עס איצט?" — געשריבן: „די האָפענונגען, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט אָט־דעם גרונט־שטרעבן פון דעם סאָציאַלן גלות־נאַציאָנאַליזם, זײַנען נ י ט פאַרווירקלעכט געוואָרן אין דעם זעלביקן גראַד, ווי די קולטורעלע, רעכטלעכע און שפּראַכלעכע שטרעבונגען זײַנע. אָבער אויך זיי (די האָפענונגען צו פאַרוואָרצלען אונדזער פאָלק אין אַן אַרבעטאָריש פאָלק) זײַנען שוין אַריבערגעוואַקסן די סטאַדיע פון דעם ריין־אידייִאישן קאַמף און זײַנען אַרײַן אין דעם פּעריאָד פון פאַרווירקלעכט ווערן". נו, אויב זיי זײַנען שוין יאָ „ אַ ר י ב ע ר ג ע װ אַ ק ס ן ד י ס ט אַ ד י ע פ ו ן א י ד י י א י ש ן ק אַ מ ף" — איז צוליב וואָס דער שאַרפער פּאָלעמישער קריג וועגן דעם „פּאַראַזיטישן פּלאָג" ר"ל?

אויך אָט־דער פײַנלעכער ענין האָט געווירקט אַז נאָענטע פרײַנט, אידייִשע מיטגייער, תלמידים, זאָלן זיך שאַרף פונאַנדערגיין מיט זשיטלאָווסקי'ן. איז עס טאַקע פון די האַרבע קשיות אויף וועלכע מיר געפינען ניט קיין לאָגישן ענטפער.

מיר דאַרפן ניט און טאָרן ניט פאַרגעסן די ראָל וואָס זשיטלאָווסקי האָט געשפּילט אין דערהייבן און פאַרטיפן יענע פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע אידייען, ווען אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן איז דאָמינירט געוואָרן פון ציניזם, פון מגושמ'דיקן פלאַכן מאַטעריאַליזם און עם־הארצ'ישער „ראַדיקאַלעכץ". אין זײַנע לעקציעס „ייִד און מענטש" האָט ער אַרויסגעהייבן דאָס פּאָזיטיווע אין ייִדישן לעבן. ער האָט באַשאַפן דעם גרויסן סינטעז פון ייִד און מענטש. די אַמאָליקע ראַדיקאַלע יוגנט האָט געזוכט מקריב צו זײַן דעם י י ד אין דעם נאָמען פון מ ע נ ט ש. זשיטלאָווסקי האָט באַוויזן אין זײַנע אומצייליקע אַרבעטן אויף אָט־דעם געביט, אַז צווישן ייִד און מענטש איז ניט פאַראַן קיין סתירה. „מיר זײַנען ניט קיין 40 פּראָצענט פון ווּעמען עס איז אַנדערן יש, נאָר הונדערט פּראָצענט פון זיך אַליין. וואָס מער מענטש, אַלץ מער ייִד, און פאַרקערט — וואָס מער ייִד, אַלץ מער מענטש . . ."

זשיטלאָווסקי האָט אויך געוואַלדיקע פאַרדינסטן אַלס מסביר און פאַרטײַטשער פון מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע. ער איז געווען צווישן די ערשטע וואָס האָט געוואַגט אָנווײַזן אויף גרונטיקע סתירות אין דעם סאָציאַליסטישן בנין פון מאַרקס־ענגעלס.

זשיטלאָווסקי האָט געפּרוּווט פונאַנדעררײַסן די אידייען־פאַרבינ־

דונג צווישן סאָציאַליזם און מאַטעריאַליזם, ווי זי ווערט אינקאָרפּערירט אין דער געשיכטס־פילאָזאָפישער אינטערפּרעטאַציע פון מאַרקס׳ן. ער זוכט באַווייזן די פילאָזאָפישע ■פלאַכקייט פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, הגם ער אַקצעפּטירט דעם „עקאָנאָמישן דעטערמיניזם" וועלכן ער פּרוּווט אַריינגלידערן אין זיין אייגענער שיטה פון גלות־נאַציאָנאַליזם.

אין זיין וואָגיקער אַרבעט „דער מאַטעריאַליזם און די דיאַלעקטישע לאָגיק", שרייבט ער: „אַלע וויכטיקע טיילן פון דעם מאַרקסיסטישן סיסטעם האָבן זייערע אייגענע פעלערן, וואָס שטאַמען דירעקט אָפּ פון יענעם אומגליקלעכן שידוך, וואָס מאַרקס׳ן האָט זיך פאַרוואָלט דורכפירן אין דער פילאָזאָפיע: — אַ שידוך צווישן אַ לייכטן שמעטערלינג, די העגלשע ווידערשפּרוך־לאָגיק, מיט אַ היפּאָפּאָטאַם, דעם מאַטעריאַליזם".

זשיטלאָווסקי האָט אויך געוואָגט זאָגן אַן אַפּיקורסות פאַר אונדזערע אַמאָליקע „ראַדיקאַלע אַפּיקורסים" — „אַז וועלכע פילאָזאָפיע מ׳זאָל ניט אויסקלייבן, טאָר מען דערביי ניט אַריינפאַלן אין דעם טעות, אין וועלכן מיר זיינען אַריינגעפאַלן ביז אַהער. מען טאָר פון אונדזער פילאָזאָפישער וועלט־אַנשויאונג ניט מאַכן קיין אָפּגאָט, קיין „אַבסאָלוטן אמת", וואָס איז אַ חוב פאַר יעדן דענקענדיקן מענטשן. די פילאָזאָפיע איז ווי די רעליגיע: — אַ פּריוואַט־זאַך". (דער נאַטור־פילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם, 2טער באַנד, ז. 100).

באַטראַכטנדיק דעם דור פאַר וועלכן דער דאָזיקער געדאַנק איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן, איז עס זיכער אַ געוואַגטער, אַפּיקורסישער געדאַנק פאַרן אַמאָליקן קאָסמאָפּאָליטיזם און איז נאָך אין אונדזערע היינטיקע טעג געוואָגט פאַר אַ געוויסן טיפּ פון אָרטאָדאָקסישע מאַרקסיסטן... אַזעלכע סקעפּטישע רעיונות האָבן דעמאָלט אונטערגעמינעוועט די זיילן פון דער סאָציאַליסטיש־מאַטעריאַליסטישער רעליגיע וואָס איז געווען אין אָנהייב־פּראָצעס פון איר פורעמונג.

זשיטלאָווסקי קאָן אויך מיט רעכט באַטראַכט ווערן אַלס איינער פון די פּיאָנערן פונעם „נעאָ־סאָציאַליזם" אויף דער יידישער גאַס, ווען מ׳האָט שוין געוואָגט און ניט מורא געהאַט אָנצואווייזן אויף עיקר סתירות אין דער מאַרקסיסטישער תורה.

זשיטלאָווסקי געהערט אויך צום פּיאָנערן־דור, צו די ראשונים פון דעם סאָציאַליסטישן לאַגער, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף די עסטעטיש־קינסטלערישע און עטיש־מאָראַלישע מאָמענטן פון רעליגיעזן לעבן, באַזונדערס אין דער יידישער רעליגיע, אין דער יידישער סימבאָליק און צערעמאָניאַלן־שפּיל, ווי זיי ווערן רעפלעקטירט אין דער אַלטער־און נייער יידישער געשיכטע. די דאָזיקע געדאַנקען ווערן גלענצנדיק און מייסטעריש אַנטוויקלט אין זיין קולטור־היסטאָרישע עסיי — „די נאַציאָנאַל־פּאָעטישע ווידערגעבורט פון דער יידישער רעליגיע".

אַ סך פון די ענינים וואָס ווערן באַרירט אין אַט־דער דערמאָנטער אַרבעט קלינגען פאַר אונדז אַרכייאיש־נאַאיוו און זיי זיינען דאָך היינט זעלבסטפאַרשטענדלעכע א״ב־אמת׳ן, אָבער ווען מיר האָבן אין אויג די צייט, אין וועלכער די דאָזיקע פשוט׳ע עלעמענטאַרע געדאַנקען זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, באַגרייפן מיר, אַז דעמאָלט זיינען זיי גאָר־ניט געווען אַזוי נאַטירלעך, אַזוי עלעמענטאַר. זשיטלאָווסקי האָט באַדאַרפט קרייצן שווערדן און פירן אַ העפטיקן קאַמף קעגן דער אַמאָליקער ראַדיקאַלער גאַס, אַז די דאָזיקע געדאַנקען זאָלן היינט קלינגען אַזוי פשוט־נאַטירלעך . . .

זשיטלאָווסקי האָט דעמאָלט געשריבן: „אַ רעליגיעזער סאָציאַליזם אין אַ מאָראַלישער סאָציאַליזם איז די נויט פון אונדזער צייט. און די צייט שטרעבט צו באַפרידיקן איר נויט״.

האָט ער אָבער אויך זיינע עלטערע יאָרן שאַרף באַשטריטן די „נעאָ־רעליגיעזע שיטה״ וואָס זוכט ווירקן באַווירקן אין דער ריכטונג פון עטיש־רעליגיעזן סאָציאַליזם, אַ טענדענץ וואָס האָט זיכער אירע וואָרצלען אין זשיטלאָווסקי׳ס אַמאָליקע פאָסטולירטע הנחות. ער האָט לעצטנס געשריבן: „אַמאָל פלעגט ביי אונדז זיין אַזוי: ווי נאָר עס פלעגט זיך באַוויזן אַ יידישער יום־טוב, פלעגט אונדזער ראַדיקאַלער לאַגער אויפהייבן אַ גערודער און אָנשטעלן אַלע זיינע האַרמאַטן אויף די פעסטונגען פון דעם רעליגיעזן גלויבן בכלל און אויף די יסודות פון דער יידישער אמונה בפרט.

„איצט, בעוונותינו הרבים, האָט זיך דאָס בילד כמעט אינגאַנצן איבערגעביטן. ווי נאָר עס באַוויזט זיך אַ יידישער יום־טוב, שלאָגן דעם גערודער יענע ראַדיקאַלן אונדזערע, וואָס זיינען געוואָרן קלעריקאַל״. פילן מיר, אַז אַט־די אימפּרעסיע זיינע איז דורכגעשטרייפט מיט אַ היפּשער דאָזע פון גראָטעסק און קאַריקאַטור, וואָס איז אַזוי ניט כאַראַקטעריסטיש פאַרן אַמאָליקן זשיטלאָווסקי . . .

זשיטלאָווסקי האָט אויך ניט זייער שטאַרק געהאַלטן פון דעם דיאַלעקטישן אופן פון דענקען און טראַכטן. ער פּאָלעמיזירט ענערגיש קעגן דער שיטה, אָדער טענדענץ פון „דער ווידערשפּרוך־לאָגיק״. אָבער, אַ פשיטה, אַז אין די לעצטע יאָרן פון זיין שאַפן האָט ער זיך, משמעות, דערנעענטערט צום דיאַלעקטישן פּראָצעס פון דענקען — מחמת דאָרטן וואו ס׳האָט זיך באַוויזן די סתירה, דער ווידערשפּרוך, האָט זיך, לויט זיין מיינונג, אָנגעהייבן די חכמה . . .

אָבער ווי שוין געזאָגט, און מיר אונטערשטרייכן עס נאָכאַמאָל, טראָץ זיינע שאַרפע סתירות די לעצטע יאָרן, בלייבן זיינע פאַרדינסטן אומגעהייער גרויס אַלס פּיאָנער, ציגל־טרעגער, אויף אַ סך געביטן, גאָר באַזונדערס אויפן געביט פון פילאָזאָפיש־וויסנשאַפטלעכן סטיל אין יידיש.

אַדאַנק זיינע אָנהייבן, זיינען איצט מעגלעך די פאַרצווייגטע און אויסגע־ברייטערטע אַרבעטן אויף די פאַרשיידענע קולטור־פעלדער פון מענטש־לעך וויסן און געדאַנק.

מיר וואָלטן געקאָנט ברייטער אַרומנעמען דעם יחוס פון זשיטלאָוו־סקי׳ס פאַרבנרייכער פאַרגאַנגענהייט, אָבער מיר שרייבן דאָך דאָ נישט זיין אינטעלעקטועלע ביאָגראַפיע. אין דיסטאַנץ פון יאָרן וועט זיכער אַזאַ אַרבעט געשריבן ווערן און אַ סך פון די נעגאַטיווע מאָמענטן און פאַרבי־טערטקייטן פון די לעצטע יאָרן וועלן זיכער פאַרגעסן ווערן. ס׳וועט זיין אַן אינטערעסאַנטע שטודיע וואָס וועט אפשר געשריבן ווערן פון אַ גאַנ־צער ריי זשיטלאָווסקי־פאָרשער.

דערווייל האָבן מיר דאָ געהאַט בדעה אָנצוואַרפן אייניקע טעזיסן, ניט־געבונדענע פראַגמענט־טייל׳ן פון זיין גייסטיקן פאָרטרעט.

מיר ווילן ציען דעם אויפמערק פון דעם לייענער אויף די אָנגעוואָר־פענע שטריכן, כדי ער זאָל זיך ווי געהעריק קאָנען אָריענטירן אין דער גאַנצער זשיטלאָווסקי־פערזענלעכקייט. מיר האָבן אָנגעוויזן אויף נעגאַ־טיווע מאָמענטן, צוליב היסטאָרישער אָביעקטיווקייט און וועלן פאַרשטיין זשיטלאָווסקי׳ן ווי תלמידים, ווי פריינט וואָס האָבן אַ סך געלערנט ביי אים.

די שטיינער וואָס ווערן געוואָרפן אויף דעם קאָפּ פון זשיטלאָווסקי׳ן פון געוויסע קריטיקער און פובליציסטן זיינען ווייט ניט אין גייסט פון עטישער פּאָלעמיק און ערנסטער באַטראַכטונג, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַזאַ פּער־זענלעכקייט ווי זשיטלאָווסקי האָט מיט זיך פאַרקערפּערט. די שטיינער ווערן געוואָרפן פון מענטשן מיט באַשטימטע פּניות, מיט פאָראורטיילן און פּערזענלעכע חשבונות . . .

מ׳דאַרף און מ׳זאָל אָנווייזן אויף די גרונטיקע טעות׳ן און סתירות פון זשיטלאָווסקי׳ס אינטעלעקטועלער דיאַלעקטיק. אָבער זיין פאַרבנ־רייכער נעכטן טאָר בשום־אופן ניט געשענדט ווערן! בשום־אופן ניט!!

זשיטלאָווסקי דאַרף פאַר אונדז זיין אַ רעטעניש, אַ וואונדער — און מ׳דאַרף זוכן מיט אַ דעליקאַט כירורגיש מעסערל אין דער פסיכיק פון זשיטסאָווסקי׳ס „איך״. מ׳דאַרף ניט וואַרפן אַ שטיין אין אַ מענטש וואָס האָט זיך אויף די עלטערע יאָרן געפונען אין דער סאַמע טראַגישסטער דילעמע מיט זיין אייגענער, אינעווייניקסטער פסיכישער וועלט, וואָס האָט געזוכט אַ באַלאַנס, אַן אָנהאַלט אין דער וועלט פון אידייען און גייסטיקע ראַנגלענישן און ווי אַ פאַרוואָגלדעטער אָדלער איז ער אַוועק אַ טראַגיש אַנטוישטער. די גייסטיקע וועלט וועלכע ער האָט געקאָנט האָט זיך אָנ־געהויבן אַרויסגליטשן פון אונטער זיינע הענט. ער האָט געזען ווי די מאָראַל און די מענטשלעכע עטיק ליגן געבונדענע אין קייטן — און די אידייען פאַר וועלכע ער האָט געקעמפט און זיך איינגעשטעלט, ליגן איצט

אויף אַלע געמאַרקן ווי אָפּגעריבענע מטבעות . . . דעריבער אפשר זיין פאַרביטערונג אין די לעצטע יאָרן ווען ער איז שוין געשטאַנען נאָענט ביים קבר. מיר זאָגן אפשר — ווער ווייסט ? . . .

ער איז געשטאָרבן מיט די לעצטע ווערטער אויף די ליפּן וועגן אחדות, אייניקייט — און ניט באַגריפן, אָדער פאַרגעסן, — אַז אין דער וועלט פון גייסטיקע ווערטן גייט־אָן אַן אייביקער קאַמף פון צעטיילונג, פון צעשפּאַלטונג, פון דואַליזם ; און אַז דער באַגריף אחדות ווי אַ סאָציאַל־אימפּעראַטיוו — איז דאָך עלאַסטיש, רעלאַטיוו, אַ שטעקן מיט צוויי עקן ; אַ פילאָזאָפישער רעיון, וואָס לאָזט זיך טייטשן, אַריינטייטשן, פאַרטייטשן פון פאַרשיידענע קוק־ווינקלען, שאַטירונגען, ניואַנסן . . .

1942

דריי בריוו

מיר ברענגען דאָ אָט־די בריוו, וואָס מיר האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט וועגן זשיטלאָווסקי'ן גלייך נאָך זיין פּטירה, צוליב היסטאָרישער אָביעקטיווקייט, ווייל אַזוי האָבן מיר דעמאָלט געפֿילט. מיר האַלטן נאָך הייַנט, אַז ס'איז געשמאַקלאָז, קולטורלאָז ויך אַוועקצולאָזן אין אַ ווילדן קאַראַהאָד אויף דעם קבר פֿון אַ גרויסער יידישער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט איבערגעלאָזן זיין חותם אויף דער צייט, אין וועלכער ער איז געווען פֿיזיש־טעטיק און אַ גרויסע ירושה פֿאַר די קומענדיקע דורות.

מ'וועט מיר אפשר פּרואוון אָנווייזן, אַז אין מיין גרעסערער אָפּהאַנדלונג איבער זשיטלאָווסקי'ן, בין איך פּראָקוראָר, און אין די בריוו בין איך — אַדוואָקאַט, אַפּאָלאָגעט פֿון זשיטלאָווסקי'ס אידייען.

האַלטן מיר, אַז מ'מעג אָנווייזן אויף נעגאַטיווע מאָמענטן אין דעם לעבן פֿון אַזאַ מולטי־קאָלירנדיקער פּערזענלעכקייט ווי זשיטלאָווסקי האָט מיט זיך פֿאַרקערפּערט. אָבער, צוליב די נעגאַטיווע מאָמענטן טאָר מען בשום־אופן נישט פֿאַרזען, אָדער באַוואוסטזיניק פּרואוון פֿאַרשווייגן די שיינע, ליכטיקע, פּאָזיטיווע זייטן פֿון אָט דער פּערזענלעכקייט.

מיר האָבן זיך אויך דערלויבט האָבן ספקות, אָנווייזן אויף פּגימות, רעטענישן אין זשיטלאָווסקי'ס גייסטיק־ספּיריטועלער ביאָגראַפֿיע. אָבער נישט אויף אַזאַ ציניש, הפקר'דיקן, סאַדיסטישן אופן, ווי ס'האָבן עס געטאָן אייניקע זשיטלאָווסקי־אַפּאָנענטן, באַזונדערס חיים ליבערמאַן אין זיינע ביכער, וואו ער באַנוצט אַלע מיטלען כדי געשיכטלעך זשיטלאָווסקי'ן צו דיסקרעדיטירן.

קעגן אָט אַזאַ הפקרות און קולטור־ירידה האָבן מיר דעמאָלט, און אויך איצט, געפֿילט, דאַרף מען שאַרף רעאַגירן און פּראָטעסטירן.

אויב מ'זאָל אַזעלכע ווילדע פּרעצעדענטן טויט־שטילשווייגן, פֿאַרמאָגן זיי אַלע נייטיקע אַטריבוטן און סימפּטאָמען אויף אָנצונעמען די פֿאָרמען פֿון אַ מאַסן־פּסיכאָז, וואו מ'זאָל זיך דערלויבן שענדן און פֿליגדערן קברים — און ציניש און שפּאָטיש אַטאַקירן מענטשן מיט וועלכע מ'איז נישט געווען אידייאיש איינפֿאַרשטאַנען, אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער צייט.

אונדז גייט נישט אין דעם וואָס אייניקע גוט־מיינענדיקע קריטיקער זוכן זיך צו פֿאַרמעסטן אידייאיש, אָפּצופֿרעגן אייניקע פֿון זשיטלאָווסקי'ס טעאָרעטישע הנחות. ס'איז געוויס זייער רעכט. אונדז אַליין איז אויך נישט אַלץ שטאַרק געפֿעלן וואָס זשיטלאָווסקי'ס פּעדער האָט אָנגעשריבן.

אַ סך פון זיינע געדאַנקען זוכן מיר אָפּצופרעגן. אָבער ס'גייט אין דעם ענין — ווי אַזוי מ'האָט עס געטאָן . . . כ'האָב דאָך ניט קיין רעכט צו פאָדערן פון אַ מענטשן זיך אויפצופירן מאָראַליש און אַליין מעג איך האַנדלען ווי אַ באַד־יונג . . . די זון האָט טאַקע פלעקן אויף איר פּנים, אָבער מ'טאָר דאָך פאַר איין מאָמענט ניט פאַרגעסן איר יחוס־עצמו, אַז זי וואַרעמט אונדז, באַפרוכפּערט אונדז, באַלעבט אונדז . . .

(אַ בריוו אין רעדאַקציע פון „טאָג")

חשוב'ע רעדאַקציע פון „טאָג":

דערלויבט מיר אייניקע באַמערקונגען אַרום דעם זייער אַנגעוויי־טיקטן ענין — דר. זשיטלאָווסקי.

1) דער מענטש זשיטלאָווסקי איז טויט עטלעכע חדשים און טרעטן און טראַמפּלען אויף זיין קבר, ווען די וואונד ביי די נאָענטע און אינטימע איז נאָך ווייט ניט פאַרהיילט, איז אַן אוממענטשלעכער אַקט, וואָס גרענעצט זיך כמעט מיט סאַדיזם. עס איז אַ גרויסער חילול־המת פון אַ יידיש־עטישן שטאַנדפּונקט און פון יעדן מענטשלעכן שטאַנדפּונקט.

2) צום 70טן געבוירנטאָג פון זשיטלאָווסקי'ן איז געשאַפן געוואָרן אַ יובליי־קאָמיטעט צו פייערן די דאָזיקע געלעגנהייט. אין קאָמיטעט זיינען געווען פאַרטראָטן כמעט אַלע ריכטונגען פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, צווישן זיי: דער אַרבעטער־רינג, יידיש־סאָציאַליסטישער פאַר־באַנד, פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן, אינ־טערנעשאָנאַל לידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס, נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, „פּאָרווערטס" אַסאָ־סיאיישאָן און הונדערטער פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן, צווישן וועלכע ס'געפינען זיך אויך די נעמען פון אַב. קאַהאַן און הלל ראָגאָף, וואָס זיינען איצט צווישן די שאַרפסטע פּראָקוראָרן קעגן זשיטלאָווסקי'ן. די דאָזיקע נעמען פון אָרגאַניזאַציעס און פּערזענלעכקייטן זיינען פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן אין דעם ספּעציעלן זשיטלאָווסקי יובל־בוך, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1935. אַב קאַהאַן איז, אַגב, געווען איינער פון די רעדנער ביים גרויסן זשיטלאָווסקי יום־טוב, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען אין גרויסן בראָנקסער קאָליסעאום.

3) וואָס פאַר אַ נייע אַנטדעקונגען האָבן דאָס די דאָזיקע הערן גע־מאַכט אין זשיטלאָווסקי'ס ווערק, וואָס זאָלן באַרעכטיקן זייער מיאוס'ן קרייץ־צוג קעגן אים? די לאָגיק זאָגט אונדז אונטער, אויב אַ מענטש איז זוכה אַז מ'זאָל פייערן זיין 70טן געבוירנטאָג — און צו 70 יאָר, דוכט

זיך אונדז, האָט שוין דער מענטש קלאָר אָנגעצייכנט זיין היסטאָרישע ראָל אין לעבן, ער קאָן שוין זייער ווייניק מחדש זיין — זיינען דעריבער די איצטיקע גיפטיקע טענות פון זיינע אָנפאַלער אַבסורד. זשיטלאָווסקי איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש, וואָס האָט זיינע מיינונגען ניט אויס־באַהאַלטן פאַר קיינעם. זיינע געדאַנקען זיינען געווען אָן אָפּן בוך פאַר יעדן אָפענעם מוח . . . אמת, ס׳איז מעגלעך, אַז יחידים זאָלן גרייזן אין דעם אָפּשאַץ פון אַ מענטשן — און מ׳זאָל אין אַ שפּעטערדיקער צייט זען דעם מענטשן פון אַ גאַר אַנדערן פּערספּעקטיוו. ס׳איז אָבער כמעט אומ־מעגלעך, אַז צענדליקער אָרגאַניזאַציעס און אינטערנאַציאָנאַלע באַוועגונ־גען, און הונדערטער באַרימטע פּערזענלעכקייטן, זאָלן מאַכן אַזאַ וועזן פון אַ מענטשן צו זיין 70טן געבוירנטאָג, ווען 50 יאָר פון זיין באַוואוסט־זיניק לעבן איז שוין הינטער אים — אַז די דאָזיקע אַלע אָרגאַניזאַציעס און מענטשן זאָלן זיך ניט האָבן אין די אַלע יאָרן אַרומגעזען, אַז זיי גרייזן אין זייער אָפּשאַץ און ראָל פון זשיטלאָווסקי׳ס גאַנג אין יידיש־געזעל־שאַפטלעכן לעבן. ניין, ס׳לייגט זיך ניט אויפן שכל. ס׳איז קינדיש־נאַאיוו.

4) זיכער זיינען אין אונדזער לעבן ניט פאַראַן קיין פּערפעקטע מענטשן. יעדער מענטש באַזיצט מעלות און חסרונות. דאָס איז דאָך אַן אלף־בית אמת. מיר ווייסן אויך, אַז ביי יעדן געזעלשאַפטלעכן מענטשן קאָן מען געפינען סתירות. סלעבן איז דינאַמיש, זיגזאַגיש. זיכער דאַרף מען ניט באַרעכטיקן קיין סתירות — אָבער דאָס געהערט צו דער ספערע פון מענטשלעכע שוואַכקייטן און גלייכצייטיק צו קאָמפּליצירטע פּסיכישע רעטענישן. סתירות ביי זשיטלאָווסקי׳ן זיינען פאַראַן — און ביי וועלכן שעפערישן מענטשן זיינען זיי ניט פאַראַן? מען דאַרף אויף זיי אָנווייזן, אָבער בשום־אופן טאָר מען ניט שענדן זיין ליכטיקן אָנדענק אויף אַזאַ אופן, ווי מען טוט עס ביי אונדז. מ׳זאָל און מ׳דאַרף אָנווייזן אויף טעות׳ן אין זשיטלאָווסקי׳ס שאַפן, אָבער די פּאָלעמיק דאַרף זיך האַלטן אין די ראַמען פון אידייען־אויסטויש און קאָלעגיאַלער עטיק. מ׳טאָר אויף דעם פרישן קבר פון זשיטלאָווסקי׳ן זיך ניט לאָזן וואוילגיין אויף אַ גראָב־יונ־גערישן און היסטערישן אופן.

5) אין אַ לענגערע אַרבעט וועגן זשיטלאָווסקי׳ן, וואָס מיר האָבן גע־שריבן פאַר די „יידישע שריפטן״, רעדאַקטירט פון אבא גאָרדין, האָבן מיר אָנגעוויזן אויף די ליכטיקע און שאָטנדיקע זייטן אין זשיטלאָווסקי׳ס שאַפן — מיר ווייזן דאָרטן אָן, אַז די אַלע בייזווילליקע בלבולים וועלן פאַראיבערגיין — אָבער די ליכטיקע, מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט פון זשיטלאָווסקי׳ן וועט דאָך בלייבן אין אונדזער היסטאָרישן זכרון.

6) אין הלל ראָגאָפּ׳ס אַרטיקל פון שבת, דעם 18טן מערץ, אין

„פאַרווערטס", שרייבט ער אין זיין ענטפער צו ש. ניגער: „די נביאים האָבן גע'מוסר'ט די יידן פאַרוואָס זיי זיינען אַזוי שלעכט ווי די אַרומיקע פעלקער, פאַרוואָס זיי לערנען זיך אָפּ די שלעכטס פון די גויים, פאַרוואָס זיי זיינען ניט שענער און בעסער ווי די גויים. זשיטלאָווסקי, אָבער, אַטאַ־קירט די יידן פאַרוואָס זיי זיינען ערגער פאַר די גויים, פאַרוואָס זיי שטייען נידעריקער ווי די גויים, פאַרוואָס זיי טוען שלעכטס די גויים".

לייענט איר און איר טראַכט ווי די לאָגיק קאָן דאָס אַ מענטשן פאַר־פירן. האָט ראַגאָף געטראַכט בשעת ער האָט אָנגעשריבן די דאָזיקע משונה'דיקע ווערטער? . . . ווען און וואו האָט זשיטלאָווסקי געשריבן, אַז יידן זיינען ערגער פון די גויים? מיט אַרויסכאַפּן אַ צעדרייטן זאַץ פון זשיטלאָווסקי'ס קאָנטעקסט, ווי ס'טוט דאָס חיים ליבערמאַן אין זיין שוין באַרימטן זשיטלאָווסקי־פאַמפלעט, גיט ניט קיין באַרעכטיקונג פאַר אַזאַ אומגעלומפּערטן שטאַנדפּונקט. אויב זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן, אַז יידן זיינען מינדערוויכטיקער, טאָ צוליב וואָס זיין עקשנות'דיקער קאַמף קעגן אַלערליי אַסימילאַציע־ריכטונגען אין יידישן לעבן? האָט ער דאָך גאָר געדאַרפט פריידיקן דעם היפּוך פון נאַציאָנאַלן אויפהאַלט — אַסימי־לאַציע, צונויפמישונג און צוזאַמענשמעלצונג פון קולטורן . . . אָבער גיי זוך לאָגיק ביי מענטשן, וואָס זוכן זיך אַרויסצודרייען פון אַן אומבאַקווע־מער סיטואַציע, וואו דער טייוול האָט זיי פאַרפירט . . .

פון ראַגאָף'ס שטאַנדפּונקט קאָן זיך אויך שאַפן דער איינדרוק, אַז אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט דער קריסטלעכער קולטור — איז שלעכט. אַזאַ שטאַנדפּונקט איז אייגן־ליבע פון אַן עקסטרעמען כאַראַקטער, אַפילו ווען דער געדאַנק ווערט געשריבן מיט יידישע אותיות. ניין, מיר וועלט־לעכע יידן, פרייהייטלעך־פּראָגרעסיווע יידן, וואָס האָבן טאַקע געגאַשט פון זשיטלאָווסקי'ס שיריים, קאָנען זיך בשום־אופן ניט אידענטיפיצירן מיט אַזאַ שמאָלקעפּיקן באַגריף וועגן גוי'אישער קולטור. די קריסטלע־כע וועלט האָט זיכער גרויסע, זייער גרויסע זינד, באַזונדערס קעגן אונדז יידן. אָבער ס'איז פאָרט ניט אַלץ שלעכט דאָרטן. מיר האָבן אַ סך צו לערנען און האָבן געלערנט פון די וועלט־פעלקער. אַך, וויפיל אָרע־מער מיר וואָלטן דאָס געווען, ווען מיר זאָלן צוריקשליידערן אַלע קול־טור־אוצרות, וואָס מיר האָבן מיט אַ ברייטער האַנט געגומען און איבער־גענומען פון די „גויים" . . . מיר יידן האָבן געוואַלדיקע פאַרדינסטן אין דער עוואָלוציע פון די וועלט־קולטורן. קיינער זוכט עס ניט צו מיני־מיזירן — און זשיטלאָווסקי האָט עס אומצווייליקע מאָל אָנגעוויזן. מען דאַרף נאָר לייענען זיינע ווערק אָביעקטיוו, אָן פאַליטיש־סעקטאַנטישע, זייטיקע מאָטיוון . . . אָבער מען דאַרף אויך ניט אַריבער צום אַנדערן עקסטרעם און גלאָריפיצירן אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט אונדזער יידיש

לעבן. עס איז ביי אונדז געווען און ס'איז נאָך פאַראַן אָפּפאַל, פסולת. יידישע שריפטשטעלער זאָלן און דאַרפן עס אָנווייזן, פונקט ווי עס טוען דאָס שריפטשטעלער ביי אַנדערע אומות.

7) דער ציוניזם איז אַנטשטאַנען — צי ראַגאַף און ליבערמאַן ווילן עס אָדער ניט — אַלס רעאַקציע צו די אַבנאָרמאַליטעטן אין יידישן לעבן. איז דער סאָציאַליזם, דער „בונד" ניט אַ דירעקטער רעזולטאַט פון אַב־נאָרמאַלע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע דערשיינונגען? ווייל דער סאָציאַליזם ניט אומבייטן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, ווייל דער קאַפּיטאַליזם איז — לויט די אויסטייטשן פון אַ'לע סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגן — אַ פּאַ־ראַזיטישער געוואוקס אין אונדזער סאָציאַלן לעבן?

שלום־עליכם, מענדעלע, פּרץ, ביאַליק, בערדיטשעווסקי, אחד העם, פּינסקער, ליליענבלום, סירקין, באָראָכאָוו, ז ש אַ ב אָ ט י ס ק י, הערצל, נאָרדוי, אַלע די דאָזיקע שריפטשטעלער און דענקער האָבן אָנ־געוויזן אויף אַבנאָרמאַלע זייטן אין יידישן לעבן, גע'מוסר'ט יידן. מיר האָבן נאָר דאָ אָנגעוואָרפן אייניקע נעמען פון אונדזער נאָענטסטער צייט. דאָך האָט קיינער ניט געוואָגט זיי צו באַשולדיקן אין אַנטיסעמיטיזם, ר"ל, ווי עס טוען די יעניקע גרופּע יידן, וואָס זוכן צו דיסקרעדיטירן זשיטלאָוו־סקי'ס אָנדענק ביים יידישן פאָלק.

זשיטלאָווסקי האָט אָנגעוויזן אויף נעגאַטיווע זייטן אין יידישן לעבן. איז דאָך יעדער פּאָזיטיווער געדאַנק געבויט אויף נעגאַציעס. אָבער זיי־נע שאַרפע און ביטערע פיילן זיינען געווען צוליב זיין דראַנג פאַרן אמת און זיין שטאַרקער אינעווייניקסטער ליבע פאַר דעם גע'רודפ'טן יידישן פאָלק. מ'דאַרף זיך אַראָפּלאָזן צו אַ זייער נידעריקער מדרגה, כדי צו בראַנדמאַרקירן זשיטלאָווסקי'ן אַלס „ווילדער אַנטיסעמיט" . . . ווי קאָן די פעדער פון אַ יידישן וואָרט־פירער זינקען צו אַזאַ מדרגה, כדי אָנצו־שרייבן אַזעלכע שרעקלעכע ווערטער וועגן איינעם פון אונדזערע ליכטי־קע פערזענלעכקייטן . . . ווי קאָן מען אויף אַ ייד מאַכן אַזאַ שרעקלעכן בלבול, אויף אַ ייד וואָס איז געווען אַקטיוו אין יידישן לעבן פאַר זעכציק לאַנגע יאָר . . .

מיט פולן דרך־ארץ, אייער נ ח ו ם ס ו מ ע ר.

(ניט פאַרעפנטלעכט)

„פרייע ארבעטער שטימע"

חשוב'ע רעדאַקציע:

כ'האָף, אַז איר וועט זיין פריינטלעך גענוג און מיר דערלויבן איינ־

קע באַמערקונגען אַרום דעם פּיינלעכן ענין — זשיטלאָווסקי.

1) ס'זאָגט זיך אַ פאָלק־ווערטל: „דער טאָן שאַפט די מוזיק". יאָ, איר זייט זיכער גערעכט, ווען איר שרייבט אין אייער לייט־אַרטיקל: „... מיר מוזן זיך אָפּגרענעצן פון די אומדערלאָזבאַרע מעטאָדן, מיט וועלכע די אַלטע און נייע שונאים זשיטלאָווסקי'ס באַקעמפן איצט זיינע שיטות און זיין פּערזענלעכקייט".

2) אויב פריינט אַלמי פאָדערט עטישע אחריות — דאַרף ער, ווי אַ וועטעראַן פון בעסערן יידישן זשורנאַליזם, וויסן פון אַן אַלטן קאָדעקס: — פריער מוז מען עס פאָדערן פון זיך אַליין, איידער מ'שטעלט מאָראַלי־שע פאָדערונגען צו אַנדערע... מיר האַלטן ניט אַז ס'איז זייער עטיש פון חיים ליבערמאַנ'ען און די אַנדערע, וואָס ליידן נעבעך אויף אַ זשיטלאָוו־סקי־מאַניע, צו שענדן דעם אָנדענק פון אַ גרויסע יידיש־מענטשלעכע פּערזענלעכקייט אויף אַזאַ אופן ווי מ'האָט עס געטאָן. יאָ, פריינט רע־דאַקטאָר, עס שמעקט מיט ירידה און קולטורלאָזיקייט ביי אונדז, איר זייט גערעכט. זאָל זיך ניט שאַפן דער איינדרוק, אַז מיר האַלטן פון היי־ליקע און געצן, ווי ס'דענקט פאַלש פריינט אַלמי, דערפאַר וואָס מען דער־לויבט ניט אַזאַ הפקרות אויף אונדזער קולטור־גאַס. מיר זאָגן אָבער, אַז קברים זיינען הייליקייטן אין יידישן לעבן, בפרט ווען די וואונד ביי די אינטים־נאָענטע איז נאָך ניט פאַרהיילט, טאָר מען זיך ניט לאָזן אין אַ שדים־טאַנץ אויף אַ קבר, וואו דאָס גראָז האָט נאָך ניט באַוויזן אָנצו־וואַקסן... אַפילו צו אַ פיינט, ווען ער איז טויט, לערנט אונדז די יידישע מאָראַל — און פריינט אַלמי האָט דאָך אַ באַזונדערע שוואַכקייט צו דער יידישער מאָראַל — זיינען די באַציאונגען גאַנץ אַנדערע ווי ביים לעבן. ניין, ס'איז ניט עטיש און ניט מאַנירלעך צו פלינדערן קברים. ס'איז אומ־געלומפּערטע געשמאַקלאָזיקייט פון יעדן מענטשלעכן שטאַנדפּונקט...

3) ניין, פריינט אַלמי, ס'האַנדלט זיך ניט אין אָנווייזן אויף ווידער־שפּרעכלעכע טענדענצן אין זשיטלאָווסקי'ס ווערק. ס'האָבן אַ סך שריפט־שטעלער אָנגעוויזן אויף אידייאישע גרייזן און בלויזן אין זשיטלאָווסקי'ס שאַפן — און דאָך איז קיינער ניט אַרויס פון די האַלאַבאַליעס אין צאָרנדיקן פּראָטעסט, הלמאַי מ'דערלויבט זיך קריטיקירן זשיטלאָווסקי'ס אידייען, טעאָריעס.

4) אַלמי שרייבט, אַז ליבערמאַן איז שוין אַן אַלטער זשיטלאָווסקי־אָפּאָנענט — און דאָך, האָט קיינער ניט געריסן קריעה און אויפגעהויבן אַזאַ טרעוואָגע ווי איצט. נו, פריינט אַלמי, איז ווידער דאָס זעלביקע: — ווי לאַנג ליבערמאַן האָט זיך געהאַלטן אין די ראַמען פון ערלעכער פּאָלע־מיק, האָט עס קיינעם ניט שטאַרק שאָקירט, הלמאַי ער רייסט פּאַסן פון זשיטלאָווסקי'ס אידייען און מיינונגען אין געזעלשאַפטלעכע פּראָגעס.

דערלויבט מיר דאָ ציטירן וואָס חיים ליבערמאַן האָט אַמאָל געשריבן וועגן זשיטלאָווסקי׳ן אין זיין בוך „ליטעראַרישע סילועטן" (פאַרלאַג יידיש־לעבן, 1927). אָט וואָס ער האָט דעמאָלט געשריבן — „אין דער פערזאָן פון דר. זשיטלאָווסקי האָט אין יידישן לעבן, אין משך פון פערציק יאָר, געווירקט אַ גרויסע שעפערישע קראַפט, אַ קראַפט וואָס, כאָטש פון אַן אַנדער זשאַנער, האָט זי איר גלייכן נאָר אין מענדעלע, שלום־עליכם און פרץ . . ."

„. . . ווי ביי זיי, אַזוי אויך ביי אים, לאָזן זיך ניט אָנצייכענען די גרענעצן פון זיין ווירקונג — זיי פאַלן זיך צונויף מיטן לעבן גופא. צוזאַמען מיט זיי האָט ער געשאַפן די נייע יידישע קולטור. אין אַ געוויסן זין האָט ער דערגענצט זייער אַרבעט: — וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן אויפן עסטעטיש־קינסטלערישן געביט, האָט ער אויפגעטאָן אויפן פילאָזאָפיש־אינטעלעקטועלן". (ז. 77).

אמת, אין דער דאָזיקער אַרבעט ליבערמאַנ׳ס ווייזט ער אָן אויף שאָטן־זייטן אין זשיטלאָווסקי׳ס שאַפן, אָבער ווי אַנדערש קלינגען זיינע טענות אַנטקעגן די וועלכע ער האָט אָנגעוואָרפן אין זיין לעצטן זשיטלאָווסקי־פאַמפלעט. אָט שרייבט ער ווייטער דאָרט: „ניט קיין אָריגינעלע געדאַנקען האָט זשיטלאָווסקי געבראַכט דער יידישער ליטעראַטור, דערפאַר האָט ער אַהין אַריינגעטראָגן עפּעס וואָס איז אומענדלעך מער. ער האָט אַריינגעטראָגן אַהין — דעם ריטם פון גרויסן דענקען". (ז. 80) (אונטערגעליינירט פון ליבערמאַנ׳ען).

אין אַן אַנדער אָרט אין דער זעלביקער אַרבעט — „אָט דער גייסט זשיטלאָווסקי׳ס האָט ווי אַ פרישער ווינט דורכגעבלאָזן דורך דעם יידישן קאָפּ. אַ נייער סטיל פון דענקען איז אַריינגעטראָטן. אין דעם דאָזיקן פרט איז זשיטלאָווסקי געווען אַ באַנייער. ער האָט צוריקגעבראַכט דעם פילאָזאָפישן, הויך־דענקערישן טעמפּעראַמענט. דאָס איז געווען אַ רעוואָלוציע. ניט קיין קלענערע רעוואָלוציע ווי די וואָס איז געקומען מיט דעם ווידערגעבורט פון דעם קינסטלערישן טעמפּעראַמענט דורך מענדעלען, שלום־עליכמ׳ען און פּרצ׳ן". (ז. 82).

יאָ, פריינט אַלמי, אַזוי האָט ליבערמאַן געשריבן וועגן זשיטלאָווסקי׳ן אין 1927. וואָס ליבערמאַן שרייבט איצט איבער זשיטלאָווסקין איז דאָ איבעריק צו ציטירן. דער אינהאַלט איז שוין באַקאַנט פון דער ברייטער פּאָלעמיק אַרום זיין בוך „יידן און יידישקייט אין די שריפטן פון זשיטלאָווסקי".

5) מיר האָבן דאָ ניט בדעה צו באַרירן די אַנדערע טעזיסן אין אַלמי׳ס אַכט־פּונקטן אַרטיקל, מוזמת יעדער פונקט אין אַלמי׳ס אַרטיקל וואָלט זיך געפאָדערט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג — אַזוי אומגערעכט איז

ער. מיר ווילן נאָר דאָ לאָזן פאַלן אַ וואָרט אַרום דעם זייער אינטערעסאַנטן ענין פון מוסר ביי די נביאים און ביי יידן אין אַלגעמיין, וואָס קאָלעגע אַלמי באַרירט אין זיין אַרטיקל. אַלמי איז דאָ אויף דער אומגערעכטער זייט, ניט מחמת מיר ווילן אים דאָ זאָגן מוסר. מיר האָבן פיינט יענעם צו זאָגן מוסר. מיר וואָלטן אים נאָר רעקאָמענדירט נאָכאַמאָל דורכצוקוקן און דורכצובלעטערן די נביאים און אַנדערע עפּיזאָדן פון יידישער געשיכטע, וואו ס'האַנדלט זיך וועגן דעם טשיקאַווען און רייצנדיקן ענין פון מוסר אין יידישן לעבן, וועט ער שוין גאָרניט אַזוי גרינג זיך גיבן אַ זאָג — „דער פאַרגלייך מיט די נביאים, וואָס אויך זיי האָבן געשטראָפט דאָס פאָלק און געזאָגט האַרבע ווערטער, איז אַ לעכערלעכער". ה' אַלמי, האָף איך, וועט אויף אונדז ניט האָבן קיין פאַראיבל הלמאי מיר שיקן אים אָפּ צו די אַנאַלן פון אונדזער געשיכטע. אַלמי איז מן־הסתם יאָ באַקאַנט מיט דער נביאים־עפּאָכע, נאָר אין היץ פון פּאָלעמיק איז ער אַביסל געשטרויכלט געוואָרן אין געשיכטלעכע פאַקטן און דעטאַלן . . . מיר וואָלטן דאָ געבראַכט ציטאַטן און אילוסטראַציעס, כדי צו באַווייזן, אַז די נביאים און אַנדערע יידישע גאונים האָבן שוין גאָר שאַרף געשטראָפט יידן הלמאי זיי זינדיקן אַביסל אונטער און זיי לעבן ניט אין הסכם מיט די לעבנספּרינציפּן און עטישע כללים פון יידנטום — און גראָד אין מאָמענטן פון ירידה און אומקום־שטימונגען אין יידישן לעבן . . . אָבער ס'וואָלט אונדז צו ווייט פאַרפירט און דער בריוו איז שוין אַזוי אויך גלות־לאַנג, דעריבער זאָל פריינט אַלמי נאָכאַמאָל דורכבלעטערן אָביעקטיוו און אָן פאַראורטיילן די דאָזיקע אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן אין דער געשיכטע פון יידנטום און אפשר וועט דער פאַרגלייך גאָרניט זיין אַזוי „לעכערלעך" ווי ער דענקט . . .

מיט פריינטלעכע גרוסן, אייער — נ ח ו ם ס ו מ ע ר.

ניו־יאָרק, 29טער אַפּריל, 1944.

חשוב'ער פריינט א. אַלמי:

דערהאַלטן אייער בריוול. אָבער אַזוי ווי דער ענין איז ניט קיין פּריוואַטער — דערלויב איך זיך ענטפערן עפנטלעך. יאָ, ס'ווייזט אויס, אַז מירליידן אַלע פון יענער „קראַנקהייט" וואָס הייסט — מאָנאָלאָגיזם. מיר הערן נאָר זיך און ניט יענעם . . .

ניין, פריינט אַלמי, איר ענטפערט ניט אויף די פּונקטן, אויף וועלכע מ'האָט אָנגעוויזן, נאָר אויף יענע וואָס איר האָט שוין פון פריער אַרויסגעזאָגט.

לאָמיר זיך פּרוּוון פאַרשטענדיקן וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך און אי־

בער וואָס אונדזער פּראָטעסט קעגן ליבערמאַנ'ען און די אַנדערע וואָס באַנוצן זיך מיט די זעלביקע מיטלען צו באַקעמפן די זשיטלאָווסקי־פּער־זענלעכקייט.

1) מיר האַלטן אַז ס'איז קולטורלאָז און ניט עטיש צו באַקעמפן אַ קעגנער אויף אַזאַ אופן ווי מ'טוט עס ביי אונדז — בפרט ווען דער קעג־נער איז שוין אַ שוכן־עפר. מיר האַלטן עס פאַר אַ געשמאַקלאָזיקייט צו שענדן אַ קבר, ווען די וואונד איז נאָך אַזוי פריש ביי זיינע נאָענט־אינטי־מע.

2) מיר זוכן בשום־אופן ניט פאַרטיידיקן אַלץ וואָס זשיטלאָווסקי האָט געשאַפן און אַלץ וואָס זשיטלאָווסקי האָט אַרויסגעזאָגט אין משך פון זיין לאַנג־געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס זיינען פאַראַן אַ סך שאָטן־זייטן אין זיין שאַפן. ניט מיט אַלעם מוז מען מסכים זיין און ניט אַלץ איז דאָרט פּאָזי־טיוו. מיר האַלטן ניט פון געצן און הייליקייטן. מ'מעג און מ'דאַרף קרי־טיקירן.

3) אָט טאַקע וועגן דעם האַנדלט עס זיך פריינט אַלמי — וועגן מעגן קריטיקירן און זיך דערלויבן אַרויסזאָגן אַ זעלבסטשטענדיקן געדאַנק — אַפילו ווען אונדז איז ער שטאַרק ניט צום האַרצן. זשיטלאָווסקי האָט אַרויסגעזאָגט שאַרפע געדאַנקען קעגן יידן און יידישקייט — אַלנפאַלס לויט אונדזער סוביעקטיווער מיינונג — איז דעריבער שוין רעכט, אַז מ'זאָל זשיטלאָווסקי'ן באַצייכענען אַלס — „ווילדן אַנטיסעמיט?" . . . אויב מיר רעדן וועגן טאָלעראַנץ און רעכט פון קריטיק — דאַרף דאָך די זעלבע מאָס אַנגעווענדט ווערן צו די יעניקע וואָס מיר דערלויבן זיך קריטיקירן . . . זשיטלאָווסקי איז אפשר געווען אומגערעכט אין אַ סך פון זיינע טעזן — זאָגן מיר ; — פון שטאַנדפּונקט פון טאָלעראַנץ — האָט ער געהאַט רעכט צו זיין אומגערעכט . . . בכלל איז דער גאַנצער ענין פון „רעכט" און „אומרעכט" אַ ריין רעלאַטיווער. ניט אַלץ וואָס מיר דענ־קען אַז ס'איז „רעכט" — איז טאַקע רעכט. אַ שיין ביסל טעות'ן און גרייזן האָבן מיר שוין געמאַכט לויט דער דאָזיקער מאָס . . . כ'וואָלט אייך געקאָנט אָנווייזן אויף אַ היפּש צעטל פון „מאָראַלישע געבאָטן" וואָס זיינען אין איין צייט טאַקע געווען די אָנגענומענע כללים פון אונדזער מאָראַל — און ביי אַנדערע אומשטענדן, זיינען די דאָזיקע כללים דער־קלערט געוואָרן אַמאָראַליש . . . אָבער צוליב וואָס איז עס נויטיק — איר אַליין ווייסט פון דעם פּונקט ווי איך.

4) איר שרייבט — „דאָס וואָס ליבערמאַן האָט אַמאָל געשריבן פּאָ־זיטיוו וועגן זשיטלאָווסקי'ן באַווייזט, אדרבא, אַז ל. איז אָביעקטיוו". האַלטן מיר פּונקט קאַפּויער. ליבערמאַן איז ניט אָביעקטיוו און זיין גאַנ־צער צוגאַנג קעגן זשיטלאָווסקי'ן, אין זיין לעצטן בוך וועגן אים, איז גע־בויט אויף פאַלשע הנחות. וואָלט ליבערמאַן באַקעמפט אייניקע פאַזן פון

זשיטלאָווסקי׳ס געזעלשאַפטלעכן איינשטעלן — וואָלטן מיר עס פאַרשטאַנען. ליבערמאַן באַטראַכט אָבער אַלץ וואָס זשיטלאָווסקי האָט אויפגעטאָן אין יידישן לעבן פאַר פאַלש און טעות׳דיק. דאָ, זעט איר, איז ער שוין ניט אָביעקטיוו. דעמאָלט ווען ליבערמאַן האָט געשריבן וועגן זשיטלאָווסקי׳ן פּאָזיטיוו און סימפּאַטיש — האָט ער דאָך שוין געהאַט הינטער זיך פערציק יאָר פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. איז טאַקע דעריבער שטעלט זיך די פראַגע: ווען איז ליבערמאַן גערעכט און ווען איז ער אומגערעכט? . . .

5) ליבערמאַן שרייבט אין זיין ביכל, אַז זשיטלאָווסקי האָט געזוכט מבטל מאַכן, אָדער צעררייסן דעם בונד פון דער יידישער רעליגיע און דאָס יידישע פאָלק, דעריבער האָט זיך זשיטלאָווסקי געשטעלט אויפן שטאַנדפונקט פון שמד. נו, פריינט אַלמי, איז טאַקע דער דאָזיקער שטאַנדפונקט אויסגעהאַלטן און לאָגיש? איז עס אמת, אַז זשיטלאָווסקי האָט גערופן דאָס יידישע פאָלק צו גייסטיקן שמד? ס׳איז דאָך אַ מאָדנער קוריאָז — וואו דער מענטש האָט דאָס צעדרייט און צעדריבלט זשיטלאָווסקי׳ס אָריגינעלן, און אפשר גאָרניט אָריגינעלן געדאַנק וועגן אָט דעם ענין — פון פאָלק און אמונה. ווי אַ ציוניסט, ווייסט איר דאָך, אַז דער מאָדערנער פּאָליטישער ציוניזם איז געבויט אויפן געדאַנק פון צעשיידן גלויבן פון נאַציע. האָט דאָך שוין הערצל אין זיין „יודענשטאַט" אָנגעוויזן אויף אָט דעם ענין — „אַז די קאָנסעקווענטע פריידענקער אין דעם ציוניזם קאָנען גיין האַנט־אין־האַנט מיט די קאָנסעקווענטע אָרטאָדאָקסן". אָדער — „איך באַטראַכט די יידן־פראַגע ניט אַלס אַ סאָציאַלע און ניט אַלס אַ רעליגיעזע — כאָטש זי אַנטהאַלט די פאַרבן פון ביידע. זי איז אַ נאַציאָנאַלע פראַגע, און כדי זי צו לייזן, מוזן מיר זי פאַרוואַנדלען אין אַ פּאָליטיש־וועלטלעכער פראַגע, וועלכע וועט דאַרפן רעגולירט ווערן אויף דער באַראַטונג פון די קולטור־פעלקער . . ." (הערצל, געזאַמלטע שריפטן). אויך באָרדוי און די גאַנצע פלעיאַדע פון מאָדערנע, פּראָגרעסיווע יידיש־וועלטלעכע נאַציאָנאַליסטן האָבן אַוועקגעשטעלט דעם דאָזיקן יסוד אין זייערע אידייאישע איינשטעלן. ווי איר זעט, איז זשיטלאָווסקי גאָרניט געווען קיין גוואַלדיקער מחדש אין אָט דעם ענין. נו, איז די לאָגיק — אויב זשיטלאָווסקי האָט גערופן צו „גייסטיקן שמד" דאָס יידישע פאָלק צוליב דעם איינציקן חטא זיינעם פון וועלכן צעררייסן דעם בונד פון רעליגיע און נאַציע — האָט ליבערמאַן גלייכצייטיק געדאַרפט אַוועקשטעלן דעם ציוניזם און די גאַנצע פרייהייטלעך־פּראָגרעסיווע באַוועגונג אונדזערע זייט די לעצטע הונדערט יאָר אויף דעם זעלבן שטאַפּל. זייט איר עס גרייט צו טאָן, פריינט אַלמי?

6) ליבערמאַן שרייבט אין זיין ביכל — „וואָס־זשע האָט זשיטלאָווסקי געהאַט אָנצובאָטן יידן אויפן אָרט פון זייער אַלטער יידישקייט?"

ער האָט זיי מיט גרויס פּאַראַד, אויף אַ גילדערנער טאַץ, מיט גילדערנע מעסער, לעפל און גאָפּל, אונטערגעטראָגן די „איראָפּייאישע קולטור" . . . נו, איז ערשטנס ליבערמאַן ניט גערעכט, אַז זשיטלאָווסקי האָט געזוכט אויסבייטן דאָס רענדל פון יידישער אויף גוי'אישער קולטור. ער האָט נאָר געוואָלט באַרייכערן אונדזערע קולטור־אוצרות מיט די וועלט־לעכע. אַ געוואַלדיקער חטא. און דער חוזק מיט וועלכן ס'באַנוצט זיך ליבערמאַן וועגן דער „איראָפּייאישער קולטור" איז טאַקע אייך ניחא, פריינט אַלמי? אונדז ניט. מיר זיינען ניט אַזוי ענג־האַרציק צו טראַכטן, אַז אַלץ וואָס די קולטור־פעלקער באַטן אונדז אָן, איין זין פון קולטורעלע אוצרות, איז טאַקע טריף . . . אַזוי טראַכטן איז פּראָווינציעל און ניט דער־טראַכטן אַ געדאַנק צו דער קאָנסעקווענץ פון לאָגיק. מיר גלייבט זיך ניט, אַז איר, פריינט אַלמי, קאָנט זיך אידענטיפיצירן מיט אַזאַ שמאָל־קעפּיקן געדאַנק . . . שיין וואָלטן מיר אויסגעזען ווען מיר וואָלטן אויף אַן אמת צוריקגעשליידערט דער וועלט אַלע קולטורעלע גיטער, וואָס מיר האָבן ביי זיי גענומען אָדער אויסגעבאָרגט . . .

7) דער ענין, פריינט אַלמי, וואָס זשיטלאָווסקי האָט געשטראָפט יידן הלמאי מיר זיינען ניט ווי אַנדערע — איז זשיטלאָווסקי אויך דאָ נישט זייער אָריגינעל. זשיטלאָווסקי איז זיכער ניט געווען דער איינציקער וואָס האָט אַזוי געטראַכט. בכלל, וואָס האָט זשיטלאָווסקי געמיינט מיט אָט דעם „משונה'דיקן" געדאַנק פון זיין ווי אַנדערע? ער האָט געמיינט, וואָס יעדער פון אונדזערע פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע מענטשן מיינען. גאַנץ פשוט. ער האָט געמיינט מיר זאָלן זיין אַ באַזונדער פאָלק ווי עס זיינען די רוסן, ווי עס זיינען די פראַנצויזן, ווי עס זיינען די ענגלענדער און אַנ־דערע. ער האָט עס פאָרמולירט — „מיר זיינען ניט קיין פיר פּראָצענט פון וועלכן עס איז אַנדער פאָלק, נאָר גאַנצע הונדערט פּראָצענט פון זיך אַליין". און אַז — „די אינטעליגענץ געהערט דעם יידישן פאָלק". וואו ליגט דאָ זשיטלאָווסקי'ס זינד? איז עס ניט אַ געדאַנק וואָס מיר באַנוצן זיך מיט אים אין אונדזער קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע אין אַלע אירע וואַריאַציעס?

8) וואָס אָנבאַלאַנגט דעם מוסר און די שטראָף פון זשיטלאָווסקי'ן קעגן אונדז — איז ער אפשר, אין זיין שטאַרקער ליבע צו אונדז, געווען אַביסל צו טעמפּעראַמענטפול. ער האָט אַביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. נו, איז ער אין דעם פּרט פון זאָגן מוסר יידן זיכער ניט געווען דער איינ־ציקער. אונדזערע אַלע מוסר־זאָגער, צוליב זייער אינעווייניקסטער לי־בע פאַר דער זאַך וואָס זיי פּריידיקן, האָבן אַ היפּש ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. האָבן דאָך אַ סך פון אונדזערע גרויסע חסידישע פּערזענלעכ־קייטן אָנגעוויזן, אַז מ'דאַרף ניט צופיל שטראָפן יידן, אויף זינד וואָס זיי

זיינען באַגאַנגען און אויף זינד וואָס זיי זיינען ניט באַגאַנגען.

אַט לייענט וואָס דער נביא עמוס זאָגט קעגן די סאָציאַלע אומרעכטן פון יידן — „זיי האָבן פיינט דעם וואָס מוסר'ט אין טויער, און דעם וואָס רעדט ערלעך פאַראומווערדיקן זיי . . . איך האָב פיינט, איך פאַראַכט אייערע יום־טובים, און איך קען ניט שמעקן אייערע איינזאַמלונגען. אַפילו אַז איר ברענגט מיר אויף בראַנדאָפּפער באַווייליק איך ניט, און אייערע געשטאָפּטע פרייד־אָפּפער קוק איך ניט אָן. טו אָפּ פון מיר די ברומונג פון דיינע געזאַנגען, און דאָס שפּיל פון דיינע גיטאַרן לאָמיך ניט הערן. נאָר לאָז קוועלן ווי וואַסער גערעכטיקייט, און רעכטפערטיקייט ווי אַ שטראָם אַ שטאַרקער".

זיינען דאָס זייער שטאַרקע ווערטער, פריינט אַלמי.

און אַט וואָס עס זאָגט ביאַליק אין זיין גערעכטן צאָרן אַנטקעגן יידן — „פאַרוואָר, קליין איז דאָס פאָלק און געפאַלן און מיאוס, איז צעפוילט דורך און דורך שוין, פון קאָפּ ביז די פיס" . . . אָדער אַן אַנדער פערז — „יאָרן טויזנטער גלות פון ווי און פון לייד, האָבן אויסגעצערט אים און זיין הארץ אָפּגעטויט. קען דען איינער, געוואוינט צו דער שטראָפנדיקער האַנט, נאָך דערשפירן די לייד פון נשמה אין שאַנד ?" . . . („גראָז איז דאָס פאָלק").

זיינען די דאָזיקע ווערטער ביאַליק'ס אַ שטאַרקער אָנקלאָג קעגן אונ־דזער פאָלק. מיר ווייסן ניט צי זיי וואָלטן אויסגעהאַלטן אַ שטרענגע אַנאַליטישע קריטיק, ווען מיר וואָלטן דידאָזיקע ווערטער צענומען און זיי איינגעשפּאַנט אין פּשוט'ע פּובליציסטישע געדאַנקען. איז אויב ס'איז דערלויבט שאַרפע מוסר־רייד אונדזערע דיכטער און מגידים — טאָ פאַרוואָס זאָל עס ניט דערלויבט זיין אַ פּובליציסט־דענקער ?

מיר האָבן אַ רעכט אָפּצופרעגן זיינע מיינונגען, אָבער מיר טאָרן ניט אַרויס פון די כלים צוליב דעם, וואָס זשיטלאָווסקי, אין זיין פּראָקוראָרי־שער ראָל, האָט זיך באַנוצט מיט שאַרפע אַדיעקטיוון קעגן אונדז. מ'טאָר אים דערפאַר ניט לייגן אין חרם ! דאָס פאָדערט די גערעכטיקייט ! . . .

נו, איצט, פריינט אַלמי, מיר האָבן אייך שוין אַ היפּש ביסל פאַרמאַ־טערט מיט אונדזער פאַרצויגענעם בריוו. איר וועט זיכער קיין פאַראיבל ניט האָבן, האָף איך . . .

מיט דרך־ארץ, אייער — נ. סומער.

דער מענטש וואָס האָט געפונען האַרמאָניע אין דער סתירה . . .

(אַ פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט וועגן דר. א. קאָראַלניק)

עס איז אַ מאָדנער פּאַראַדאָקס. מיר, דאָס פאָלק, וואָס האָט פּרעטענזיעס מכוח קולטור־ווערטן — באַהאַנדלט אַזוי שטיפמוטעריש אונדזערע קולטור־שאַפער. די בײנער פון אַט־די טרעגער פון גייסט ליגן פאַרשטויבטע אויף ביבליאָטעק־פּאָליצעס און אין קעלערס פון יידישע בוך־הענדלער . . . דאָס אַרויסגעבן אַ בוך קומט אָן קריעת ים־סוף. עס ווערן פריער געשאַפן אַלערליי קאָמיטעטן, און דער מחבר דאַרף נושא־חן זיין ביי דעם אָדער יענעם פּאָליטישן קרייזל, כדי ראוי צו זיין צו זייער גראָשנדיקער הילף . . . אויב דער באַטרעפנדיקער שריפטשטעלער געהערט צו יענער אומגליקלעכער בראַנזשע פון „גייסטיקע אַריסטאָקראַטן“, מענטשן וואָס ווילן בלייבן אינדיווידועל־אומאָפּהענגיק אין זייער קרעאַטיוון אויסדרוק; זיי ווילן נישט זיין געפּענטעט אין אולטימאַטיווע קייטן, זוכן גיבן אויסדרוק זייער אייגענעם וויסן־געוויסן, זוכן נים געפעלן קיינעמס פּאַטענטירטע קריטעריעס, איז זייער דאָליע: — אָפּקומעניש און פאַרשוויגן ווערן . . .

מיר זאָגן דאָס אַנטקעגן דער דאָליע פון דר. קאָראַלניק. כאָטש דעם אמת געזאָגט האָבן טויטע שריפטשטעלער גרעסער מזל ביי אונדז... אָבער דר. קאָראַלניק איז אַפילו אין דער הינזיכט אַן אויסנאַם . . . כ'האָב זיך באַמיט דורכקוקן אַ גאַנצע רייע אָנגעזעענע זשורנאַלן ביי אונדז פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר מיטן געדאַנק עפּעס געפינען וועגן דעם מייסטער־שריפטשטעלער, אָבער צום גרויסן באַדויערן איז מיין מי געווען אָן דערפאָלג. עס זיינען עפּעס יאָ געווען אייניקע נאָטיצן, סאַכאַרין־פאַרזיסטע מליצות, אָבער ניט קיין איין וואָגיקע אַרבעט, שטודיע וועגן אָט דעם פענאָמענאַלן ריז פון אונדזער יידיש־עסייאיסטיק.

איז עס ציניזם וואָס דאָמינירט אונדזער געזעלשאַפטלעכע גאַס — ווען ענציקלאָפּעדישע מענטשן פון קאָראַלניק'ס קאַליבער ווערן פאַרשוויגן — בעת מאַריאָנעטן־געשטאַלטן ווערן אַרויסגעהייבן פון שטויב פון פאַרגעסעניש? . . . אפשר.

כאָטש דר. קאָראַלניק איז ביי אונדז געווען פון די גליקלעכע

שרייבער וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ טאָג־צייטונג וואו זיין טאַלאַנט איז געקומען צום אויסדרוק, געהערט ער דאָך צו די דיסקרימינירטע שרייבער ביי אונדז . . . כאָטש קאַראַלניק האָט אַרויסגעוויזן געוואַלדיקן טאַלאַנט אין זיינע צענדליקער און הונדערטער אַרטיקלען און עסייען, וואָס זיינען דורך אים פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער טעגלעכער פרעסע וועגן פאַרשיידענע ענינים — איז ער אָבער אין תוך געווען דער מענטש וואָס האָט געדאַרפט שרייבן ביכער און ניט אַרטיקלען. צוליב מאַטעריעלע אומשטענדן האָט קאַראַלניק געמוזט שלום מאַכן מיט זיך צו ווערן „אַ האַנט" אין אַ צייטונג, וואו זיינע אַרטיקלען זיינען געשריבן געוואָרן איילנדיק און אָן דער געהעריקער אַקאַדעמישער רואיקייט וואָס האָט געפּאַסט פאַר אַזאַ גייסטיקן אַריסטאָקראַט ווי דר. קאַראַלניק איז געווען. ער האָט געמוזט שפּאַצירן מיט אונדז אין די גאַרטנס פון גייסט, ווייל ער האָט פשוט פיזיש ניט געהאַט די נייטיקע צייט זיך אָוועקצוזעצן פאַר איינער יאָר און אונדז שפּעטער מזכה זיין מיט אַן אַקאַדעמיש, פילאָזאָפיש ווערק. ער האָט גע'חלומ'ט, געאָנט וועגן אָנשרייבן אַ גרויס פילאָזאָפיש ווערק, אָבער ער איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט טריוויאַלע, נישטיקע טאָג־טעגלעכע עסקים און וואָגיקע ווערק וואָס ער האָט גע'חלומ'ט אָנצושרייבן, האָט ער אַלעמאָל אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. „דאָס לעבן גייט אָוועק אויף גאַרנישט מיט גאַרנישט. פאַרן וויכטיקסטן און אינטערעסאַנטן איז קיין צייט ניטאָ. אַרטיקלען, אַרטיקלען און אָבער־אַמאָל אַרטיקלען . . ." — באַקלאָגט ער זיך אין אַן אינטימען שמועס מיט זיין נאָענטן פריינט, חיים גרינבערג.

ער האָט געזוכט אַרויסרייסן זיך פון שפּאַן פון טאָג־טעגלעכער רוטין, אָבער ס'איז אים ניט געלונגען, ווייל ס'האָט אים אויסגעפעלט קעמפערישער מוט. ער איז ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער, קיין קעמפער — ווייל אין תוך איז ער געווען און געבליבן — גרויסער סקעפּטיקער, באַצווייפלער. דאָס מיינט ניט, אַז ער האָט אַקצעפּטירט דעם סטאַטוס־קוואָ. ניין, חס־וחלילה — ער האָט אָפט ביטער און שאַרף געקעמפט פאַר רעפאָרם קעגן אָנגענומענער קאָנווענץ. ער האָט פּאָלעמיזירט, געקריצט שווערדן מיטן קעגנער. אָבער ניט זעלטן און גאַרניט אַזוי זעלטן האָט ער גענומען צווייפלען אין זיינע אייגענע געדאַנקען, אין זיינע אויספירן. ער האָט באַקעמפט זיך אַליין און אָפּגעפרעגט זיינע אייגענע טעזן. אָט אַזוי איז ער געווען דר. קאַראַלניק.

אויף וויפיל מ'האָט ניט געקאָנט פילן קיין ענגן־דאָגמאַטיזם אין זיינע געדאַנקען, מיינונגען, אויספירן, איז כאַראַקטעריסטיש אָט־דער עפּיזאָד, וואָס חיים גרינבערג דערציילט: — „אין יאָר 1919 פלעגן אַ

גרופּע „אינטעליגענטע פּוסט־און־פּאַסניקעס" זיך צונויפקומען יעדן זונ־טיק אויף זיצונגען פון דער קיעווער רעליגיעז־פילאָזאָפישער געזעל־שאַפט. אין איינעם אַזאַ זונטיק האָט פּראָפ. קויגן געהאַלטן אַ פאָרטראַג וועגן דעם גאָט־באַגריף אין ליכט פון דער קריטישער דערקענטעניש־טעאָריע. דער פאָרטראַג האָט אַרויסגערופן אַ הייסע דיסקוסיע.

„קאַראַלניק האָט אויף זיין אופן שטיל באַמערקט — איך האַלט מיט רענאַנ׳ען. ווי אַזוי האָט דער גייסטרייכער פראַנצויז געזאָגט ? אין געוויסע שעה׳ן גלויב איך אין גאָט. אין אַנדערע שטונדן לייקן איך זיין עקזיסטענץ. אין דער פּאָזיציע איז שטאַרקער ווי די פּאָזיציע פון אַן אויסגעשפּראָכענעם אַ ט ע א י ס ט אָדער פון אַן אויסגעשפּראָכענעם ט ע א י ס ט . איינס פון די צווי מוז דאָך זיין אמת. אָדער ס׳איז פאַ־ראַן אַ גאָט אָדער ער איז ניט מער ווי אַ מענטשלעכע איינבילדונג".

ער האָט אין לעבן ניט געזען קיין אַבסאָלוטע אמת׳ן. אַלע אויספירן צו וועלכע מיר קומען דורך שכל׳דיקן אַנאַליז זיינען גאָרניט אַזוי שכל־דיק — ווייל אונדזער ראַציאָ ווערט אין תוך באַהערשט דורך סוביעקטיוון עמאָציאָנאַליזם. אונדזערע געדאַנקען זיינען פּראָדוקטן פון פּערזענלעכע דוכטענישן. די געדאַנקען, אויספירן אונדזערע נעמען אָן נייע מעטאַמאָר־פאָזן אין שפּאַן פון יאָרן — דערפאַר איז אונדזער געדאַנק פליסיק, עלאַס־טיש, רעלאַטיוו. ס׳זיינען ניטאָ פאַראַן קיין צוגעשניטענע מאָסן פאַר אונ־דזער געזעלשאַפטלעך לעבן. אַלע גרויסע אידייען מוזן דורכגיין דעם פּראָצעס פון ענדערונג און אויכטויש — אויב ניט — איז זייער גורל פאַטאַל — פאַר׳חתמ׳עט צום אינטערגאַנג. אַלט און ניי מוזן זיך אַנט־קעגן קומען. גאָרניט איז ניי און גאָרניט איז אַלט. דאָס נייע איז בונ־טאַריש צום אַלטן און דאָס אַלטע ווייל אָן קאַמף ניט אָפּטרעטן דעם וועג. סוף־כל־סוף באַגעגענען זיך וועגן און ס׳ווערט געשאַפן דער שידוך, דער סינטעז פון אַלט און ניי. דערנאָך איז קאַראַלניק אַלעמאָל געגאַנגען אַליין. ער האָט זיך ניט געקאָנט אַריינפּאַסן אין קיין שום פּאַרטייאישע ראַמען — הגם, ער האָט געהאַט זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. ער איז געווען סקעפּטיש צום אַלטן און פאַרניינט דאָס נייע. ער האָט אין „גאַלדענעם־מיטלוועג" געזען דאָס ליכט פון דערלייזונג און אויסלייזונג.

מענטשן האָבן אין זיין שאַנן געזוכט און געפונען סתירות. קאַראַל־ניק האָט אַליין געוואוסט וועגן אָט־דער שוואַכקייט זיינער. ער האָט עס אָבער ניט באַטראַכט פאַר קיין חסרון. ער האָט די סתירה, דעם ווידער־שפּרוך דערהייבן צו אַ פילאָזאָפישן באַנעם. ער האָט אין דער סתירה געפונען גאַנצקייט, שלימות. אין זיין עסיי וועגן פּרודאָנ׳ען זאָגט קאַ־ראַלניק דידאַקטיש כאַראַקטעריסטישע ווערטער : „עס איז אייגנטלעך

אַ גרויסע חוצפה צו ווערן אַ מאַרטירער פון אַ אידייע" — זאָגט ערגעצ־וואו אַנאַטאָל פראַנס. און ער איז אין גרונט גערעכט". דער אמת'ער דענקער וויל ניט ווערן קיין מאַרטירער. ווייל ער ווייסט, ווי איינזייטיק יעדע אידייע איז און וויפיל ספיקות עס זיינען איינגעוויקלט אין יעדן אמת". אין אַן אַנדער אָרט אין דער זעלביקער עסיי געפינען מיר אָט־די זאָצן: — „מען קאָן פרודאָנ'ען אַנאַליזירן מיט זיין אייגענעם מעטאָד: אַנווייזן די אינערע ווידערשפּרוכן אין אים. אָבער דאָס איז נישט נייטיק. ער האָט עס אַליין געטאָן. ער אַליין איז געווען אַ צו־אומרואיקער גייסט, תמיד פרעגנדיק, זוכנדיק, תמיד פאַרוויקלענדיק זיך אַליין און אַנדערע אין ווידערשפּרוכן".

„איך האָב געוואָלט זיין אין גן־עדן" — האָט פרודאָן אַמאָל געזאָגט צום עקאָנאָמיסט באסטיא — „אָבער איך האָב מורא אַז אַלע זיינען דאָרט מסכים איינער מיטן אַנדערן, און איך וועל דאָרט קיינעם ניט געפינען מיט וועמען איך וואָלט געקאָנט זיך שפּאַרן . . ." זיינען ניט די־דאָזיקע ווערטער אַנגעמאָסטן צום פּאָרטרעט פון קאַראַלניק'ן אַליין ? . . .

אין זיין „בוך פון וואָרצלען" כאַראַקטעריזירט ער זיך זייער טרעפלעך — „איך גלויב נישט אין אַלזייטיקע באַלייכטונגען און אויסשעפּנדיקע ענטפערס". יאָ, מיר ווייסן פון היסטאָרישער דערפאַרונג ווי אויסגעהאַלטן ס'זיינען געווען יענע פּסעוודאָ־דענקער וואָס האָבן אונז געפּרוווט געבן „אַלזייטיקע באַלייכטונגען און אויסשעפּנדיקע ענטפערס" צו אַלע סאָציאַלע חולאת'ן . . . ניין, קאַראַלניק איז ניט געווען קיין מאַניסט אין זיינע געדאַנקען, עקסקורסיעס. ער איז גיכער געווען אַ קולטור־פּלוראַליסט. ער האָט אין אַלץ געזען איינס אָדער ווייזאָ־ווערסאַ . . .

דר. קאַראַלניק איז געווען אַ יוניקום אין אונדזער ליטעראַטור. אין אַנדערע ליטעראַטורן וואָלט מען וועגן אַזאַ אייגנאַרטיק־פילפאַרביקער פּערזענלעכקייט געשריבן ביכער און וואָגיקע שטודיעס, פּונקט ווי מ'האָט געשריבן וועגן עמערסאָן און מאָנטען.

דר. קאַראַלניק איז געווען דאָס פלאַטערל וואָס פלאַטערט פון איין בלום צו דער צווייטער, פון איין צווייגל צום אַנדערן. ער איז געווען אַלזייטיק אין זיין וויסן. ער איז געווען וועלט־בירגער אין אַלע וועלט־קולטורן, אַנטיקע און מאָדערנע. ער האָט געשריבן וועגן האָמער, פּלאַטאָן, אַריסטאָטל, דאַנטע, לעאָנאַרד דע ווינטשי, קאַנט; העגעל; געטע; היינע; ספּענסער; דאַרווין; אַנאַטאָל פראַנס; טאָלסטאָי; דרייזער; פּרץ; מענדעלע; ביאַליק; טשערניכאָווסקי — און וועגן די אַנדערע ריזן און קאָלאָסן פון פאַרשיידענע פעלקער און קולטורן; פון פאַרשיידענע צייטן און עפּאָכן. ער האָט געשריבן גראַציעז און מיט ערודיציע וועגן אָט־די

פאַרשיידענע דענקער און זייערע לעבנס־פילאָזאָפיעס. ער איז געווען אינטים־היימיש אין יעדן לאַבירינט און נישע פון זייער טראַכטן און דענ־קען. גאָרנישט איז אים געווען פרעמד. ניט נאָר האָט ער געשריבן וועגן זייערע קולטורן — אויך זייערע ציוויליזאַציעס זיינען אים ניט גע־ווען אומבאַקאַנט.

קאַראַלניק איז געווען עטייאיסט־דיכטער. זיינע עסייען זיינען פרעכטיקע קינסטלערישע פערל. ער האָט אויסגעזונגען אַ ליד־עסיי, ווי געזאָגט, האָט מען אין זיין שאַפן געזוכט סתירות. איז וועלכער גרויס־סער קינסטלער־דענקער איז פריי פון ווידערשפּרוכן אין זיין שאַפן? זיי־נען דאָך אַלע גרויסע פערזענלעכקייטן אומרואיקע נאַטורן, דעריבער, — ניט קאָנווענציאָנעל, ניט שטרענג־פּרינציפּיעל. עס שאַפט זיך דער אויבנ־אויפיקער איינדרוק אַז די דאָזיקע נאַטורן זיינען באַהערשט און באַווירקט פון דער סתירה . . . אַ גריטלעכער אַנאַליז באַווייזט, אַז צוליב זייער סענסיטיווקייט רעבעלירן זיי. פונקט ווי דער סייסמאָגראַף ביים מינדסטן אויפרודער אין דעם אינגעווייד פון אונדזער פּלאַנעט, רעגיסטרירט זיין ווירקונג. דער אמת־גרויסער קינסטלער, דער דענקער־פילאָזאָף ווערט באַווירקט פון יעדע געזעלשאַפטלעכע געשעעניש. ער זעט פאַראויס, זיין אויג איז שאַרפער, אָנגעשפּיצטער און זיין געדאַנק פלינקער ווי מיר פּשוט'ע מענטשן זיינען אײַנגעוואוינט צו טראַכטן — דעריבער אונדזע־רע טענות. זיין געדאַנק איז דינאַמיש, אימפּולסיוו, דירעוודיקער. דער מענטש פון געדאַנק מוז זיין פריי — ער האָט פיינט גיין אין סטאַדע. גייט ער אין סטאַדע — הערט ער אויף זיין אינדיווידועל־זעלבסטשטענדיק. ער הערט אויף טראַכטן. ער פאָלגט דעמאָלט באַפעלן. קאַראַלניק האָט ניט געקאָנט גיין אין סטאַדע. ער איז געווען אַ שלעכטער תּלמיד. ער האָט אין אַ פרעמדנס געדאַנק נאָר געזען אַן אָביעקט פאַר אייגענער טראַכ־טעניש, אייגענעם טייטש און קנייטש . . .

וועגן קאַראַלניק'ן דאַרף מען נאָך שרייבן און שרייבן אַ סך, ווייל צופיל האָבן מיר זיי ניט פאַרמאָגט די דאָזיקע גייסטיקע ריזן אין אונד־זער ליטעראַטור־באַלעבאַטישקייט. קאַראַלניק איז אַ ניט־אויסגעשעפּ־טער קוואַל. מ'דאַרף ערשט קומען צו אים שעפּן. זיין מינדסטע עסיי איז אַ ביבליאָטעק פון וויסן און זיין קאָמפּאָזיציע אַ מוסטער פאַר קינסט־לער־עסטעטן. דעריבער דער וויטיק ווען מענטשן פון קאַראַלניקס טיפּ ווערן אַזוי שנעל פאַרגעסן און אונדזערע ליטעראַטור־קריטיקער, מיט קליינע אויסנאַמען, שרייבן וועגן לילעפּוטן־שרייבער און די קאַראַלניקס פאַרשווייגט מען.

א. ליעסין — דער עסייאיסט

ביי אונדז פאַרנעמט א. ליעסין אַן אויבנאָן־פּאָזיציע אין דער יידי־שער פּאָעזיע. געוויס האָט ליעסין דערגרייכט צו אַ הויכער מדרגה אַלס דיכטער. אָבער די קריטיק האָט אים געקריוודעט, ניט אָפּגעשאַצט אַלס דענקער־פּובליציסט. און אפשר איז דאָ שולדיק אונדזער אָרימקייט, אונ־דזער דלות אויפן געביט פון ערנסטער ליטעראַטור.

און וויל מען שרייבן וועגן ליעסינ'ען דעם עסייאיסט איז עס גאָר־ניט פון די גרינגע זאַכן, צוליב דעם גאַנץ פּראָזאַאישן פאַקט, וואָס ס'פעלט אונדז ביז היינט אַ געזאַמלטע קאָלעקציע פון זיינע גייסטרייכע פּובליציס־טישע אַרבעטן און וואָגיקע עסייען, וואָס זיינען ס'רוב געוועזן פאַרעפנט־לעכט אין דער „צוקונפט".

ליעסין איז קלאַסיש אין זיין ליד. ער האָט דאָס ליד זיינס זיכער דערהייבן צו פּערפעקציע, צו שלימות. כאָטש ס'זיינען ביי אונדז פאַראַן ליטעראַרישע ניט־פאַרגינער, וואָס קרימען מיטן נאָז און ווייזן אָן אויף וועזנטלעכע פּגימות אין זיינע פערזן. אָבער אַלע מוזן מסכים זיין, אַז זיין אָרט אין דער יידיש־ליטעראַטור געהערט אין דער מזרח־וואַנט, צווישן די גדולים, די קלאַסיקער. זיין ליד פאַרמאָגט אידייע, געדאַנק, אינהאַלט. ס'איז אָבער אויך פאַראַן אין זיין ליד ריטם, פּרעציזקייט, מאָס און שפּי־לעוודיקייט. ס'ליד זיינס פאַרמאָגט אַלע חנ'ען פון עכטער, ניט־גע־קינצלטער פּאָעטישער קוואַליטעט. ס'איז פאַראַן אין זיין ליד אמת'ער גין־גאָלד, ס'איז ניט פון יענעם פּרעטענציעזן מין, וואָס גיט אונדז שעטנז און וויל דווקא פיגורירן פאַר ריינעם מעטאַל.

ס'איז וועגן ליעסינ'ס ראָל און שאַפערישן גאַנג אין דער פּאָעזיע אַ סך געשריבן געוואָרן. מ'האָט געשריבן וועגן פאַרשיידענע שאַטירונגען און ניואַנסן. מ'האָט זיין דיכטערישן דרך באַטראַכט פון פאַרשיידענע ליטע־ראַטור־קריטישע קוק־ווינקלען. אַזוי אַז מ'קאָן שוין ביים היינטיקן טאָג וועגן זיינע לידער כמעט קיין חידושים ניט זאָגן.

דערפאַר איז אָבער זיין קלאַסישע עסיי כמעט ווי גאָרניט אָפּגעשאַצט. מ'באַטראַכט נאָך אַלץ ביי אונדז אַ פּובליציסטישע אַרבעט ווי עפּעס אַ יש, איבער וועלכן מ'דאַרף ניט מאַכן קיין צימעס. אַ מינדערוויכטיקע דער־ציילונג איז ביי אונדז אַלץ נאָך חשוב'ער ווי אַ וואָגיק־ערנסטער פּובלי־ציסטישער אַרטיקל. אַן עסיי אָנגעלאָדן מיט געדאַנק און באַווירצט מיט

וויסן איז ביי אונדז נאָך אַלץ עפּעס אַ מאמר'ל. אין דער וועלט־ליטעראַ־טור פאַרנעמט די עסיי אַ זייער בכבוד'יק, באַלעבאַטיש אָרט. כ'וואָלט געקאָנט מיין טעזיס אילוסטרירן דורך ברענגען מוסטערן פון אַ סך עסיי־איסטן ביי אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן אין זייער עסיי זיך אפשר ניט דערהייבן צו העכערע הייכן ווי אייניקע פון אונדזערע בעסערע זשורנאַ־ליסטן, דאָך זיינען וועגן זיי און זייערע ווערק אָנגעשריבן גאַנצע פאָליצעס מיט ביכער.

מ'קלייבט צונויף יעדעס בלעטל וואָס די שריפטשטעלער האָבן אין זייער לעבן אָנגעשריבן און מ'גיט עס אַרויס אין לוקסוס־אויסגאַבעס. מ'צאַצקעט זיך מיט יעדן גראַשנדיקן געדאַנק וואָס זיי, די גדולים, האָבן אַרויסגעזאָגט. אַפילו זייערע שיחות־חולין פאַרזעט מען ניט.

ביי אונדזער גייסטיקער אָרימקייט איז אָבער פאַראַן אַ ביטול'דיקער, אַ שטיף־פאָטערישער צוגאַנג צו אונדזערע עסייאיסטן, שריפטשטעלער, וואָס זיינען אין זייערע שאַפונגען וואַגיק, אָנגעלאָדן מיט געדאַנק און אי־דייע; זיי רעגן מיט זייער שאַרפער פאָלקסטימלעכער חכמה און פילאָ־זאָפישן אַפאָריזם און פּאַראַדאָקס. דאָך בלייבן זיי איינזאַמע, ניט אָפּגע־שאַצטע.

צווישן דער גאַלעריע פון אָט־די ניט־אָפּגעשאַצטע, ניט־געזאַמלטע עסייאיסטן־שריפטשטעלער געהערט א. ליעסין.

ליעסין איז אַ סינטעז פון יידיש־וויסן מיט מאָדערנער וועלטלעכקייט. ער האָט ווי אַ שוואָם אין זיך אַריינגעזאַפּט דאָס בעסטע פון אונדזער אַל־טער קולטור־ירושה. ער האָט געשעפּט מיט פולע עמער פון די גייסטי־קע אוצרות פון אונדזער ווייטער און נאָענטער יידישער געשיכטע. די גרויסע ביבלישע העלדן אונדזערע; די נביאים, די תנאים, האָבן אים ניט נאָר אינספּירירט אין זיין דיכטערישן גאַנג, נאָר האָבן אויך אַרויפגע־לייגט זייער חותם אויף זיינע סאָציאַל־עטישע אָנגעהויכטע עסייען.

אין זיין גייסטרייכער און ליריש־מעדיטירנדיקער עסיי — „אונד־זער קולטור און אונדזערע שפּראַך־פּראָגן" זאָגן ליעסין דידאַקטיקע פאַר אים כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „און אין דער איצטיקער פינצטערער עת־צרה אין דעם פיזישן חורבן אונדזערן אין מזרח־ און צענטראַל־איי־ראָפּע און דעם גייסטיקן חורבן אונדזערן אומעטום — לאָמיר ניט פאַר־צווייפלען. די אוצרות פון דער אָנגעזאַמלטער גייסטיקייט, די רעזער־וואוארן פון דער מאָראַלישער ענערגיע אונדזערער וועלן אויסגעהיט ווערן. און אויב אונדזער הייליקער פייער זעט אויס, אין צייט פון חורבן דאָ און דאָרט ווי אַ פאַרגליווערטער וואַסער — ביי דער ערשטער באַ־רירונג מיט אַ מזבח וועט ער ווידער אויפפלאַקערן אין אַ הערלעכער פלאַם.

„די שטראַליקע קייט פון אונדזער דריי־טויזנט־יאָריקער קולטור וועלן מיר ציען ווייטער. און לאָמיר אַפילו אינמיטן פון פינצטערן חורבן, ווי יענער גרויסער תנא, ווידער און ווידער בויען און אויפבויען אונדזער יבנה“.

האָבן מיר דאָ פאַר זיך ליעסינ׳ען דעם גאַנצן יידן. ליעסין דער סאָציאַליסט, וואָס האָט אין זיין גייסטיקער געשטאַלטונג אויך געשעפט פון די סאָציאַלע וויסנשאַפטן פון פרעמדע פעלקער; פון די טעאָרעטיקער־אידעאָלאָגן פון דער סאָציאַליסטישער וועלט־באַוועגונג. עמוס און מאַרקס אין זייער צאָרנדיקן רעוואָלט און פּראָטעסט קעגן סאָציאַלע אומרעכטן זיינען ביידע אים געווען נאָענט און אייגן. דאָך, אין מאָמענטן פון גייסטיקער און פיזישער ירידה, איז אברהם ליעסין געבליבן אַ גאַנצער ייד, טיף פאַרוואָרצלט, פאַראַנקערט אין דער אַלט־אַלטער יידישער געשיכטע. אַ סך פון די אַמאָליקע קאָסמאָפּאָליטן האָבן ליעסינ׳ען ניט געקאָנט פאַרגיבן אָט־דעם חטא פון זיינע וואַרימע, האַרציקע יידישע סענטימענטן. אייניקע אָרטאָדאָקסישע מאַרקסיסטן וואָס זיינען אין זייער אופן פון דענקען געבליבן פאַרגליווערט, דאָגמאַטיש, האָבן אין ליעסינ׳ס נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן סינטעז געזען טענדענצן פון שאָוויניסטישע נייגונגען ר״ל.

ליעסין דער וויזיאָנער, וואָס האָט ניט געקאָנט אַקצעפּטירן דעם אים פרעמדן דרך פון אַ טרוקענעם, דאָגמאַטישן מאמין, האָט גע׳טענה׳ט צו אונדזערע פאַרביטערטע קעגנער פון יידישן נאַציאָנאַליזם: „ . . . אונדזער דריי־טויזנט יאָריקע קולטור, וואָס איז שטענדיק געווען, ביי איר גאַנצן רעליגיעזן ברעָן, דערהויפּט נאָר אַ וועלטלעכע קולטור, און וואָס ׳קאָן אויך געדייען ווי אַ וועלטלעכע קולטור, אויב נאָר מיר וועלן קאָנען אָנהאַלטן, ווי אונדזערע אור־עלטערן, דעם רעליגיעזן ברען“. האָבן מיר אין אָט־דעם זאָג דעם יידישן סאָציאַליסט וואָס איז דורכגעגאַנגען דעם טראַדיציאָנעלן וועג פון חדר און ישיבה. די אַריינגעפּאָמפּעטע לופט פון תנ״ך־העלדן, די תנאים מיט זייערע עטיש־מאָראַלישע אחריות׳ן און די שפּעטערדיקע מוסר־ספרים האָבן דאָ אָפּגעטאָן זייער אַרבעט. ליעסין איז געבליבן געטריי זיין יחוס־שטאַם און דערפאַר האָט ער אויפגעהיט אין זיך דעם ייד און דעם מענטש. ער האָט ביידע אידייאישע באַגריפן האַרמאָניש צונויפגעפּאָרט. ער האָט קיין איינעם פון די דאָזיקע באַגריפן אין משך פון זיין לעבנס־צייט ניט פאַרראַטן.

אַפילו אין דעם שפּראַכן־פּראָבלעם ביי יידן בלייבט ער אויך געטריי זיין שורש־נשמה. ער ציט ווייטער די „גאָלדענע קייט“ פון דער טויזנט־יאָריקער יידיש־טראַדיציע פון אונדזער פאָלקס־ליטעראַטור. ער וואָרצלט אָבער אויך אין די אַלט־אַלטע העברייאיש־אַראַמייאישע מקורות. מיר

זיינען אַ פאָלק פון צוויי־שפּראַכיקייט און צוויי־שפּרודלדיקע נאַציאָנאַלע קולטורן מיט טראַדיציע און יחוס׳דיקער גרויסקייט. ער האָט געוואוסט, אַז אונדזער ליטעראַטור הייבט זיך ניט אָן מיט פּרץ׳ן אָדער מענדעלי׳ן, וויפיל פּיטעט און ליבע ער זאָל ניט האָבן אַרויסגעוויזן פאַר אָט־די צוויי זיילן פון דער יידיש־ליטעראַטור. ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די סנאָבישע באַציאונג פון דעם משכּיל־העברייער צו אונדזער פאָלקס־לשון יידיש. עס איז אים אויך געווען פרעמד דער סנאָביזם מצד דעם יידיש־אינטעליגענט צו אונדזער העברייאישער קולטור־טראַדיציע. ער זאָגט וועגן אָט־דעם ענין די פאָלגנדיקע שיינע, האַרציקע ווערטער וואָס זיינען אָנגעמאָסטן פאַר ליעסינ׳ען דעם יידישן קולטור־מענטש: — „מ׳דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דאָס גייסטיקע אין יידיש ציט איר גרויסע יניקה פון העברייאיש, אַז יידיש איז דאָך געווען די שפּראַך, אויף וועלכער דער רבי האָט אונדז געטייטשט דעם חומש און עמוס׳ן און ישעיה׳ן, אַז גמרא איז פאַר אונדז נאָר אויף דער העלפט אַראַמייאיש. די אַנדערע העלפט איז זי פאַר אונדז יידיש, ווי מיר האָבן זי אויפגענומען פון רבי׳ן. און דער מדרש, עין יעקב, דער אלשיך און ענלעכע ספרים האָבן געלויכטן אין די הערצער פון אונדזערע פאָלקס־מאַסן יאָרהונדערטער נאָכאַנאַנד אויף יידיש, ווי דער זאָגער אין שול האָט זיי אויסגעזונגען.

„און דער אונטערגאַנג פון יידיש, ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך פון גרעסטן טייל פון יידישן פאָלק, וואָלט געווען אַ גרויסער אומגליק אויך אַפילו פאַר העברייאיש, וואָלט בכלל געווען אַ גרויסער אומגליק פאַר דער יידישער קולטור . . .

„יידן זיינען אָבער בכלל קיין שפּראַך־פאַנאַטיקער ניט געווען. שמע בכל לשון שאתה שומע — איז געווען דער גרויסער כלל פון דער יידישער געשיכטע . . .״

אין די געבראַכטע ציטאַטן פון ליעסינ׳ס א י י ן עסיי, זעט איר פאַר זיך דעם טיפן למדן, דעם מענטש פון וויסן, און איר זעט דאָ אויך דעם פינקלדיקן, עלאָקווענטן, אייגנאַרטיקן סטיליסט. ער איז באמת געווען אַ גרויסער טאַלאַנט אויפן געביט פון דער עסיי. ער האָט פאַרמאָגט וויסן, איינפאַל, געדאַנק, וויץ, אַפאָריזם, פּאַראַדאָקס — די אמת׳ע קאָמבינאַציע פון גרויסן קינסטלער־עסייאיסט. דערצו זיינען נאָך זיינע עסייען דורכגעשטריפט מיט ליריש־עמאָציאָנעלער פּאָעטישקייט וואָס האָבן אין זיך די עלעמענטן פון שפּילעוודיקייט און זיידן־סאַמעטענער צאַרטקייט. פילאָזאָפיש־פאָלקסטימלעכע חסידות און לומדיש־הלכה־דיקער מתנגדות האָבן זיך אָרגאַניש צונויפגעגאָסן אין זיין נשמה.

איז עס באמת אַ גרויסער פאַרדרוס וואָס אונדזערע קולטור־אָרגאַני־

זאַציעס זעען ניט אײַן די גייסטיקע נויטווענדיקייט אַרויסצוגעבן אַ זאַמ־לונג, אַן אָפּקלײַב פון ליעסינ׳ס גרויסע עסייאיסטישע אַרבעטן וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין משך פון צענדליקער יאָרן און וואָס זײַנען צע־וואָרפן, צעבּרעקלט אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן. אַ זאַמלונג פון ליעסינ׳ס עסייען וואָלט געווען אַ וויכטיקער צוטראָג צו אונדזער ניט צו גרויסער ערנסטער ליטעראַרישער עשירות. אַ סך פון זײַנע אַרבעטן וואָס מיר לייענען הײַנט האָבן אויך ניט פאַרלוירן די אַקטועלקייט, מחמת ס׳רוב פון זיי זײַנען אָנגעווייט פון אייביקייט־פּראָבלעמען ; זיי פאַרמאָגן דעם עלעמענט פון דויערדיקייט.

חיים גרינבערג — אַ קוריאָז אין פּאַרטייאישן געמויזעכץ

ס'רוב פּאַרטיי־מענטשן זיינען אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין זייער פּאַרטיי, אין זייער אידייע, אין זייערע אידעאַלאָגן, אַז די וועלט־און־ דער מענטש, מיט אַלע פּאַרוויקלטע קאָנפליקטן און ווידעראַנאַנדן, עקזיסטירן ניט פאַר זיי. דער עיקר איז די פּאַרטיי, די אידייע—די אַנדערע מיחושן זיינען נישטיקע; ענינים פאַר צעדרייטע פילאָזאָפן און וואָרט־אַקראָבאַטן.

חיים גרינבערג איז אַ פּאַרטיי־מענטש, אַפילו איינער פון די טעאָרע־טיקער מיט אַ באַשטימטער מענטאַליטעט וועגן ספּעציפישע וועלט־ און ייִד־פּראָבלעמען.

אָבער חיים גרינבערג קאָן בשום־אופן ניט איינגעשלאָסן ווערן אין דעם ענגן שטייגל פון פּאַרטיי־דאָגמע. ער איז אַ דינאַמישער קעמפער פאַר זיינע איבערצייגונגען און אידייען. ער איז אָבער בשום־אופן ניט דער עקסטרעמער פאַנאַטיקער וואָס קאָן נאָר זען די וועלט פון זיין ענג־באַגרענעצטן פּאַרטיי־ווינקל.

ער ווייס אַז ס'זיינען פאַראַן מענטשן אויף אונדזער ערדישן פּלאַ־נעט, מענטשן פּונקט אַזעלכע ווי ער, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט אַנדערע פּסיכישע „שוואַכקייטן" און גייסטיקע „קאָמפּלעקסן", וואָס זיינען אפשר דער היפּוך פון זיינע אָפּטישע אילוזיעס. פונדעסטוועגן, איז ער גרייט צו קעמפן אויך פאַר דאָס רעכט פון זיינע אידייאישע אָפּאָנענטן. ג. זאָגט עס טאַקע אַזוי בילדלעך־טרעפלעך אין איינער פון זיינע עסיי־נאָטיצן: „איך האָב בטבע מורא פאַר צו „ערנסטע" מענטשן, פאַר אַזעלכע וואָס זיינען שטענדיק „אויסגעהאַלטן" און שטרענג, אָן אינטעלעקטועלן קאַפּ־ריז, אָן קינסטלערישער שפּילעוודיקייט. זיי נעמען זיך צו ערנסט און אין אַ באַשטימטער סיטואַציע קענען זיי ווערן געפערלעך פאַר זייערע מיטמענטשן. זיי וואַרפן אָפּטמאָל אָן די זעלבע אימה וואָס אַסקעטן. דער אַסקעט נעמט זיך אויך אומגעהויער ערנסט. אַ קליניקייט: ער קעמפט מיטן שטן. דער מקור פון זיינע הנאות איז — מאַזאָכיזם, און ווער ס'איז היינט אַ מאַזאָכיסט קאָן מאָרגן ווערן אַ סאַדיסט (אָמאָל אויך פאַרקערט). די וועלט־געשיכטע איז פול מיט ליידן, וואָס אַסקעטן און מאַזאָכיסטן האָבן אויף איר געבראַכט, און אויפן ערד־קוגל וואָלט ניט פאַרגאָסן גע־וואָרן אַזוי פיל טייכן בלוט, ווען עס וואָלט אויף אים ניט באַלעבאַטעוועט

אַזוי פיל „ערנסטע" און „אויסגעהאַלטענע", אַזוי פיל הומאָרלאָזע, אַס־קעטיש־„פּרינציפּיעלע" מענטשן".

ער געהערט צו יענער קאַטעגאָריע פון יידישע אינטעלעקטן וואָס זיינען ניט גרייט וואָרפן אין חרם און צינדן שוואַרצע ליכט מענטשן מיט אַן אַפּיקורסישן באַנעם; מענטשן וואָס האָבן דעם מוט און דעם קוראַזש צו בלייבן אין דער ניט צו באַקוועמער מינדערהייט.

חיים גרינבערג איז אין דעם פּרט אַליין אַ שטיקל אַפּיקורס. ער זינדיקט אָפטמאָל אַביסל אונטער און רופט אַפילו אַרויס דעם צאָרן פון זיינע פּאַרטיי־חסידים. מיר וואָלטן דאַ געקאָנט אָנווייזן אויף צענדליקער פאַלן פון זיינע אַפּיקורסישע אָפּנויגן אין הלכות פּאַרטיי שולחן־ערוך. ס'דערמאָנען זיך מיר אייניקע פון זיינע אַרטיקלען וואָס האָבן גערופן צו אַקטיוון, דינאַמישן קאַמף פאַר פּאַציפיזם, באַקרעפטיקט מיט געזונטע וואָגיק־לאָגישע אַרגומענטן און דאָקומענטירט מיט קאַלטע, ברוטאַלע מאַטעמאַטישע ציפערן וועגן דעם אויסגאַנג און די רעזולטאַטן פון ערשטן וועלט־קריג. אין דער צייט ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט אַט־די געדאַנקען און צווייפלען אין קריג, איז עס געווען אַ געוואַגטקייט. מ'האָט געקאָנט ר"ל אַריינפאַלן אין לאַגער פון ניט־„לאָיאַלע", פון ניט־„פּאַטריאָטן".

דער סקעפּטישער געדאַנק איז אַן אָפטער גאַסט ביי אים און פאַר אַ פּאַרטיי־מענטש זיינען סקעפּטישע געדאַנקען סם־המות. ער, דער פּאַר־טיי־מענטש, טאָר בשום־אופן ניט צולאָזן דעם וואָרים פון ספק־און צווייפל. ער באַדאַרף אַלעמאָל, און ביי יעדן גייסטיקן קלימאַט, פאַרגלאָצן די אויגן און מיט קעלבערנער התפעלות שפּרינגען קדוש פאַר זיין „היי־ליקן" גלויבן . . . טאָמער, חס־ושלום, ס'טרייבערט אים דער סקעפּטיק און שרייט אים אין אויער אַריין: „ . . . . — און טאָמער פאַרקערט . . . " און — „אפשר קאָן זיין אַנדערש . . ." איז זאָל גאָט פון די געטער שומר ומציל זיין. ער באַדאַרף פאַריאָגן דעם שונא וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. ער מוז אַלעמאָל זיין „אויסגעהאַלטן" און „פּרינציפּיעל" . . .

איז, ווי געזאָגט, כאָטש חיים גרינבערג איז אַ פּאַרטיי־מענטש, ספק'ן מיר שטאַרק, צי ער פילט זיך באַקוועם אין אַט־דער פּאָזיציע. מיר זיי־נען כמעט ווי זיכער, אַז — וואָלט אונדזער גייסטיקע־ און קולטור־באַלע־באַטישקייט געהאַט אַ מער ממשות'דיקע מערכה ווי זי האָט, וואָלטן מענ־טשן פון אַ גרינבערג קאַטעגאָריע, ניט באַדאַרפט זיין איינגעשלאָסן אין אַ פּאַרטיי־מאַנאַסטיר. ער וואָלט באַדאַרפט רעדאַקטירן אַ פילאָזאָפישן זאַמלבוך, אָדער זיין דער ראש פון אַ פילאָזאָפישער קאַטעדרע, וואו ער זאָל האָבן די מעגלעכקייט פריי צו אַנטוויקלען און שפּינען זיינע אינדיווידועל־אייגנאַרטיקע חלומות־געדאַנקען. ווער קאָן דען וויסן וואָס פאַר אַ טעאָ־

רעטישע וואָלקנקראַצער ער וואָלט דאָס אויסגעשפּונען פון סכאָלאַסטישן שפּינוועב, ווען ער וואָלט באמת געהאַט, ניט קיין רעלאַטיווע פרייהייט, נאָר טאַקע אַבסאָלוטע פרייהייט . . .

ווי פריי די פאַרטיי זאָל ניט זיין און וויפיל פרייהייט אַ מענטש פון אַ גרינבערג קאַליבער זאָל ניט זאָרטן קריגן — איז ער פאָרט געפּענטעט פון טויזנטער צוימען און צאַמען. זיינע פליגל זיינען געבונדן און ער האָט ניט די מעגלעכקייט צו לאָזן זיין גייסט שוועבן אין די ספערן פון ריינער און פרייער לופט . . .

שוין יאָרן ווי גרינבערג פירט זיך זיינס זייער אַ טשיקאַוון און זייער אַן אינטערעסאַנטן ווינקל אין דעם „יידישן קעמפער" — „בלעטלעך פון אַ טאָג־בוך". אין דעם דאָזיקן טאָג־בוך פאַרצייכנט ער אַלע וועלט־פּאַסי־רונגען אויף זיין פּיקטורעסקן, אינטים־פילאָזאָפישן שטייגער. גרויסע און קליינע וועלט־געשעענישן קומען דאָ צום אויסדרוק דורך זייער שליח־ציבור. אָפטמאָל ווערט ביי אים עפּעס אַ „נישטיק" שטיקל צייטונג־כראָ־ניק, — וואָס איז געוועען פאַרוקט אין אַ ווינקל אויף דער צענטער זייט פון אַ ניו־יאָרקער צייטונג, — פאַרוואַנדלט אין אַ גאָר גרויסע פּאַסירונג, אַ געשעעניש כמעט פון קאָסמישן באַדייט. און פאַרקערט, אַ געשעעניש פון אַ סענסאַציאָנעלן כאַראַקטער, וואָס די צייטונגען האָבן געווידמעט גאַנצע זייטן, עס צעטראָגן מיט גרויסע שרייענדיקע קעפּ, ווערט אונטער זיין לאָגיק רעדוצירט צו איינע פון יענע סתם געשעענישן, וואָס האָבן אַפילו ניט ווערט דאָס פּאַפּיר און דעם טינט וואָס מ'האָט וועגן דעם אַזוי עקסטראַוואַגאַנט פאַרשווענדט.

אין די דאָזיקע טאָג־בוך־נאָטיצן קומען צום אויסדרוק אַלע זיינע גייסטיקע רעאַקציעס און עמאָציאָנעלע געמיט־צושטאַנדן. דאָ שפּרודלט ער מיט חריפות און חכמה. ער מאַכט מיט אונדז אַלערליי עקסקורסיעס און אַוואַנטורעס אין די לאַבירינטן פון וויסן. זיינע פּאַראַדאָקסן, אויפ־בליצן פון געדאַנק, חנ'עוודיקע, לומדישע סאָפיזמען און פונקען פון פי־לאָזאָפישן שפּליטער סטימולירן און רעגן צו רעוויזיע; צו איבערשאַצן און נאָכאַמאָל נאָכדענקען, נאָכטראַכטן וועגן אייגן־איינגעליבטע אמת'ן. דורכמאַכנדיק אָט־די עקסקלוזיווע עקסקורסיעס מיט חיים גרינבערגן אין די „לאַבאָראַטאָריעס" פון מענטשלעכן געדאַנק, צעפאַלן זיך אַ סך פון די קאָנווענציאָנעל־אָנגענומענע, אַבסאָלוטע פילאָזאָפישע שיטות, אין ליכט פון זיינע שאַרפע איינוועַנדונגען און פּיקחות'דיקע פּירושים, ווי קאָרטן־שטיבלעך. אייער נאַרציסטיש, ענג־האַרציק וועלטל ווערט ברייטער און גרעסער. מ'זעט ניט נאָר דאָס אייגענע באַשרענקטע שטיבל, נאָר מ'זעט דעם גרויסן אָרום, די וויטע, ליכטיקע האָריזאָנטן . . .

ווען דער גרויסער דיכטער יעקב גלאַטשטיין האָט אויף זיין שטאַרק־

סוביעקטיוון אופן אויסגעדריקט זיין רעאַקציע צו דער וועלטס גרויס אומ־רעכט קעגן יידן און יידישקייט, און אויסגעשריען וויטיקדיק, פּאָעטיש־רעטאָריש:

„אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט,
גרויסע, שטינקענדיקע וועלט —
נישט דו, נאָר איך פאַרהאַק דעם טויער.
מיט דעם לאַנגן כאַלאַט,
מיט דער פייערדיקער, געלער לאַטע.
מיט דעם שטאָלצן טראַט,
אויף מיין אייגענעם געבאָט —
גיי איך צוריק אין געטאָ".

מוסר'ט אים חבר'יש חיים גרינבערג. „איך בין ניט גרייט צו מאַכן אַ שהחיינו אויף זיין קעגן־האַס און אויף זיין נאַרציסטישן פאַרזוך זיך איינ־צוקאָרטשען אין דער וויכקייט און וואַרימקייט פון אַ געטאָ־וויגעלע . . . וואָס ס'איז שייך „טריפה'נע קולטורן", ווייס איך גאָר ניט צי אַזאַ סחורה איז גאָר פאַראַן אויף דער וועלט. אַלע קולטורן זיינען מסתמא כשר און אַלע קען מען מטמא זיין — אַלע, די געטאָ־קולטור ניט אויסגעשלאָסן . . . אויב די גרויסע, ברייטע וועלט איז אַ „שטינקענדיקע" און אויב זי איז פאַראורטיילט אַזוי לאַנג צו בלייבן, זיינען מיר — מיר, היינטיקע יידן, אַ טייל פון דער דאָזיקער וועלט, צי עס געפעלט אונדז אָדער ניט. — אין אַ „שטינקענדיקער" וועלט איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַ „שמעקנדיק" איינ־דזעלע . . ."

זיינען די דאָזיקע קאַלעגיאַלע מוסר־רייד כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מענטשן וואָס האָט אין זיך איינגעזויגן די איינפלוסן פון דער וועלט־קולטור. ער קאָן ניט צוריק זיך פאַרשפּאַרן אין עפּעס אַ ראָמאַנטישער געטאָ. אויב אַמאָל איז געטאָ געווען אַ „קעניגלעכער פּאַלאַץ" וועט זי היינט זיין אַ פּוסטע קרעטשמע. זי האָט ניט קיין שום רעאַלן יסוד. דער געדאַנק האָט נאָר געקאָנט געבוירן ווערן אין אַ צעפּייניקטער נשמה פון אַ צאַרט־פילנדיקן יידישן פּאָעט — און פּאָעטן זיינען ניט אַלעמאָל „ראַ־ציאָנאַל" און „פּרינציפּיעל" אויסגעהאַלטן. מיט פּאָעטן דענקט גרינבערג דאַרף מען ניט פּאָלעמיזירן. „דיכטער זיינען שטענדיק גערעכט . . ."

אין דעם דאָזיקן צוגאַנג גרינבערג'ס מוזט איר פילן דעם אייראָפּיי־אישן קולטור־מענטש; דער מענטש מיט הומאַניסטישע אידעאַלן, טראָץ וואָס די וועלט איז לעצטנס טיף געזונקען אין די מ"ט שערי־טומאה־זומפּן, האָט ער אָבער נאָך ניט אויפגעגעבן די האָפענונג, אַז די וועלט־פעלקער האָבן שוין ר"ל דערגרייכט צו אַזאַ מאָראַלישער מדרגה וואָס קיין שום פּעדאַגאָגישע פּרעסקריפּציעס קאָנען איר שוין ניט העלפן אַרויסקריכן פון

אַט־דעם משוגע־געוואָרענעם פּלאַנעטער. די וועלט איז טאַקע שטאַרק פאַר־דאַרבן, אָבער ס'איז נאָך פאַראַן אַ האָפענונג; ס'זיינען נאָך פאַראַן אַ היפּש ביסל צדיקים וואָס וועלן אונדזער אין טמא־זינקענדיקער מענטש־הייט צוריקשטעלן אויף אַ מער עטיש־מאָראַלישן יסוד.

מ'דאַרף האָבן בטחון אין דעם גלויבן פון מענטש. אויב ניט איז דאָך אַן „איזאָלירטער עטישער אינדזעלע" אַן אַבסורד, אַ פיקציע, אַן אי־לוזיע. אויב דער מענטש איז פאַר'משפט צום אונטערגאַנג צוליב זיינע מאָראַלישע מיוחש'ן און אָפטע פּסיכישע עפּידעמיעס — צי וועט דער ייד קאָנען עקזיסטירן אין עפּעס אַ ראָמאַנטישן גן־עדן אין אַ וועלט פון אומ־קום און דעסטרוקציע? . . . ייד־און־וועלט וועלן נאָך פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָרן דאַרפן „קאָאָפּערירן" איינע מיט די אַנדערע . . .

יידן מוזן האָבן זייער אָרט צווישן די פעלקער. ווי זאָגט טאַקע גרינ־בערג אַליין אויף זיין עלאָקווענטן אופן — „לעבן אין אַן אייגענעם שטאַט אָדער לכל־הפחות, ניט אַלס אַן אָרגאַנישער טייל פון וועלכן ניט איז שטאַט, הייסט פאַר דעם רוב מנין און רוב בנין מענטשן — מענטשן און יידן — (אַראָפּגערעכנט אפשר די פאַר, רב יוחנן בן זכאי'ס און אַלבערט איינשטיינס פון יעדן דור) ניט לעבן א י ב ע ר שטאַטלעך, נאָר א ו נ ־ ט ע ר שטאַטלעך.

„אין אַזאַ לעבן איז מלוכה'שאַפט מיט אַלע אירע אומפאַרמיידלעכע חסרונות און באַגלייטנדיקע מיאוס'קייטן אַ הויכע סאָציאַל־קולטורעלע מדרגה, וועלכע דאַרף ערשט דערגרייכט ווערן. מלוכה'שאַפט איז מיאוס? אַנגענומען. אָבער מלוכה'לאָזיקייט קאָן זיין נאָך מיאוס'ער. ציגיינער ווייסן עס אפשר נאָך ניט. יידן האָבן עס שוין לאַנג געדאַרפט וויסן, אַ ל ע יידן".

זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז חיים גרינבערג איז ניט נאָר אַן עלעגאַנ־טער שריפטשטעלער, נאָר ער פאַרנעמט אויך אַ גאַנץ חשוב'ן אָרט אַלס ציוניסטישער פּאָליטיקער און אויטאָריטעט אין ציוניסטישער פּראָבלע־מאַטיק. זיינען מיר ניט גרייט אַלעמאָל פאָרן מיט אים אויף זיין פּאָלי־טישן וואָגן. זיינע פּאָליטישע מיינונגען זיינען אונדז ניט אַלעמאָל שטאַרק צום האַרצן. אָבער וויסנדיק אַז חיים גרינבערג געהערט צו יענער בראַנ־זשע וואָס זוכן שאַפן דעם סינטעז פון פּאָליטיק פּלוס עטיק, זיינען מיר גרייט צו פאַרזען אַ סך פון זיינע פּאָליטישע טעות'ן און זיגזאַגן. נאַטיר־לעך, געזען לויט אונדזער פּאָליטישער מענטאַליטעט . . .

ס'דערמאָנט זיך מיר אַפילו ווען גרינבערג'ס אַן אַרטיקל אין שייכות מיט זשאַבאָטינסקי'ס אַן אַרויכרוף זיך פיזיש צו פאַרטיידיקן קעגן אָנ־גריף, האָט אונדז אַרויסגעבראַכט פון די כלים. ער פאַרטיידיקט דאָרטן דעם שטאַנדפּונקט פון דער באַרימטער „הבלגה"־פּאָליסי, פון זעלבסט־

קאָנטראָל, זיך ניט לאָזן פּראָוואָצירן פון אַראַבישן טעראָר. ער קומט צום אויספיר, אַז אויב יידישער נאַציאָנאַליזם דאַרף פּאַרטיידיקט ווערן דורך מעטאָדן פון פיזישן אַנגריף — איז אַן אויסכאַפּעניש אויף אַלע נאַציאָנאַליזמען . . . מיר האָבן שאַרף רעאַגירט אויף גרינבערג׳ס אַרטיקל, כאָטש מיר האָבן געוואוסט אַז גרינבערג איז אַ מענטש פון שטימונג, פון אימפּרעסיע. כ׳האָב דאַן אָנגעשריבן אַ שאַרפן, סאַטיריש־ציניש מאמר, אין וועלכן מיר שליידערן צוריק די גאַנדי־תורה פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד; די תורה פון „וועגעטאַריאַנישע מאָראַליסטן". מיר האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין פעטע פארבן. ניט געוועזן איבעריק איבערקלייבעריש אין די עפּיטעטן און אַדיעקטיוון אויף גרינבערג׳ס חשבון. דאָס אַרטיקל האָט געזאָלט פּאַרעפנטלעכט ווערן אין דער רעוויזיאָניסטישער פּרעסע. אָבער מיר האָבן עס אָפּגעהאַלטן אייניקע טעג — און אַז דער כעס איז פאַראיבער האָבן מיר באַשלאָסן דאָס וויטריאָל־בייסנדיקע אַרטיקל אָפּשיקן אין אונדזער פּריוואַטן אַרכיוו.

און היינט, יאָרן שפּעטער, — די צייט האָט שוין, באַטירלעך, אָפּגעטאָן אירס, — האָט אונדזער בליק זיך אָנגעשטויסן אויף אַט דעם חנעוודיקן מאמר. און, הלמאי זאָלן מיר האַלטן אַ סוד פאַר אייך — מיר זיינען שטאַרק צופרידן וואָס מיר האָבן אַט־דעם מאַנוסקריפּט אָפּגעשיקט אין דער גניזה; אים ניט געלאָזט זען די ליכטיקע שיין, ווי ס׳גייט די מליצה . . .

און ניט נאָר אין פּאָליטישע ענינים זעען מיר ניט אויג־אויף־אויג. ס׳זיינען פאַראַן נאָך אַ היפּש ביסל אַנדערע ענינים און פּראָבלעמען מיט וועלכע מיר זיינען ניט מסכים מיט גרינבערג׳ס דיאַגנאָזן און פּראָגנאָזן. אָבער ווער זאָגט דען, אַז מ׳מוז אַלעמאָל מסכים זיין אין אַלץ מיט אַ פּערזענלעכקייט פאַר וועלכער מיר האָבן אַ סך דרך־ארץ און וואָס רופט אַרויס אונדזער אינטעלעקטועלן נייגער און אינטערעס? . . .

און אַזאַ ליכטיקע פּערזענלעכקייט ווי גרינבערג פאַרקערפּערט מיט זיך, מוזן קאָמענדירן רעספּעקט און באַוואונדערונג. ער איז אַ קאָמבינאַציע פון הייניטיקן דזשענטלמאַן און פון אַמאָליקן יידישן בעל־מידות.

ביז איצט איז נאָך ניט פאַראַן קיין זאַמלונג פון זיינע גייסטרייכע, זאַפטיקע, עלעגאַנט־געשריבענע עסייען. ווייסן מיר ניט צי די סיבות זיינען אָפּהענגיק פון אים אַליין וואָס מיר האָבן ניט קיין קאָלעקציע פון זיינע עסייען. אָבער ס׳איז אַ גרויסער שאָד וואָס מיר האָבן ניט גרינבערג׳ס שריפטן געזאַמלט צווישן טאָוולען. אונדזער ליטעראַטור וואָלט זיכער רייכער געוואָרן. מיר שטייען ניט אויפן שטאַנדפּונקט אַז אַ ליטעראַטור באַשטייט נאָר פון לידער און נאָוועלן — אַ גוט געשריבענע עסיי איז אויך אַ קינסטלערישע מדרגה. גרינבערג׳ס עסייען זיינען פון שטאַנדפּונקט פון סטרוקטור און פאָרם — אמת׳ע ליטעראַרישע פּערל.

מיר האָבן געהערט אין ליטעראַרישע קיבעצאַרניעס, אַז גרינבערג זאָמלט ניט זיינע שריפטן, מחמת זיין ליבע צו יידיש איז צוויפלהאַפט, אַ שטיף־מוטערישע.

אונדז דוכט זיך, אַז די דאָזיקע „אינפאָרמאַציע" פאַרמאָגט אַלע עלע־מענטן פון קאַפע־קיבעץ. גרינבערג׳ס פען טוט מער פאַר יידיש ווי אַ סך פון די דאָזיקע רכילות׳לעך, פליאָטקעלעך, פון „געזאָגט־און־געהערט", פון מכלומר׳שטע „יידיש־פאַטריאָטן".

גרינבערג האָט דאָ ניט לאַנג צוריק געשריבן אין שייכות מיט דעם פראָיעקט פאַר אַ יידיש־קאַטעדרע אין העברייאישן אוניווערזיטעט אין ירושלים — „נאָר פאַרן עקלהאַפטן סנאָב און פוסטן בעל־גאווה׳ניק, נאָר פאַר דעם זעלבסטהאַסער און זעלבסטפאַראַכטער, נאָר פאַרן „אינטעליגענט" מיט אַ מוקצה מחמת מיאוס פלעבייאישקייט אין דער נשמה, האָט יידיש געקאָנט זיין — זשאַרגאָן. פאַר דעם גייסטיק־עמאַנציפּירטן יידן, וואָס קוקט ניט אויף זיין אייגן פאָלק און זיינע ווערטן דורך די ברילן פון וואולגאַר־טעמפּע צוררי־היהודים, איז יידיש קולטור־ווערט פון ערשטן ראַנג — אַ שפּראַך מיט וועלכער מיר זיינען אין מזרח־אייראָפּע געגאַנגען אויף קידוש־השם; אין וועלכער מיר האָבן אָפּגעלאַגערט גאַנצע אוצרות פון נאָך ניט געגנוג דערשיפרירטער פאָלקס־ווייזהייט און פאָלקס־איידלקייט, פון הומאָר, עצבות און משיח־אַנגעטרונקענער האָפענונג; וואָס האָט באַגלייט אַלס פאַרטייטשער און וועגווייזער אונדזער חומש־לערנען און אונדזער גמרא־לערנען וואָס האָט פרום־מוזיקאַליש אַרויסגעקלונגען אין די דרשות פון מגידים און מוכיחים; וואָס האָבן וויברירט אין די נשמות פון יידישע רעוואָלוציאָנערן אין טומאה־שטורמער; וואָס האָט באַגלייט טויזנטער חלוצים און מעפּילים אויף זייערע וועגן און שטעגן צום יידישן היימלאַנד; וואָס האָט אַרויסגעוויזן איר וויטאַליטעט און שעפערישקייט אין דעם וואונדער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור . . ."

נאָך אַזאַ לירישן אויסגוס פון ליבע־סענטימענטן זיינען דאָ אונדזערע פירושים איבעריק. מיר קאָנען נאָר צוגעבן אַז הלוואי רבש"ע וואָלטן מיר געהאַט אַ סך אַזעלכע יידיש־אַדוואָקאַטן צווישן אונדזער אינטעליגענץ — וואָלט שוין יידיש ניט געווען אין גלות ביי יידן . . .

מיר האָבן דאָ אָנגעוואָרפן ניט־געבונדענע, ניט־געקייטלטע טעזן; לויפיקע אימפּרעסיעס, פראַגמענטן צו אַ גרעסערער אַרבעט. גרינבערג איז אַ ליטעראַריש־רעגנבויגנדיקע פערזענלעכקייט און מ׳וואָלט באַדאַרפט שטודירן זיינע צענדליקער הונדערטער אַרטיקלען, עסייען, וואָס זיינען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע זשורנאַלן און צייטונגען און אַרומנעמען און באַלייכטן גרינבערג׳ס שריפטשטעלערישן טאַלאַנט און זיין אַנאַליטישע גאונות — ס׳וואָלט באמת געווען אַ דאַנקבאַרע אַרבעט פאַר אַ יידיש־סטודענט.

ב. ריווקין — דער אידייען־טרעגער

ס'זיינען פאַראַן שרייבער וואָס זייער מזל צעשפּילט זיך ערשט נאָכ־דעם ווי זיי הערן אויף פיזיש צו עקזיסטירן. ס'איז אפשר בכלל דער גורל פון גרויסע מענטשן, בפרט פון אַזאַ באַשיידענע, עניוות'דיקע נאַ־טור ווי ס'איז געווען ב. ריווקין.

ביים לעבן איז קיינמאָל ניט דערשינען אין בוך־פאָרם קיין איין וואָ־גיק־ליטעראַרישע אַרבעט זיינע. און ער איז דאָך געווען אַזאַ שעפעריש־פּראָדוקטיווער שרייבער. אין צענדליקער צייטונגען און זשורנאַלן זיי־נען צעוואָרפן זיינע גייסטרייכע עסייען איבער ליטעראַרישע ענינים און זיינע געדאַנקען, מעדיטאַציעס וועגן יידיש־געזעלשאַפטלעכער פּראָבלע־מאַטיק. ס'וואָלטן זיכער געווען צענדליקער בענד, ווען זיינע צעשאָטן־צעוואָרפענע אַרבעטן זאָלן געזאַמלט ווערן — און ס'וואָלט געווען אַ וויכ־טיק־וואָגיקער צוטראָג צו אונדזער ליטעראַטור־קריטישער און אַרים־עסייאיסטישער ליטעראַטור.

אונדז דוכט זיך, אַז ער האָט פיינט געהאַט זאַמלען, מחמת ער איז עפּעס ניט זיכער געווען מיט זיך. ס'האָט זיך אים מן־הסתם אויסגעוויזן, אַז ער האָט נאָך דעם אָדער יענעם פּראָבלעם ניט אויסגעשעפּט, ניט אַרומ־גענומען. ער האָט נאָך ניט געזאָגט דאָס לעצטע און וואָגיקע וואָרט וועגן דעם און יענעם ענין וואָס פייניקט זיין געוויסן, זיין אינטעלעקטועל־גייסטיקן „איך". די צייט וועט אים נאָך אפשר אָפּטאָן אַ שפּיצל און זיך שטעלן קעגן זיינע איבערצייגונגען, איינשטעלן. ער האָט אַלעמאָל געזוכט זיך רעאַריענטירן, זיך רעווידירן, באַנייען. אפשר דערפאַר האָט ער פיינט געהאַט זיך איינזאַמלען אין טאָוולען און שפּעטער בלייבן ליגן אַ פאַרגעסענער, אַ פּאַסיווער אויף פאַרשטויבטע ביבליאָטעק־פּאָליצעס, ווי ס'איז געווען דער גורל פון אַזויפיל קרעאַטיווע פערזענלעכקייטן פאַר אים. ער האָט באַטראַכט שרייבער און זייערע ווערק אין עוואָלוציע־פּראָצעס פון אייביקייט. האָט ער מורא געהאַט דורכצומאַכן זייער גורל, דעריבער האָט ער זיך ניט שטאַרק געריסן כדי זיינע ווערק זאָלן גע־זאַמלט ווערן. אַזוי איז עס אונדזער איינדרוק.

אָבער וואָס ס'זאָלן ניט האָבן געווען די סיבות און מאָטיוון פאַר ניט האָבן קיין געזאַמלטן ב. ריווקין ביים לעבן — איז עס אָבער אַ פאַקט — אַז איצט רייסט מען זיך אַרום איבער זיין ירושה. דער „איקוף" האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך פון זיינע שריפטן („גרונט־טענדענצן פון דער יידי־

שער ליטעראַטור אין אַמעריקע״), איז געקומען די „ציקאָ״ און האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַן אָפּקלייב פון זיינע ווערק און אַרויסגעגעבן דעם ערשטן באַנד („יידישע דיכטער אין אַמעריקע״). ס׳איז אויך דערשינען פון „איגנאַטאָוו פאַרלאַג״ אַ באַנד פון זיינע עסייען („אַ גלויבן פאַר די אומגלויביקע״), געזאַמלט פון מינאַ באָרדאָ־ריווקין, און רעדאַקטירט פון אַבאַ גאָרדין. אין קאַנאַדע איז דערשינען ריווקינס אַן אַרבעט איבער אַפּאַטאָשו׳ס גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור. און מיר זיינען זיך משער, אַז אין די קומענדיקע יאָרן וועט מען נאָך אַרויסגעבן אַ סך, אַ סך פון זיינע ניט־דערשינענע ווערק און פון די אומבאַקאַנטע, איבערגעבליבענע כתבים.

איז עס אַ באַזונדער מזל פון ב. ריווקין, וואָס איצט, ווען ער איז פיזיש ניטאָ, וועט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקן זיין „איך־נשמה״, ווי ער אַליין פלעגט ליב האָבן זאָגן, און ס׳וועט אונדז געבן אַ מעגלעכקייט זיך אַריינצוכאַפּן אין זיין גייסטיקן בנין און דאָרטן באַטראַכטן דעם פונדאַמענט, די ווענט, די אונטערשט׳ע און אויבערשטע עטאַזשן, און אין אַלגעמיין אָבזערווירן דעם אַרכיטעקטאַנישן געבוי און די אַלערליי זייטיקע אָרנאַמענטן און שניצערייען. אויפן סמך פון אַזאַ עקסקורסיע, וועט אונדז מעגלעך זיין ווי געהעריק אָפּצושאַצן דעם ב. ריווקין־פּאַלאַץ אין אונדזער גייסטיקער באַלעבאַטישקייט.

מיר וועלן האָבן אַ מעגלעכקייט פעסטצושטעלן וואָס ב. ריווקין האָט ווירקלעך געמיינט פאַר אונדזער ליטעראַטור. ס׳זיינען געווען און ס׳זיינען פאַראַן אַלערליי מיינונגען וועגן דעם באַדייט פון זיין שאַפונגס־גאַנג — אָבער קיין ספּעציפישע, פעסטגעשטעלטע, זיכערע קען־צייכנס פון דער ריווקין פערזענלעכקייט זיינען פאַקטיש ניטאָ. ס׳איז געווען שווער צו שרייבן וועגן אים, ווייל זיין גייסטיקע פיזיאָנאָמיע איז קאָמפּליצירט — און דערצו האָט געפעלט אַ געזאַמלטע קאָלעקציע פון זיינע מער־באַדייטנדיקע ווערק, כדי ס׳זאָל מעגלעך זיין זיך צו שאַפן דעם געהעריקן פּערספּעקטיוו אויפן יסוד פון אָפּגעקליבענע, גרונטיקע ווערק. ביז איצט האָט מען געטאַפּט אין דער פינצטער. ס׳האָבן זיך פאַרמירט אַלערליי מיינונגען באַזירט אויף אַ צעבראָקלטן, אַ צעשטיקלטן ריווקין. מ׳האָט פאַר זיך געהאַט נאָר ברוך־טיילן, פראַגמענטן. די אַרבעטן זיינען געווען ניט קיין געבונדענע. די טעמאַטיק אַ צעשוואומענע. איינער האָט געזאָגט, אַז ב. ריווקין איז אַ נעאָ־רעליגיעזער גאָט־זוכער. ער זוכט אין דעם ווערק פון שרייבער ניט זיין סינטעטיש־קינסטלערישן באַנעם, נאָר רעליגיעזע מאָטיוון. איינער האָט אין זיין שאַפן אַריינגעטייטשט עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם, מחמת יענע ליטעראַרישע שאַפונגען, וואָס האָבן פאַרקערפּערט דעם משיח־מאָטיוו, האָבן אים אינספּירירט צו אייגענער

שאַפונג און אים דערהייבן צו התלהבות. אַנדערע האָבן געוואָלט אין אים האָבן אַ קאָמוניסטישן מיטלויפער. דער פאַקט וואָס ער האָט גע־שריבן מיט באַגייסטערונג וועגן סאָוועטיש־יידישע שרייבער און זייער סאָציאַלן איינשטעל. אַנדערע האָבן אים גאָר געהאַלטן פאַר אַ מיסטי־קער. ער האָט זיך געגריבלט אין ספּיריטואַליסטיש־פּסיכישע פאָרשונ־גען. געוועזן, אַזוי־צו־זאָגן, צווישן די ערשטע יידיש־דענקער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אָט־דעם געביט ביי אונדז. מ׳האָט אין אים געזען דעם אינדיווידואַליסט און פּרעדיקער פון אַנאַרכאָ־אידייען. אַנדערע האָבן געוואָלט אין זיינע עמאַציאָנעל־לירישע, פּובליציסטישע אימפּרעסיעס אַריינטייטשן קאָלעקטיוויסטישע טענדענצן און נייגונגען, אויפן סמך וואָס ער האָט געהאַט אַ גוט וואָרט וועגן די קאָלכאָזן אין סאָוועטן־לאַנד און וועגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין בירא־בידזשאַן, און אויך זיינע סימפּאַטיעס פאַר יענער ציוניסטישער ריכטונג וואָס העלפט קאָנסטרוק־טיוו דעם אויפבוי פון חלוצים־קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל אויף קאָלעק־טיווע יסודות.

ווילן מיר דאָ ניט אָפּפרעגן די וועלכע האָבן אין ריווקינ׳ס אימ־פּולסיווע, דינאַמיש־עקספּלאָדירנדיקע גייסט־אויסברוכן געזוכט אַריינ־טייטשן די דערמאָנטע טענדענצן, אַנדייטונגען, מאָטיוון, רמזים — מחמת מיר אַליין זיינען טיילוויז געווען אונטערן זעלביקן איינדרוק.

אויך מיר האָבן ניט געקאָנט געפינען קיין איינהייטלעכקייט, קיין איין באַשטימט־צוזעשניטענעם פּאַסאַן אין זיין ייד־מענטש לייזונג. ער איז געווען אַ צעפּייניקט, צעוויטיקטע נשמה, וואָס האָט געלעכצט נאָך אַ שנע־לער אויסלייזונג פון דעם ייד׳ס גייסטיק־פיזישן אָנגריף און אומקום אין אַ וועלט פון רשעות. ער האָט געוואָלט פאַרפאַנצערן אונדזער קיום און דעריבער האָט ער הייס־גלוטיק געגלויבט, אַז מיר געפינען זיך אין משיח־צייטן; אַז די גאולה ליגט געפּענטעט אין אונדזערע הענט און נשמות, און מיר דאַרפן נאָר אויפבינדן, באַפרייען אונדזערע הענט, אונדזערע מוחות — און אודזער קיום־האומה וועט זיין געזיכערט. ער איז דערי־בער געווען געניגט צו זען אין יעדער אידייע, אין יעדער שיטה וואָס דאָס לעבן אַליין האָט זי געשטעלט אויף אונדזער סדר־היום, עפּעס קאָנסט־רוקטיווס, עפּעס וואָס וועט העלפן דערנענטערן די גאולה פאַר אונדזער פאָלק. אַ פאָלק טאָר ניט ריזיקירן און שפּילן אויף איין קאָרט. דעריבער איז זיין גייסט ניט געווען סעקטאַנטיש. ער האָט ניט אָנגעהאָנגען זיין גלויבן אין איין באַשטימטער ריכטונג. אין יעדער אידייע, אין יעדער שיטה איז פאַראַן עפּעס וואָס פאַרבינדט אונדז מיטן אמת. דער אמת איז ניט איינזייטיק, ניט איינפאָרמיק. פון אַלע שטיקלעך־ברעקלעך אמת׳ן

דאַרף מען אויסשמידן, אויסהאַמערן איין גרויסן, אַן איינהייטלעכן אמת. אָבער ווי געזאָגט, ניט געקוקט וואָס מ'וועט מן־הסתם ניט געפינען קיין איינהייטלעכקייט, קיין האַרמאָנישקייט אין זיינע שריפטן — דאָמינירט אָבער יאָ איין צענטראַלער געדאַנק ביי ריווקינ'ען. דאָס איז זיין — נייִ־משיחות־אידייע, וואָס קייטלט זיך און שנירלט זיך אין אַלע ריווקינ'ס אַרבעטן פון זיינע ערשטע אָנהייב־יאָרן ביז זיינע לעצטע גאָר־רייפע און וואָגיקע ליטעראַרישע ווערק.

איצט, אויפן באַזיס פון די דערשינענע ווערק, וועט זיין לייכטער צו קריגן אַ קלאָרן באַגריף וועגן ריווקינ'ס באַדייט און אָרט אין אונדזער ליטעראַטור. נאַטירלעך וועלן זיין טייטשן און אויסטייטשן, פּונקט ווי די געשמאַקן איבער מוזיק זיינען פאַרשיידן. אָבער מ'וועט איצט ניט דאַרפן טאַפּן אין דער פינצטער. און גאָר דערפרייענדיק איז דער פאַקט וואָס דער ברייטער לייענער־עולם וועט אויך האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו באַ־קענען און אפשר אַקטיוו־מיטהעלפן אין דער רעאַליזירונג פון זיינע אי־דייען־חלומות. ריווקין האָט ניט סתם געשריבן צוליבן שרייבן אַליין, צוליב דעם פילאָזאָפישן שפּיל פון אידייען און געדאַנקען־פּאַראַדאָקסן. ער האָט הייס־גליענדיק געגלויבט, אַז זיינע וויזיעס, רעיונות וועלן העלפן פאַרשנעלערן דעם גאַנג פון פאָלק־באַפרייאונג און אויסלייזונג.

2

טשיקאַווע און מערקווירדיק איז דער אָפּשטאַם פון ב. ריווקין. ס'איז כדאַי דאָ אָנצואוואַרפן איניקע דעטאַלן וועגן ריווקינ'ס ביאָגראַפיע, כדי זיין גייסטיקער פּאָרטרעט זאָל פאַר אונדז זיין בולט'ער, קלאָרער, פולער.

ברוך אברהם ווײַנריב איז געבוירן דעם 24טן פעברואַר 1883, אין יאַקובשטאַט, קורלאַנד. זיין פאָטער אבא־שעפטל, אַ זון פון אַ ברויז־אַרבעטער, איז געווען אַ פורמאַן. די מוטער האָט געאַרבעט אין אַ ציִ־גאַרן־פאַבריק. ביז 11 יאָר האָט דער ייִנגל ברוך אברהם געלערנט אין חדר און דורכגעגאַנגען דעם באַשטימטן טראַדיציאָנעלן נוסח פון יידישער דערציאונג אין יענע יאָרן. ער פילט זיך ענג אין די ד' אמות פון חדר. ס'הייבן אָן אויפברויזן אין אים שטימונגען פון רעוואָלט קעגן דער פאַר־גליווערטקייט פון אינעווייניק אין יידישן לעבן און קעגן דער אומגלייכ־קייט אין דעם אַלט־אָפּגעלעבטן, פאַרשימלטן סאָציאַל־פּאָליטישן סיס־טעם פון דרויסן.

ער הייבט אָן גאָר פרי זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין רוסיש־אַנאַרכיסטישע צייטשריפטן און זשורנאַלן. אין „אַרבעטער פריינד"

פאַרעפנטלעכט ער זיינע ערשטע וואָגיקע אַרבעטן אין יידיש. צווישן זיינע גאָר ערשטע שריפטן געהערט אַזאַ עסיי ווי „גאָט־מענטשטום". אין אָט־דער עסיי זעען מיר שוין ווי ריווקין ראַנגלט זיך מיט דעם אַלט־אַלטן פּראָבלעם וואָס מאַטערט און פּייניקט די מוחות פון דענקער אין אַלע צייטן. דאָס אייביק־אַלט־נייע פּראָבלעם פון גאָט־מענטש, רעליגיע און רעליגיאָזיטעט. אין אָט־דער ערשטער אַרבעט פון ריווקינ׳ס פּעדער זיינען שוין פאַראַן רמזים, אָנדייטונגען פון ריווקינ׳ס שפּעטער־אַנטוויקלטער מעסיאַנישער געדאַנקען־וועלט. ער פאַרעפנטלעכט שפּעטער אַזעלכע אַרבעטן, ווי „די ראָל פון דער פּערזענלעכקייט"; „קאָלעקטיוויזם און אינדיווידואַליזם", וואָס זיינען שוין כאַראַקטעריסטיש אין וועלכער ספערע פון אינטערעסן ריווקינ׳ס גייסטיקער „איך" גריבלט זיך. ער באַרירט דאָרטן ענינים צו וועלכע ער קערט זיך אום אין פאַרשיידענע צייטן און פּעריאָדן. ער פּרואווט אַלעמאָל אַרויפבויען זיין געדאַנקען בנין. אָנוואַרפן אַ געדאַנק אויף אַ געדאַנק. קריסטאַליזירן, קלאָרער מאַכן פאַר זיך און פאַר זיינע חסידים־לייענער.

ער ברענגט אַריין אין דער דעמאָלט אָרימער יידישער פּובליציסטיק אַ נייעם טאָן, אַ נייעם נוסח, אַ דינאַמיש־אויפרייסנדיקן סטיל. ער האָט די יידישע טעמאַטיק פאַרוועלטלעכט און די וועלטלעכע טעמאַטיק פאַריידישט.

אין די זשורנאַלן „צוקונפט", „דאָס נייע לעבן" און אין די „שריפטן" פאַרעפנטלעכט ער וואָגיק־פונדאַמענטאַלע שטודיעס וואו ער אַנטוויקלט זיין אידייען־וועלט. ער גיט אויך אַרויס אַ וואָכנבלאַט „נאַטור און וואונדער", וואו ער דרוקט זיינע אינטערעסאַנטע פּסיכישע אָפּהאַנדלונגען, אַרבעטן וועגן ספּיריטואַליזם. ער פאַרטיפט און באַגרינדעט גלייכצייטיק זיינע מיינונגען איבער רעליגיעז־פילאָזאָפישע ענינים. ער הייבט אָן ווערן טעטיק אין דער יידישער שול־באַוועגונג און נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער אַרבעט פון פאַרשפּרייטן די אידעאַלן מכוח יידישער קאָליניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד און אין די חלוצים־קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל.

זיין ניי־משיחות איז אַ אידייע — איז ער מסביר — „וואָס קאָמבינירט זיך מיט דער יידיש־רעליגיעזער טראַדיציע, מיט העכערן פּאָעטיזירן, מיט געזעלשאַפטלעכן רעוואָלוציאָניזם, אונטערשטיצט מיט פּסיכאָלאָגיע און פילאָזאָפיע, איינגעוועבט אין עקספּערימענטאַלן מיסטיציזם. אַ אידייע וואָס מ׳קאָן רופן וויזיאָנעריזם אָדער אילוזאָריזם".

ער איז גיכער רעליגיעזער בונטאַר, רעפאָרמאַטאָר, איידער טראַדיציאָנאַליסט, כאָטש ביז באַנאַליטעט רעדט ער אַלעמאָל מכוח טראַדיציאָנאַליזם, צערעמאָניאַליזם.

זיינע אידייען־ווייזיעס, העלזעאונגען, קאָנפליקטירן מיט די אָנגענומענע, טראַדיציאָנעל־קאָנווענציאָנעלע באַגריפן פון דער רעליגיעזער אָרטאָ־דאָקסיע. ער פרעגט אַ סך אָפּ פון די אַלטע, קאַנאָניזירטע רעליגיעזע איינשטעלן. די פרומע יידישע וועלט איז ניט גרייט מוותר צו זיין אויף אַ „קוצו של יוד". די יידישע רעליגיע איז אַן „איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל" אָנגענומענע, פאַר אַלע צייטן און דורות.

ריווקין האָט אָבער געמאַכט טיפע איבערברוכן, געזוכט רעווידירן און איבערגיסן דעם אַלטן ווין אין נייע לאָגלען. דעריבער קאָן מען ריווקינ'ען ניט אידענטיפיצירן מיט טראַדיציאָנעלער פרומקייט ווי ס'האָבן איניקע געפרואווט אים קלאַסיפיצירן. זאָגט ער דאָך אַליין, אַז ער זוכט שאַפן „אַ גלויבן פאַר ניט גלויביקע". ריווקין האָט אָבער אויך קיינמאָל ניט געהערט צו די ראַדיקאַלע אַפּיקורסים, פרייע דענ־קער, און חלב־שלינגער. דעריבער איז ער אויך שפּעטער ניט געוואָרן קיין בעל־תשובה, ווי אַ סך ראַדיקאַלן האָבן עס אומגעלומפּערט און חוצפּה'דיק געטאָן.

ער האָט אין זיינע ערשטע פילאָזאָפיש־רעליגיעזע אָנוואורפן גע־רופן די פּראָגרעסיוו־ראַדיקאַלע וועלט איינצוגלידערן רעליגיעזיטעט, צערעמאָניאַליזם אין די פאַרוועלטלעכטע אידייען. מ'טאָר ניט פאַרוואַרפן דאָס אַלטע ווען דאָס נייע איז באַזירט אויף נעגאַטיוון אַליין.

אמת, דאָס אַלטע זינקט, פאַרגייט אין פאַרגליווערטקייט און שימל. ס'איז אין אַלטן אָבער פאַראַן פּאָזיטיוון וואָס האָבן אונדז געגעבן כוח, אויסדויער, גלויבן; עפּעס וואָס האָט אונדז צוזאַמענגעהאַלטן, אָרגאַניש־פאַרבונדן און פאַר וועלכן יידן זיינען געגאַנגען אויף קידוש־השם אין אַלע דורות. אָט־דעם „פּאָזיטיוון עפּעס" מוז מען ראַטעווען פון דער אַלטער וועלט.

זאָגט טאַקע ריווקין: — „עס טאָר ניט און עס איז ניטאָ קיין מחיצה צווישן וועלטלעכקייט און רעליגיע. בפרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער יידישער רעליגיע, וואָס אי'ר גאַנצע עובדא איז געווען צו טאָן פאַר אונדז לעבנס־דינסט — אונטער געשיכטלעכע אומשטענדן, וואָס האָבן אוממעגלעך געמאַכט צו לעבן" (זייט 26, „אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע".)

אונדזערע נייע אידייען טאָרן ניט זיין פּוסט, הפקר — אויב יאָ, איז פאַראַן די געפאַר פון טאָטאַלן אומקום, אויפלייז און די פאַרשווינדונג פון אונדזער געזעמל. דאָס טאָרן מיר בשום־אופן ניט דערלאָזן. דאָס מוזן מיר אָפּשרייען — און דאָס האָט ריווקין געפרואווט אָפּשרייען אַ לעבן לאַנג.

ער האָט געזוכט אונדזער המשך, אונדזער באַנייאונג — אָבער ניט

אומברענגונג, אַסימילאַציע, איינגלידערונג צווישן פרעמדע סאָציאַל־אָרגאַניזמען. אויב אַ פֿאָלק ווערט פֿאַרעכנט ווי אַ פֿאָלק, נאָר דאַן, ווען ס'האָט אַן אייגענעם טעריטאָריעלן אָנהאַלט, אָנשפּאַר — מוזן מיר און מיר דאַרפֿן דינאַמיש קעמפֿן פֿאַר אַ טעריטאָריעלן באַזיץ. „ארץ־ישראל איז גאָט'ס פּנים געווענדט צו דער יידישער גאולה — זיין יידיש־נאַציאָנאַלע העלפֿט" זאָגט ער אין זיין עסיי „דער מאַנדאַט אויף ארץ־ישראל". אָבער, זאָגט ער אויך — „טעריטאָריע טאָר בשום־אופן ניט ווערן קיין קאַטעגאָרישער תּנאַי ביי אונדז". אויב די פֿעלקער פֿון דער וועלט וועלן זיך איינשפּאַרן און ניט וועלן אָנערקענען אונדזער רעכט אויף טעריטאָריעל־מלוכה'שן באַזיץ, זיינען מיר און מיר בלייבן אַ פֿאָלק אַלעמען אויף צעפּיקעניש . . .

ריזוקין האָט ניט געגלויבט, ווי ס'גלויבן אַ סך, אַז מיר לעבן צוליב קיום אַליין. ער זאָגט עס אַזוי שיין אין זיין טיף־דורכגעטראַכטער עסיי „רעליגיעז־עטישער אונטערגרונט פֿון דער יידישער ליטעראַטור" — „אין דער לעצטער גורל'דיקער שעה וועט אבי קיום ניט גענוג זיין . . . וואָרים אַן אַ גייסטיקן נצחון וועט קיין קיום אויך ניט זיין. ווי עס באַשטעטיקט זיך אַזוי מורא'דיק היינט: — קיין רעטונג פֿאַר די יידישע מיליאָנען, ווען מיר וועלן מאָראַליש ניט באַצווינגען די פֿעלקער. גענוי לויט דער רעליגיעזער נבואה, אַז ערשט אויסלייזנדיק די וועלט וועט דאָס פֿאָלק זיך אויסלייזן . . ."

ער האָט געהאַט האַרבע טענות צו יענע קולטור־אידעאָלאָגן, וואָס האָבן אַקצעפּטירט דעם „ככל־הגויים"־פּרינציפּ און גענומען אימיטירן, נאָכמאַלפּעווען די פֿעלקער, בעת די העכסטע דערגרייכונגען פֿון אונדזער דורות'דיקער יידישקייט האָט מען פֿאַרנאַכלעסיקט, פֿאַרוואָרפֿן, ווי יענע שלאָבערדיקע מאַמע אין דער פֿאָלקס־מעשה, וואָס האָט צוזאַמען מיטן אומריינעם וואַסער אויך אַרויסגעשליידערט דאָס אומשולדיקע, ריינע, ציכטיקע עופה'לע . . .

ער מוסר'ט דר. זשיטלאָווסקי'ן אין דער דערמאָנטער עסיי — „זיין גרויסע שמחה (מיינענדיק זשיטלאָווסקי'ן) איז געווען: ענדלעך האָט די יידישע נאַציע זוכה געווען צו פֿאַרוועלטלעכן זיך ככל הגויים! — אָבער מיט דער ככל־הגוים'דיקער וועלטלעכקייט איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פֿעלשונג. די פּראָגרעסיווע וועלטלעכקייט פֿון ככל הגויים, מיט וועלכער ער האָט גערופֿן יידן זיך צו אידענטיפֿיצירן, איז געווען אַנטי־קירכלעך און פֿאַר איינוועגס אויך אַנטי־רעליגיעז. און ער האָט פֿאַרזען דעם גרויסן חילוק: — אַז די יידישע רעליגיע האָט געדינט דעם וועלטלעכן צוועק — דעם יידישן קיום אויף דער וועלט. ער האָט ניט אַרויסגע־

שיילט דעם קערנדיקן וועלטלעכן עצם פון דער יידישער רעליגיע פון דער אומוועלטלעכער שאַלעכץ, וואָס האָט זיך פאַרהאַרטעוועט אַרום קערן, — און איז דען דער עצם פון רעליגיע — דער גאָט־גלויבן — אומ־וועלטלעך ? . . .״

מיט זיינע האַרבע טענות צו זשיטלאָווסקי׳ן, דענקען מיר, האָט ריוו־קין אַביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. זיכער האָט זשיטלאָווסקי געגלויבט אין „ככל־הגוים׳דיקייט״, אָבער נישט אין זין ווי ריווקין וויל אַריינ־טייטשן, נישט אין אידייאישן זין. אָבער אַזאַ טענדענץ פון „ככל־הגוים־דיקער וועלטלעכקייט״ האָט סיי־ווי באַהערשט ס׳רוב פון אונדזער אַמאָ־ליקער ראַדיקאַלער גאַס.

ריווקין האָט געגלויבט אַז די יידישע ליטעראַטור דאַרף דינען פאַרן עקוויוואַלענט פון רעליגיע, פאַר יידישער טעריטאָריעלאַזיקייט. די וועלט־פעלקער קאָנען הנאה האָבן פון קונסט און ליטעראַטור. ביי זיי קאָן עס זיין שפּיל, אַמוזירונג, געניס. זי, די קונסט, איז ניט מחויב און מחייב צו גאָרנישט. זי איז פריי, הפקר, געוויסנלאָז. ביי אונדז קאָן עס און טאָר אַזוי נישט זיין. ווי לאַנג די ליטעראַטור האָט געהאַט אַלס איר אונטערגרונט דעם רעליגיעז־עטישן מאָטיוו, האָט זי געהאַט אַפּנעמער, אַ קאָנסומענט. אַזוי שנעל ווי דער יידישער קינסטלער האָט אָנגעהויבן אימיטירן, נאָכמאַכן די גויאישע וועלט ; אַריינפירן און גלאָריפיצירן דעם פאַגאַנישן קולט אין היכל פון אונדזער גייסטיקער יצירה, האָט די ליטע־ראַטור אָנגעוואוירן דעם ערנסטן, איבערגעגעבענעם לייענער, וואָס האָט געבענקט נאָך, און געזוכט אַ „קינסטלעריש־רעליגיעזן עקוויוואַלענט״. אויב אונדזערע קינסטלער קאָנען נאָר צושטעלן גייסטיקע שפּייז צו רייצן אונדזערע אַנימאַלע תאוות — דאַן שטעלן אונדזערע שרייבער בדלות אונדזער שעפעריש־יידישע ליטעראַטור. זיי גיבן אונדז „בלאַנקענדיקע צאַצקעס״, אָבער ניט קיין קינסטלעריש־פּאָזיטיווע „געשטאַלטונג״ וואָס זאָל אונדז דינען ווי אַ פאַנצער אין דעם אָפּוער קעגן דער אַלץ־וואַקסנ־דיקער אַסימילאַציע־עפּידעמיע.

פון אָט־דעם קוק־ווינקל האָט ריווקין געהאַט טענות, גערעכטע און טיילוויז אומגערעכטע, צו אונדזערע ליטעראַטור־קריטיקער, הלמאַי זיי פאַרזעען די הויפּט־פונקציעס פון דער יידישער ליטעראַטור. די ליטע־ראַטור־קריטיקער, האָט ריווקין געהאַלטן — „דאַרפן ניט זיין קיין לוי־זערס צו לויזן די קעפּ פון שרייבשטעלער. אידייען־פאַרוואַרפער דאַרפן זיי זיין . . .״

ווייסן מיר ניט, צי ריווקין איז דאָ ראַציאָנעל, לאָגיש־קאָנסעקווענט, ווען ער פאָדערט פונעם קריטיקער ער זאָל ווערן דער אידייען־אַרכיטעקט

פון דעם קינסטלער. דער קינסטלער, פונקט ווי דער פויגל אין וואַלד, ווי דאָס גרעזל אין ווינט, ווערט דיקטירט, באַווירקט פון אַן אינערלעכער לאָגיק. דער קינסטלער מוז אין זיין שאַפן זיין פריי. ער טאָר ניט פאָלגן דאָס געזעץ פון דרויסן. ווען קונסט פאַרלירט די פרייהייט צו זיין זעלבסט־שטענדיק ווערט זי עבודה־זרה, געצנדינערײַ, און דער קינסטלער — אַ פראָפעסיאָנעלער קאַריעריסט.

אָבער ריווקין האַלט, אַז אַפילו אין דעם פרט קאָן מען ניט גיין אין די וועגן פון די גויים. אונדזערע קינסטלער האָבן אין זייער „מענטש־געשטאַלטונג" אַ שליחות אונדז צו געבן דאָס וואָס זיי האָבן גע'ירשנ'ט פון דער רעליגיע. זיי קאָנען זיך ניט דערלויבן דעם לוקסוס פון זיין הפקר־פריי, פייגל־פריי. זיי האָבן אַ געבאָט פון אַ „גרויס־תכלית־טענ־דענץ" און פון ראַטעווען אונדז פון גייסטיקער אָקולטוראַציע.

ריווקינ'ס צוגאַנג צו ליטעראַטור איז ניט פון דעם עסטעט־דענדי. די קאָנצעפּציע פון מעסטן לויט עסטעטישע מאָסן איז ניט זיין וואָג־און־מאָס פון אָפּשאַצן שרייבער און זייערע ווערק. זיין אָפּשאַץ־מעטאָד איז אַ סוביעקטיוו־אידייאישער. ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכקייט זיי־נען ביי אים צוויי זייטן פון איין מטבע: אַ זיווג מן השמים. סתם לי־טעראַטור, סתם קונסט, קאָן לויט זיין אָפּשאַץ און אויפפאַס, זיך ניט אריינ־פּאַסן אין דער אייגנאַרטיק און איינציקאַרטיקער ראָל פון דער יידישער אומה.

אין זיין אָפּשאַץ פון מנחמ'ס „גייער" געפינען מיר אָט־די כאַ־ראַקטעריסטישע באַמערקונג: „פאָרמולירט איך מיין פּאַרלויפיקן איינ־דרוק פונעם „גייער" אין דעם קורצן זאַץ — מנחם איז מער דערציילער, ווי ער מיינט; און מער פּאָעט, ווי ער מיינט; אָבער ווייניקער פילאָ־זאָף ווי ער מיינט. און איך בין דווקא אַ ליבהאָבער פון פירנדיקע פי־לאָזאָפישע אידייען אין קינסטלערישן ווערק; איז מיר אויף צו להכעיס, שטייגט דער דערציילעריש־פּאָעטישער ווערט פון „גייער" ווייט אַרי־בער זיין פילאָזאָפישן ווערט". („יידישע דיכטער אין אַמעריקע", ז"ז 1־250).

אָדער ווי ער זאָגט אין זיין אַריינפיר־וואָרט צום בוך „יידישע דיכ־טער אין אַמעריקע", וואָס איז אייגנטלעך זיין ליטעראַטור־קריטישער „אני־מאמין": — „נבואה איז געווען די עכט יידישע קונסט; קונסט — ניט ווי מען מיינט מוסר־זאָגערײַ און אמת־זאָגערײַ — אין אַבס־טראַקט, אין דער לופטן, אָן אַן אַדרעס; קונסט — נאָר אָנגעווענדט אויפן לעבעדיקן מענטשן, אָנשטאָט אויף פאַרב, ליים און שטיין; אָנגע־ווענדט אויף לעבעדיקער מענטשן־מאַסע — אויף פאָלק, פעלקער,

מענטשהייט — און נבואה האָט זיך באַנוצט מיט אַלע נאַטירלעכע גרונט־עלעמענטן פון קונסט — מיט ריטם, בילד, פאַנטאַזיע — אויף איבער־געשטאַלטן לעבעדיקע מענטשן און מאַסן — און ווי מיר ווייסן, איז עס איר מערערע מאָל געלונגען". (ז. 32).

די יידישע ליטעראַטור זאַרף ווי אַ שוואַם איינזויגן אין זיך דאָס וועלטלעכע, אָבער ניט פאַרטאַכלעווען די אייגענע נשמה־אוצרות, די „יידישע נשמה־גבורה". מיר מוזן דורך אונדזער ליטעראַטור דערגאַנצן וואָס עס פעלט צו פיזישער טעריטאָריע מיט דער טעריטאָריע של־מעלה, וואָס זיין אמונה האָט אויסגעשפּרייט איבער אים. טעריטאָריאַליזם, אויסגעליפערט צו פערמאַנענטע סכנות, האָט דאָס פאָלק זיך אויסגע־שטרעקט מיט אמונה, וואָס כאָטש ניט גענוג פאַר פיזישער באַשיצונג, האָט עס דאָך אָנגעלאָדן מיט כוח און חשק צו לעבן די אַנטרונענע רעשטן: אַנטקעגן ווירקנדיק דעם סם־המות פון פאַרצווייפלונג־בטחון און ענד־גילטיקן נצחון".

ריווקין איז אין זיין אויפנעם און אָפּשאַץ פון ליטעראַרישע און גע־זעלשאַפטלעכע דערשיינונגען אימפּרעסיאָניסטיש־פּלוראַליסטיש.

ס'איז פאַראַן אין זיין שרייבן נביא'ישער פלאַם, פּאַטאָס. זיינע פאַראַגראַפן, סענטענצן זיינען פּרימיטיוו־לירישער אויסגוס. זיין וואָרט איז עמאָציאָנעל־עקסטאַטישער אויסגעשריי, נשמה־אויסברוך, אַטאָם־עקספּלאָזיע פון אָנגעלאָדענער גבורה־ענערגיע. אויב ס'איז אמת דער זאָג אַז „סטיל איז דער מענטש", איז ריווקין דער מענטש די עקזאַקטע רעפּליקע פון זיין סטיל.

אין זיין רעדן מיט מענטשן איז געווען אומרו. ער האָט ניט גע־רעדט לויט באַשטימטע קאָנווענציאָנעלע מאַניערן. ער האָט זיינע רייד אַרויסגעשריען, אַרויסגעברומט פון צווישן די ציין. ער האָט געקאָנט זיך אָנצינדן מיט חסיד'ישער התלהבות, אָבער אויך געקאָנט זיין מתנג'דיש־פּראַסטיק, סאַטיריש, וויטריאָל־בייסנדיק. ער האָט געקאָנט פאַרגעטערן אָבער אויך ברעכן געצן, קולטן. האָט ער געגלויבט וועגן דער שליחות פון דעם יחיד אין דער וועלט האָבן געשפּריצט פונקען פייער פון זיינע טאַנצנ־דיקע, אומרואיקע אויגן.

זיין הילוך איז געווען נאַכלעסיק־אָפּגעלאָזן, צעשויבערט. די קע־שענעס אַלעמאָל פול מיט צייטונגען און זשורנאַלן. קליין־געוויקסיק, בייכלדיק — אָבער גבורה האָט ער פאַרמאָגט, אַז אַ סך ריזן האָבן זיך ניט געקאָנט פאַרמעסטן מיט אים. מן־הסתם האָט ער די גבורה גע־ירשנ'ט פון זיין טאַטן דעם געזונטן בעל־עגלה. ניט נאָר ירשנ'ט ער דעם טאַטנ'ס פיזישע גבורה, נאָר אויך זיין עטיש־מאָראַלישן אויפפיר.

אַלעמאָל האָבן מיר אים געטראָפן אַן איילנדיקן, אַ לויפנדיקן. דער אומרו האָט אים געטריבן. נישט געקאָנט זיצן אויף אַן אָרט. בטבע אַ כבד־פּה, האָט ער זיך אָבער צערעדט, האָט גענומען שטראָמען פון זיינע צעעפנטע שליוזן ווי פון אַן אומאויסשעפּנדיקן קוואַל.

אַזוי דער שרייבער — אַזוי דער מענטש. ריווקין האָט געלעבט פּונקט אַזוי ווי ער האָט געשריבן. אַ זעלטענער מוסטער פון אַ וואָרט־וויזיאָנער אויף דער יידישער גאַס. ער איז געווען גערטנער וואָס האָט געזוכט אויסיעטען, אויסוואָרצלען פרעמדע געוויקסן אין אונדזער יידישן גייסטיקן גאָרטן. אַ גרויסער שרייבער געווען און אַ שיינער מענטש. ניט וועגן יעדן גרויסן שרייבער קאָן מען עס זאָגן.

1947

אבא גאָרדין דער עגאָסאָף

אבא גאָרדין, דער ווערסאַטילער שרייבער־פילאָזאָף, געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון ניט אָפּגעשאַצטע. ער פאַרמאָגט אַ קאָלעקציע פון וואָגיק־ערנסטע ווערק—אָבער זיי האָבן ניט אַרויסגערופן דעם געהעריקן רעסאָנאַנס, דעם פאַרדינטן אָפּרוף אין אונדזער יידיש וועלטל.

אבא גאָרדין געהערט צו זיי שריפטשטעלער וואָס מ'דאַרף לערנען. ער איז זיכער ניט קיין פּאָפּולערער שרייבער וואָס שרייבט לייכט און שפּילעוודיק. כדי צו באַנעמען אבא גאָרדינס עגאָסאָפישע שיטה אָדער זיינע סאָציאָלאָגישע ווערק, מוז מען אַליין זיין אַ שטיקל ערודיט אין אַ גאַנצער ריי קעגנשטאַנדן. ער איז ניט קיין א״ב פילאָזאָף פאַר אַ גרופּע סטודענטן אין אַ פילאָזאָפישן פאַקולטעט. ער איז אַ געלערנטער פאַר מענטשן וואָס קאָנען אַליין דורכקריכן די לאַבירינטן פון מענטשלעכן געדאַנק און וויסן.

מ'קאָן ניט אַריינכאַפּן זיינס אַ בוך ווי אַ פרומער ייד כאַפּט אַריין אַן אשרי. זיינס אַ בוך, אָדער בעסער געזאָגט, ספר, דאַרף מען זיך אַוועקזעצן און לערנען, שטודירן, כדי עס צו קאָנען פאַרדייען, באַנעמען.

דעריבער, דענקען מיר, זיינען זיינע ווערק באַוואוסטזיניק פאַרזען געוואָרן פון אונדזערע פּראָפעסיאָנעלע קריטיקער. אונדזערע קריטיקער זיינען, גאַנץ פשוט, אינטעלעקטועל ניט צוגעגרייט אויפצונעמען זיינע ווערק, וואָס זיינען הן אין פאָרם און הן אין אינהאַלט צו קאָמפּליצירט. ס'רוב פון אונדזער היינטיקער גייסטיקער פּראָדוקציע איז פעדער־לייכט, שפּינוועביק. מ'דאַרף ניט קיין אָנשטרענגונג פון מוח, כדי זיך צו אָריענטירן אין דעם תוכ'יקן אינגעוויד פון די ווערק וואָס דערשיינען ביי אונדז.

גאָרדין איז אין אונדזער קולטור־באַלעבאַטישקייט אַ יוניקום. ער איז פילזייטיק און פילפאַרביק. ער איז פילאָזאָף, סאָציאָלאָג, מאַרקס־קריטיקער, ליטעראַטור־קריטיקער, עסייאיסט, פּאָלעמיקער, נאָוועליסט, דיכטער, און זיינע טאַלאַנטן שעפּן זיך נאָך ניט אויס מיט דער דערמאָנטער רשימה.

אין אַנדערע ליטעראַטורן וואָלטן זיך מן־הסתם געפונען ספּעצן וואָס וואָלטן געשריבן פילאָזאָפישע דיסערטאַציעס וועגן גאָרדינ'ס עטיש־פילאָזאָפישן באַנעם. זיין שיטה איז נאָך ביי אונדז עפּעס אַ מין עקזאָטישער פלאַנץ. מ'באַוואונדערט זיין ערודיציע, זיין ענציקלאָפּעדישן וויסן. אָבער צו זיינע קאָנקלוזיעס, אויספירן הערט מען זיך נאָך ניט צו. די

אוידיטאָריע פון זיינע חסידים־תלמידים איז נאָך צו קליין און אומ־באַדייטנדיק. הגם אין דער וועלט פון העכערע רעיונות איז עס גאָרניט קיין נאָווינע אַז אַ פילאָזאָפישע שיטה זאָל באַלד ניט אָנרייסן. ס'רוב דענ־קער־פילאָזאָפן האָבן געשאַפן זייערע ווערק ניט פאַר מאַסן־געברויך. זייע־רע שאַפונגען האָבן זיך געניטיקט אין שפעטערדיקע פאַרטייטשער און אויסטייטשער. ס'איז פאַראַן אַ היפשע ביבליאָטעק אַרום שפינאָזעס עטיק, אַרום מאַרקס' קאַפּיטאַל, פרוידס פסיכאָאַנאַליז, נאָר צו דערמאָנען איי־ניקע.

גאָרדינ'ס שיטה איז אַ נייער אויסטייטש און פאַרטייטש פון אונדזער יידישקייט־אמונה. ער זוכט צו מאַכן טיפע רעוויזיעס אין אונדזער רעלי־גיעז־עטישן גלויבן. דער תנ"ך, דאָס ווערק וואָס האָט אונדז געגעבן אינהאַלט און אָנהאַלט אין אונדזער טויזנט־יאָריקער געשיכטע,מאַכט דורך נייע מעטאַמאָרפאָזן אין גאָרדינ'ס אויסטייטש. די סימבאָלן, די בילדער פון תנ"ך־לשון קריגן אַ נייעם באַדייט דורך גאָרדינ'ס פירוש. אין זיין אינטערפּרעטאַציע פון תנ"ך, דאָס עיקר'יקע ווערק פון אונדזער אמונה, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז גאָרדין ווי אַ רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר. נאַ־טירלעך, מאַכט ער ראַדיקאַלע אָפּנויגן פון די קאָנווענציאָנעל־טראַדיציאָ־נעלע דרכים פון אונדזער תורה־יידישקייט. צווישן די רעליגיעז־גלוי־ביקע פון אַלע לאַגערן וועט זיכער זיין רעליגיעז־סאָציאַלער באַנעם אויפ־גענומען ווערן ווי אַפּיקורסות. מ'וועט אים זיכער באַטראַכטן ווי אַ כופר־בעיקר.

אַזאַ מין זאָג, אַז: — „עס איז בכלל אוממעגלעך, לויט מיין פאַר־שטאַנד נאָך, צו רעדוצירן פילאָזאָפיש־רעליגיעזע גרונט־פּרינציפּן צו קולט־פּראַקטיק. די לעצטע האָבן תמיד אַלס זייער יסוד אַזעלכע זייטיקע הנחות, וואָס האָבן מיט די „עיקרים" אַ קנאַפּע שייכות. פון דעם גלויבן, אַז עס איז פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט ביז דעם אָנזאָג צו שאָקלען אַ לולב, האַלטן אַן אתרוג, אַ מהודר, זיצן אין אַ סוכה, עסן מצה און מרור וכדומה טועכצן, איז גאָר אַ ווייטער מהלך". גלויבן מיר ניט אַז אַזאַ ראַדיקאַלער אויפפאַס פון רעליגיעזן באַנעם וועט אַפילו שטאַרק אויסנע־מען ביי אונדזערע רעפאָרמיסטן. אַפילו אין זייער רעליגיעזן מינימום־פּראָגראַם איז אויך פאַראַן אַ מינימום־קולט פּראַקטיק. אין גאָרדינ'ס באַגריף פון גאָט־גלויבן איז ניט פאַראַן קיין פּלאַץ פאַר קולט־אַקציעס, כאָטש ער דענקט, אַז מ'קאָן אָנגעמען בשלימות אַלע דינע אויספירן און אויסטייטשן פון דער ביבל אין גייסט פון זיין עגאָסאָפיע און דאָך בלייבן שטרענג־אָרטאָדאָקסיש אָדער עקסטרעם־רעפאָרמאַטאָריש.

ווי אַזוי מ'קאָן בלייבן אַ רעליגיעז־אָרטאָדאָקסישער ייד און דאָך זיך

אידענטיפיצירן מיט גאָרדינ׳ס עגזאָטישן באַנעם, איז פאַר אונדז באמת אַ רעטעניש.

אָרטאָדאָקסיע שטייט פאַר קאָנסערוואַציע אין אונדזערע רעליגיעזע באַגריפן. ריטואַליסטיק און טראַדיציע זיינען צוויי עיקר־עלעמענטן אין דעם אָרטאָדאָקסישן אויפפאַס פון יידישקייט־אמונה.

אין גאָרדינ׳ס יידישקייט־באַנעם איז גאָרניט פאַראַן קיין אָרט פאַר די דאָזיקע עלעמענטן וואָס זיינען געקניפט און געבונדן מיט אונדזער אנגענומענער רעליגיעזער טראַדיציע.

גאָרדין מיט זיין וועלטלעך־פילאָזאָפישן פּירוש מאַכט אַ תל פון די קאָנווענציאָנעל־אָנגענומענע רעליגיעזע באַגריפן. אָט זאָגט ער: „וואָס קאָן זיין מער חילול־הקודש׳דיק ווי אַ קאָנאָניזירטער זעלבסט־אויסגוס! מתפלל־זיין פון אַ געבעט־בוך אַרויס, לויט אַ באַשטימטן נוסח און סדר, באַשטימט איינמאָל פאַר אַלעמאָל, באַשטימט פאַר אַלעמען אָן אויסנאַם, איז גלייך ווי צו שרייבן בריוו צו אַ פריינט, צו אַ ליבן פאָטער, צו אַ ליבער מוטער, צו אַ געליבט ווייב, צו אַן אייגן טייער קינד — פון אַ בריוונשטעלער אַרויס".

זיינען מיר שטאַרק מסופק צי די פרומע, אָרטאָדאָקסישע יידן, אָדער אַפילו די רעפאָרם־עלעמענטן וועלן גרייט זיין אָנצונעמען גאָרדינ׳ס קאַרעקטיוו און אויסבייטן דעם געבעט־סידור אויף עפּעס אַן אַבסטראַקטן באַגריף פון תפילה. ניט לאַנג צוריק האָט דער קאָנסערוואַטיווער רבי קאַפּלאַן געפּרוווט אַריינגעמען אייניקע נייע תפילות אין דעם אַלטן סידור, זיינען די אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן אַריינגעפאַלן אין אַזאַ גרימצאָרן, אַז זיי האָבן דעם נייעם סידור, צוזאַמען מיטן מחבר, אַריינגעלייגט אין חרם...

„דער יידישער געזעמל זאָל ניט מומיפיצירט ווערן, ווערן אַן אָביעקט פאַר אַ היסטאָרישן מוזיי", — זאָגט אין ערגעץ גאָרדין. יידישקייט איז ניט קיין פאַרגליווערטקייט. ס׳איז אַ פליסיקער קוואַל. אונדזער יידישקייט איז נאָך אין פּראָצעס פון עוואָלוציע. ס׳איז נאָך ניט געזאָגט געוואָרן דאָס לעצטע וואָרט. מיר טאָרן ניט ווערן קיין אימיטאַטאָרס פון געצן־קולט. די גרעסטע קללה פאַר דער מענטשהייט איז דער פּאַגאַניזם. דאָס זיינען פעטישן. מיר האָבן אין משך פון דורות אין דער פרעמד איינגעזאַפּט אין זיך שלעכטע געוואוינהייטן. די יידישע נביאים האָבן געפירט זייער קאַמף קעגן „עבודה זרה", וואָס האָט אין זיך ניט פאַרקערפּערט עטישע עלעמענטן.

די דאָזיקע סענטענצן וואָס מיר האָבן דאָ אָנגעוואָרפן זיינען פאַקטיש די עיקרים פון גאָרדינ׳ס עטישער יידישקייט. ער פּרוווט דעם אַלטן ווייַן אַריינגיסן אין נייע געפעסן.

ער זאָגט: — „תורת־משה איז ניט ווי עס איז אָנגענומען געוואָרן

על־פי טעות, אַ טעאיסטישע, אַ מאָנאָטעאיסטישע אמונה, — נאָר אַ מאָנאָגאַסטישע מאָראַל־פילאָזאָפיע, אַן עגאָסאָפיע, אַן עגאָלאָגיע, אַ זיטן־לערע און אַ ריטואַליסטיק וועלכע באַצוועקט איין תכלית און דאָס איז — דער קיום פון יידישן קיבוץ אַלס אַן איניציאַטיווע מינדערהייט, אַן אַוואַנ־גאַרד פון דער מענטשהייט . . .״ (יידישער וועלט־באַנעם, ז. 256).

גאָרדין האָט ניט נאָר צעאַקערט די אויבערפלאַך פון אונדזער יידיש־ערד, נאָר ער האָט, ווי אַן אַרכעאָלאָג, געגראָבן טיף אין די פלאַסטן און שיכטן. ער האָט מיט זיין שפיזלדיקן פילאָזאָפישן רעיון געפרואווט זיך דערגרונטעוועט צו די סאַמע יסודות פון אונדזער קיום אויף גאָטס וועלטל.

דער ייד איז ניט קיין געשיכטלעכער צופאַל וואָס האָט איין אויפ־גאַבע, צו דערפילן די מצווה פון פריה־ורביה. דער ייד האָט אַ גרויסע שליחות אין דער וועלט. ער דאַרף ווערן דער „איניציאַטאָר״ פון אַ נייעם בראשית, פון אַ נייער קאָסמאָגאָניע.

די עובדא פון גאָרדינ׳ס נייעם פילאָזאָפישן בראשית איז „צו קאָנסאָ־לידירן דעם „איך״. דער עגאָ איז צענטראַל אין זיין פילאָזאָפישער מע־טאַפיזיק. ס׳איז אָבער ניט דער שטירנערישער „עגאָ״, ווי ס׳ווילן האָבן אייניקע שרייבער וואָס האָבן געשריבן וועגן גאָרדינ׳ס באַנעם. זיין „איך״ איז אין זיך כולל דעם ציבור, פונקט ווי אין טראָפּן איז פאַראַן דער ים און אין ים דער טראָפּן.

אין דעם יידישן „יהוה״ איז אייגנטלעך פאַראַן די פאַרקערפּערונג פון די אַטריבוטן פון „איך־ער״. דער יחיד, דער מענטש איז אַן אַטאָם־שפּליטער פון דער „איכהייט״. דער מענטש־איך איז ניט נאָר אַן אָביעק־טיווער אָבזערווירער אין דער גרויסער געטלעכער יצירה, נאָר ער איז אַ סוביעקטיווער רעאַליזירער, מיטשאַפער פון אונדזער אוניווערז. ער איז אַ שטויבל, אַ טיילכל פון דעם גרויסן קאָסמאָגאָנישן וואונדער. דער „איך־ער״ איז אַ צוזאַמענגעוואַקסענער סיאַמיזער צווילינג ; אַ ניט־צעשטער־באַרער זיווג־טוב.

אין די אויספירן פון גאָרדינ׳ס פילאָזאָפישער שיטה זיינען אפשר פאַראַן פאַנטעאיסטישע איינפלוסן, כאָטש שפינאָזע אין זיין „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט״ מאַכט אַ תל פון אונדזער תנ״ך און איז אין זיין קריטישן אַנאַליז געניגט צו קריסטלעכע טענדענצן. גאָרדין איז, דער היפוך, אַ געוואַלטיקער חסיד פון אונדזער תנ״ך. ער באַוויזט מיט פּאַ־לעמישער חריפות און מיט לאָגישער קאָנסעקווענץ, ווי די איבער־זעצער האָבן פאַרגרייזט אַ סך פון די פונדאַמענטאַלע עיקרים פון אונדזער תורה.

ווי זאָגט גאָרדין : — „דער יידישער ספר־הספרים איז פאַרטייטשט

געוואָרן, דאָס הייסט, מ׳האָט אים אונטערגעוואָרפן אַ פייגינדיקן פּראָצעס פון העלעניזירונג, ראָמאַניזירונג א.אז.וו. און דורכדעם האָט מען אים אויף דורות־לאַנג פּאַרפרעמדט, אָפּגעריסן פון יידיש־גייסטיקן שטאַם, מיט איין וואָרט — פּאַגאַניזירט״.

מיר האָבן דאָ ניט בדעה אויסצורעכענען אַלע אַטריבוטן פון גאָרדינס פילאָזאָפישער שיטה. פאַר אַזאַ קאַרדינאַלער אַרבעט פאָדערט זיך אַ גאַנץ בוך. מיר האָבן אָבער געוואָלט ציען דעם אויפמערק פון דעם אינטעלעקטועלן יידישן לייענער אויף אייניקע עיקר־שטריכן אין גאָרדינ׳ס באַנעם.

גאָרדין, אין זיין אויסטייטש פון אונדזערע גייסטיקע אוצרות, שטעלט דעם טראָפּ אויף עטישע ווערטן. אין זיין פּרינציפּן־דערקלערונג פון דער יידיש־עטישער געזעלשאַפט זאָגט ער אין זיין אַריינפיר־וואָרט: — „די פּרינציפּן פון דער יידישער מאָראַל דאַרפן ווערן אַ קנין פון גאַנצן פאָלק, און ניט בלויז פון עטלעכע יחידי־סגולה, רעכט־דענקער. דער יידישער געוויסן דאַרף זיך לאָזן פילן, זיך אַרויסווייזן אין טאָג־טעגלעכן אויפפיר, דאַרף באַאיינפלוסן, צום גוטן, די באַציאונגען וואָס ווערן געשפונען צווישן יחיד און יחיד, יחיד און רבים, ווי אויך יחיד־רבים און דער וועלט.״

קלאָר, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ מענטשן מיט אַן אייגנאַרטיקער גייסטיקער פיזיאָנאָמיע. אַ דענקער וואָס זוכט צו רעסטאַוורירן דאָס אַלטע אין אונדזער קולטור־ירושה און גלייכצייטיק עפּעס צוטראָגן פון דעם מאָדערנעם קולטור־שפייכלער. גאָרדין קומט צו אונדז מיט אַ נייעם פילאָזאָפישן פּירוש און מיט דערפינדערישע וואָרט־מיטלען.

ווי אַ וועג־ווייזער, אַ פּיאָנער פון אַ נייער שיטה, באַזונדערס אין אונדזער יידיש־לשון, וואו ס׳איז פאַראַן אַ מאַנגל און אַן אָרימקייט אין פילאָזאָפישער טערמינאָלאָגיע, איז גאָרדין געווען געצוואונגען צו שאַפן אייגענע טערמינען וואָס קלינגען מאָדנע, פרעמד, ניט אייגן פאַרן יידישן אויער. אָבער אַ סך פון זיינע פילאָלאָגישע בריה׳שקייטן וועלן זיך אין דער ווייטער צוקונפט זיכער איינבירגערן אין אונדזער יידיש־לשון און ווערן געזעצלעכע קינדער אין אונדזער גייסטיקער באַלעבאַטישקייט.

גאָרדין ווי אַ יידישער דענקער און ווי אַ גלענצנדיקער עסייאיסט, פּאָלעמיקער, ליטעראַטור־קריטיקער, סאָציאָלאָג פון וויכטיקן פאָרנעם, איז אַ געווינס פאַר אונדזער יידיש־ליטעראַטור. ס׳איז באמת אַ פּאַרדרוס וואָס אונדזער קריטיק האָט איב ביז איצט כמעט ווי פאַרשוויגן און שטיפמוטעריש באַהאַנדלט. אפשר איז עס די שולד פון דעם וואָס אונדז פעלט נאָך יענע בראַנזשע פון ליטעראַטור־קריטיק וואָס ספּעציאַליזירט זיך אין שרייבן איבער ערנסטע, וואָגיקע, וויסנשאַפטלעך־פילאָזאָפישע ווערק. אונדזער ליטעראַטור איז נאָך אַלץ אַ מעשה־ביכל־ליטעראַטור.

א. אַלמי — איבערפּאַרטייאישער שריפטשטעלער

פּאַרטייאישקייט איז אין אונדזער יידיש לעבן געוואָרן אַ קללה. די פּאַרטיי דאָמינירט. די פּאַרטיי צעשפּאַלט און צעדייסט. די פּאַרטיי האַלט אויך אין אַרענדע דעם מענטש פון טאַלאַנט. ווי צו דעם מענטשן פון טאַלאַנט וואָס האָט דעם קוראַזש און די חוצפה ווידערצושפּעניקן זיין מאַיעסטעט, די פּאַרטיי . . .

ווי אין יעדן כלל זיינען פאַראַן אויסנאַמען. אויך א. אַלמי איז אין דעם כלל דער אויסנאַם. ער איז דער גליקלעכער מענטש פון קולטור און טאַלאַנט, וואָס איז ניט געבונדן דורך פּאַרטיי־שטריק. קיין שום פּאַרטיי אין אונדזער לעבן האָט נישט איינגעשפּאַנט זיין פּערזענלעכקייט, זיין „איך" פאַר אירע צילן. פּונקט ווי יעדער באַרמאַל־אינטעליגענטער מענטש, האָט ער זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס — אָבער קיינע פון די פּאַרטייען אויף אונדזער פּאָליטישן־ און קולטור־יאַריד קאָן אונדז ניט פאַרזיכערן, אַז זיי זיינען די אַבסאָלוטע באַלעבאַטים פון אַלמי'ס גייסטיקן „איך". ער איז באַליבט ביי אַלעמען, כאָטש ער איז ניט קיינעמס לאָיאַ־לער פּאַטריאָט. ער איז דער מענטש וואָס האָט ליב זיין פאָלק און גע־פינט נאָך אַביסל ליבע פאַר אַ היפּש ביסל אַנדערע פעלקער אויף אונדזער פּלאַנעט. ער האָט שטאַרק ליב די שאַפערישע גאונים פון אונדזער פאָלק און ער פאַרמאָגט אויך וואַרימע געפילן פאַר די שאַפערישע מענטשן, די מענטשן פון גייסט, פון אַנדערע קלענערע און גרעסערע פעלקער־משפחות. ער איז איבערפּאַרטייאיש אין זיין באַנעם און אויפפאַס. ער איז דער זוּ־כער פון פּאָזיטיווע ווערטן אין אונדזער לעבן. ער איז ניט קיין קנאי, אָבער ער איז אַ גאַלאַנטער קעמפער פאַר יענע אידעאַלן פון פּאָזיטיווע ווערטן ; ווערטן וואָס קאָנען דערהייבן צו אַ העכערער מדרגה די חשיבות פון געטלעכער יצירה.

א. אַלמי איז אַן אַלזייטיקער און פילזייטיקער שריפטשטעלער. זיין מעדיום פון אויסדרוק איז פילפאַרביק און שליסט איין כמעט אַלע זשאַ־נערן פון קינסטלערישער־קרעאַטיוון שאַפן. ער איז דיכטער מיט אַ גאַנץ פיינעם סטאַזש און פאַרמעג. ער איז דערציילער וואָס ווייסט ווי צו דער־ציילן אַ מעשה. כאָטש אין זיינע פילאָזאָפיש־רעליגיעזע מעדיטאַציעס כאַפּט זיך אָפּטמאָל אַריין דער סקעפּטיקער, דער באַצווייפלער, — האָט ער אין דעם צוואָרפענעם אָפּקלייב פון זיין ליטעראַרישן פאַרמעג אויך

הומאָרעסקעס, פּאַראָדיעס, שאַרזשן — וואו ער לאַכט מענטשלעך האַרציק און חוזק'ט און שפּאַסט פון מענטש און וועלט. „דער הומאָר" — שרייבט ער וועגן זיך — „וואָס האָט זיך אין מיר פּרי אויפגעוועקט, האָט מיך גע־ראַטעוועט, איז געוואָרן די בריק פון געבשער בית־עולם צו ליכטיקע האָ־ריזאָנטן".

אָבער איבער אַלע זיינע שאַפונגס־כוחות פינקלט און לייכט אַרויס— דער באַרופענער עסייאיסט. צווישן יידישע עסייאיסטן פאַרנעמט אַלמי אַן אויבנאָן־פּאָזיציע. די עסיי איז דער דאָמינירנדיקער כוח אין זיין לי־טעראַרישן שאַפן. אין זיין אַטעליע, וואו ס'זיינען אויסגעשטעלט די ווערק פון זיין לאַנגיאָריקער, פּרוכטבאַרער אַרבעט, ציט באַלד צו מיט דער פילפאַרביקייט און עקזאָטישקייט דאָס ווינקל פון זיינע פיין־געשניצטע, איידל גראַווירטע סקולפּטור־עסייען.

אַלמי איז אַריין אין אונדזער ליטעראַטור כמעט ווי אַ וואונדער־קינד. נאָך אַלס יונגער ייִנגל האָט ער שוין געשריבן און רעאַגירט אויף פאַר־שיידענע דערשיינונגען מיט דער רייפקייט און ערנסטקייט פון אַ דערפאַ־רענעם שרייבער. דער ליטעראַרישער אָנהייב זיינער איז אַ פּעסימיסטי־שער, אַ קהלת'דיקער, כאָטש ער איז דאַן נאָך ניט קיין בר־מצווה־בחור. אָבער דידאָזיקע פּעסימיסטישע שטימונגען זיינע זיינען דער פּראָדוקט פון זיין אָרימער, דלות'דיקער שטוב און פון דער גאַנצער סביבה אין וועלכער ער איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן. פּרץ פרעגט אַפילו ביים ייִנגן בחור'ל פאַרוואָס זיינע לידער זיינען אַזעלכע טרויעריקע, אַזעלכע ווייַ־נענדיקע. אָבער איינע פון זיינע ערשטע ביכער, „אין עליאַשס קעניגרייך", איז גראָד אַ זאַמלונג פון שטיפערישע, וואוילינגערישע ליבע־לידער. די דחקות און די נויט, אין וועלכער ער האָט געלעבט און געאָטעמט, האָט ביי אים אויך אַרויסגערופן רעגונגען, אימפּולסן פון געלעכטער און גראָ־טעסק. ער האָט דאָס ערנסטע אויך געזען דורך אַ קרומען שפּיגל.

נאָך אַלס אַ יונגער שנעק איז ער שוין געווען באַקאַנט אין די וואַר־שעווער יידישע רעדאַקציעס. ער איז געווען אַן אַריינגייער אין די באַ־רימטע „ליטעראַרישע שטובן" וואו ס'האָבן געפירט טיש אונדזערע קלאַ־סיקער־קינסטלער. ווי אַ ייִנגל האָט ער זיך געפּלאָנטערט צווישן די פיס אין דער „ליטעראַרישער שטוב" פון הלל ציטלין, ווי ס'דערציילט טאַ־קע דער יונג־פאַרשניטענער דיכטער, אלחנן צייטלין אין זיין בוך זכרונות וועגן זיין גרויסן פּאָטערס שטוב און וועגן די אַלערליי טשיקאַווע אַריינ־גייער אין דייער שטוב. דאָס איז געווען אַ זאַמל־אָרט פון קולטור־טרע־גער, ליטעראַטן, שרייבער, זשורנאַליסטן, און פון סתם מענטשן וואָס יידיש־שאַפן, יידישע קולטור האָט געהאַט אַ באַזונדער קלאַנג און באַדייט

פאַר זיי. אַלמי איז ניט נאָר אַ פּראָדוקט, דער אַרויסוואוקס פון וואַרשע־וועך אָרימקייט און דחקות, נאָר ער האָט אויך אין זיך אַריינגעזויגן דעם גייסטיקן קלימאַט פון דער סביבה וואו אונדזערע גייסטיקע מאַגנאַטן האָבן געפירט טיש.

צוליב דער „צעוואָרפנקייט" פון זיין ליטעראַריש שאַפן איז נאָך אַלמי ניט געהעריק קריטיש אָפּגעשאַצט געוואָרן. מיר לעבן אין אַ צייט פון ספּעציאַליטעט און ספּעציאַליסטן. ס'איז פאַראַן אַ קאָנווענציאָנעלער נוסח, אַז די שאַפער וואָס צעברעקלען זייער טאַלאַנט אויף פיל געביטן, פאַרנאַכלעסיקן דעם אמת־באַרופענעם טאַלאַנט. ס'איז ניט לייכט זיך צו קאָנצענטרירן אויף פיל אייגנשאַפטן. איז אָבער פאַראַן אַן אַנדער אָפּ־שאַץ פון דעם שאַפערישן מענטשן — אַ ריין מענטשלעכער. דער שריי־בער ווי אַ מענטש ווערט באַווירקט דורך עמאָציאָנעלע רעגונגען, אימ־פולסן, רעאַקציעס, רעפלעקסיעס. אַמאָל וויינט ער, אַמאָל לאַכט ער; אַמאָל צווייפלט ער און אַמאָל איז ער אויך אַ מאמין. דער אמת'ער שריי־בער נעמט אויף דאָס מענטשלעכע לעבן מיט אַלע קלאַנג־אַקאָרדן און פאַרבן־וואַריאַציעס. דער שרייבער דאַרף זיך כאַראַקטעריזירן אין זיין שאַפן, צי דורך אַ טיף לירישן־קינסטלעריש ליד, צי דורך זשורנאַליסטישן רעפּאָרטאַזש.

אַלמי איז דער שרייבער וואָס רעפלעקטירט דאָס מענטשלעכע לעבן דורך זיין שאַפן — גאָר באַזונדערס זעען מיר עס אין זיינע הונדערטער עסייען־קאָמפּאָזיציעס וואָס וויקלען פאַר אונדז פונאַנדער אַלערליי ניואַנסן, אַספּעקטן און פאַזן פון וועלט און מענטש. מיר זעען דעם מענטש אין זיין אויפהייב, אַרויפקלעטער צו העכערע הויכן. מיר זעען אויך דעם מענטש אין זיין ירידה, אין זיין אַראָפּפאַל, אין זיין צוריקגאַנג און צוריקפאַל צו פרימיטיווע סטיכיעס פון דזשאַנגל און וואַלד.

אין אַלמי'ס פילצאַליקע עסייען אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז דער מייסטער פון דער עסיי. ער איז שפּילעוודיק. ער איז לייכט גראַציעז. ער שפּאַצירט מיט אונדז אין גאָרטן פון וויסן און ער מעדיטירט וועגן די מיסטעריעס פון גרויסן אוניווערז; וועגן די סודות פון לעבן און טויט; ער שמועסט קלוג און קהלת'דיק וועגן די קאָנפליקטן און ווידערשפּרוכן פון אונדזער סאָציאַלן צוזאַמענלעבן.

ווי אַ שרייבער, וואָס זיין טעמאַטיק איז די וועלט און דער מענטש מיט אַלע זיינע סודות'פולע וועגן און שטעגן, קומט אים אָפּטמאָל אויס צו פאַלעמיזירן מיט אַלערליי דענקער צו פאַרטיידיקן ז י י ן אמת. אין זיין פאַלעמיק איז ער שאַרף און סאַטיריש־בייסנדיק. זיין אַנאַליז פון קעגנערס מיינונגען און געדאַנקען איז לאָגיש און וואָגיק — אָבער, ווי

ס'טרעפט אין פּאַלעמישן געראַנגל — ניט אַלעמאָל שטאַרק איבערצייגנדיק. דער פּילאָזאָפיש־סטאַאישער מעדיטאַטאָר ווערט אַמאָל אין כעס — און ס'איז גאַנץ מענטשלעך — גאַפן זיך ביי אים אַרויס ניט קיין זייער געלונגענע אַדיעקטיוון און עפּיטעטן קעגן זיינע אָפּאָנענטן. אַט, למשל, איז ער אין זיין פּאַלעמיק מיט דעם ריז פון דער יידיש־פּובליציסטיק, דר. חיים זשיטלאָווסקי, צו שאַרף און צו בייסיק. זיין קריטיק נעמט אָפּטמאָל אָן די פאָרמען פון ציניזם. מיר זיינען די לעצטע צו ווען איבערצייגן דעם לייענער, אַז דער גרויסער זשיטלאָווסקי איז אין אַלע זיינע פּובליציסטישע אַרויסטרעטונגען געווען גערעכט. געוויס ניט. אָבער די „עטיש־ריינע פּערזענלעכקייט" — ווי אַלמי באַטיטלט אים טאַקע — האָט געפאָדערט פון אַלמי'ן אַביסל מער איינזעעניש, טאַקע אויפן יסוד פון זשיטלאָווסקי'ס רייכער פּאַרגאַנגענהייט . . .

ביי אַלמי'ן קאָן מען אויך אָנווייזן אויף סתירות — און ווער איז דען פריי פון זיי ? . . . ער זאָגט טאַקע אין אַן אויטאָביאָגראַפישן אַריינפיר צו זיינס אַ בוך — „אַן ווידערשפּרוכן איז קיין האַרמאָניע נישטאָ. האַרמאָניע איז נישט איינס, נאָר פּ אַ ר אַ י י נ ס ו נ ג פון אַ סך מאָטיוון, פון אַן אַ שיעור ניואַנסן . . ."

אַ סך פון זיינע קעגנער שרייבן אים צו די עפּיטעטן „קאָנסערוואַטיוו", „רעאַקציאָנער" אין זיין באַנעם פון סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכער פּראָבלעמאַטיק. זאָגט ער טאַקע זייער ריכטיק אין דעם דערמאָנטן אויטאָפּאָרטרעט — „איך האָב אַפילו די „חוצפה" צו זאָגן אַז רעאַקציאָנער זיינען יענע, וואָס פאַרצאַמען די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, וואָס פאַרלייקענען אַלע גייסטיקע כוחות אין מענטש און וועלט און קוועטשן אַריין דעם „האָמאָ סאַפּיענס" אין דעם סדום־בעטל פון אַן איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל צוגעשניטענער שיטה".

אויבנאויפיק קאָן אויך בלייבן דער פאַלשער איינדרוק פון אַלמי'ס טייטשן און פאַרטייטשן פאַר אונדז די מיסטעריעזע וועגן און אומוועגן אין דעם מענטשלעכן לאַבירינט, אַז זיין גלויבן איז אומגלויבן אין דעם מענטש. אָבער ס'איז טאַקע אַ פאַלשער איינדרוק. אַלמי איז אַ טיףגלויביקער אין די איבערלעכע, עטישע כוחות פון מענטש. די חיה אין מענטשן שלעפּט אַמאָל צוריק אין וואַלד. אָבער ס'וועט אַמאָל קומען דער טאָג, ווען דאָס מענטשלעכע צוזאַמענלעבן וועט באמת קאָנטראָלירט ווערן פון עטישע קאָדעקסן ; ווען דער מענטש וועט אויף אַן אמת באַפרייט ווערן פון זיינע סאָציאַלע קייטן. ער זאָגט אין זיין עסיי — „דער אומבאַקאַנטער מענטש" — „איך וועל זיך דערלויבן אַ פשט'ל — אפשר אַ צומגידישן — אויף דער גמרא, וואָס זאָגט, אַז משיח וועט קומען אין אַ צייט

און כולו זכאי אָדער כולו חייב. דער משיחיסטישער, פרידלעכער צוזאַמענלעבן צווישן יחידים און פעלקער (ווילט זיך דערויף זאָגן) וועט רעאַליזירט ווערן, ווען אַלע וועלן זיך אָנערקענען גלייך שולדיק — און דאָס מיינט אויך: גלייך אומשולדיק. וואָרים אויב אַלע זיינען שולדיק, איז ממילא קיינער נישט שולדיק. איין פאָלק קאָן נישט אָנווייזן אויף אַן אַנדער פאָלק, אָדער איין יחיד אויף אַן אַנדער יחיד, ווי אויף דעם שולדיקן אין אַלע צרות און דערמיט ווערט אָוועקגענומען דער באָדן פון אַלערליי העצעס, פון קעגנזייטיקן האַס, שאָוועניזם און דזשינגאָאיזם. אָבער בכדי צו ברענגען צו אַזאַ אידעאַלער מדרגה, זיינען נייטיק צוויי באַדינגונגען:

— פון איין זייט צוצוגיין צום מענטש פון אַן אוניווערסאַלן פונקט, ד.ה. זען אין אים אַן אומרייפן פּראָדוקט פון אַן אומרייפער וועלט, וואָס ביידע דאַרפן נאָך דורכגיין אַ לאַנגן, אַ שווערן וועג צו שלמות; פון דער אַנדערער זייט דערציען דעם מענטש יחידיש, ד.ה. אָפּגעבן זיך קודם מיט דעם יחיד'ס אינעווייניקסטער וועלט, מיט זיינע פאַרבאָרגענע סטיכיעס, אינסטינקטן, אימפּולסן, כסדר האַלטן וואָך זיין באַוואוסטזיין צום פאַקט, אַז ער איז נאָך כאַאָטיש, און דערנאָך ערשט אריינברענגען סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע עלעמענטן (די באַציאונגען צווישן יחיד און געזעלשאַפט, צווישן יחיד און נאַציע א.אז.וו.) — דאָס דאַרף זיין די עובדה פון די סאָציאָלאָגן און פּעדאַגאָגן".

האָבן מיר דאָ געבראַכט דעם לענגערן אויסשניט פון זיין עסיי, כדי צו באַווייזן, אַז אַלמי האָט שוין גאָר אַ גלויבן, און אַ ליכטיקן גלויבן אין דער צוקונפט פון מענטש. אַז דער מענטש געפינט זיך נאָך אין דער עוואָלוציע פון ווערן מענטש אין געשטאַלט פון גאָט, דאַרף מען דאָ נישט באַווייזן נאָך די לעצטע יאָרן פון דער היטלעריסטישער משוגעת און אַפילו איצט האָט זיך דער מלחמה־פּסיכאָז פּאַקטיש נאָך ניט איינגעשטילט. דער דאָזיקער גלויבן איז אַ פולשטענדיקע אַנאַרכיע פון אונדזער געזעלשאַפט וואו פאָלק און יחיד וועלן באמת זיין פריי פון די אַלערליי סטיכיעס וואָס לויערן נאָך אין אונדזערע טעג אויפן מענטשן. ער גלויבט אין דעם עטישן סאָציאַליזם וואו מענטש און פאָלק וועט ניט זיין אונטערוואָרפן די בלוטיקע קאַפּריזן פון קלאַס און שטאַט. מענטשלעך לעבן איז הייליק, און הייליק קאָן עס ווערן ווען דער מענטש וועט זיין פריי פון אַלערליי מענטש־דיקטאַטאָרן און פאַגאַנישע געצנדינער.

דער דאָזיקער גלויבן איז אַן אַלטער. שוין אין די צייטן פון אונדזערע גרויסע נביאים האָט מען גע'חלומ'ט וועגן אים. איר וועט אים געפינען ביי ישעיהון, ביי עמוסן און ביי די פרייהייט־גייסטער פון אַנדערע פעלקער.

און אַז מ׳רעדט שוין פון גלויבן ווילן מיר דאָ אָנווייזן אויף אַן אַנדער פּונקט אין זיין גייסטיקן אויפּפּאַס, וואָס האָט אויך אַ שטיקל שייכות צו אַלמי׳ס גלויבן. ס׳איז אין תוך אַ גאָר וויכטיקער ענין. ס׳איז דער ענין מכוח די שייכות׳ן פון ליטעראַטור און לעבן און מכוח די פונקציעס פונעם שרייבער אין אונדזער געזעלשאַפט.

אַלמי שרייבט אין איינעם פון זיינע עסייען — „די פאַרגעסענע קונסט": — . . . „וואָס דאַרף מען זוכן אין אַ דיכטערס ווערק — דיכטונג, קונסט, עסטעטישע הנאה, אָדער עפּעס אַ זייטיקן מיין, אַ טענדענץ?" און ער ענטפערט אויף אָט־דער פון אים געפרעגטער שאלה מיט די פאָגלנדיקע ווערטער: „. . . אויב אַ לייענער — בפרט, ווען דער לייענער איז אַ קריטיקער — זוכט אין אַ ווערק אַ געוויסע טענדענץ, אַן אידעאָלאָגיע, אָדער „איזם", וואָס איז אים צו האַרצן, אָנשטאָט אַרויסצוברענגען די קינסטלערישע דערגרייכונג, די אוממיטלבאַרע עסטעטישע הנאה, וואָס ער האָט געהאַט בעת׳ן לייענען דאָס ווערק, דערוועקט זיך אַ חשד, אַז אָדער דאָס ווערק האָט נישט קיין קינסטלערישן ווערט, אָדער דער קריטיקער האָט נישט קיין קינסטלערישן חוש . . ." אָדער ווי זאָגט ער אין אַן אַנדער אָרט אין דער זעלביקער עסיי — „פאַרשיידענע פּאַרטייען, ריכטונגען און אידעאָלאָגן האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער קונסט און פאָדערן פון איר אַלץ וואָס זייער האַרץ גלוסט, אויסער דאָס, וואָס מ׳דאַרף פון איר פאָדערן . . ."

דאָ צעגייען זיך אונדזערע וועגן. מיר האַלטן אַז קונסט דאַרף אונדז געבן מער ווי עסטעטישע הנאה. די פונקציע פון קינסטלער איז ניט נאָר אונדז צו אַמוזירן און דערמיט איז זיין עובדא פאַרענדיקט. ס׳איז, דוכט זיך, אַ פאַלשער באַגריף, אַ פאַרעלטערטער באַגריף וועגן ליטעראַטור. די ליטעראַטור באַדאַרף זיין מער ווי אַ מין „עסקייפּיזם" פון דער סאָציאַלערווירקלעכקייט. דער קינסטלער קאָן און באַדאַרף ווערן פון יענע „פּעדאַגאָגן" וועגן וועלכע אַלמי רעדט אין אַן אַנדער עסיי, צו העלפן געשטאַלטיקן דאָס צוקונפטיקע לעבן און דעם צוקונפטיקן מענטשן. דער קינסטלער קאָן העלפן אויסיעטן און אויסוואָרצלען דעם ווילד־וואַלד אין די מענטשלעכע מוחות און אין די מענטשלעכע נשמות וואָס זיינען ביי אים פאַרבליבן פון אַ ווייט־וויטער פאַרגאַנגענהייט. אונדז דוכט זיך, אַז אַלמי אַליין איז ניט קיין צו התלהבות׳דיקער חסיד פון זיין קונסט אני־מאמין, מחמת אין זיין פאָלעמישן קאַמף קעגן שלום אש׳ס ווערק מיט קריסטלעכע טענדענצן איז ער געווען גאַנץ שאַרף און אַפילו צאָרנדיק . . . פון אש׳ס קריסטלעכע ווערק האָט מען געקאָנט גאַנץ נישקשה׳דיק „קינסטלעריש" הנאה האָבן און פאַרזעען זיינע טעאָלאָגיש־רעליגיעזע טענדענצן,

ווי ס'האָבן טאַקע אונדז געראָטן איניקע גוטמיינענדיקע קריטיקער . . .

זיינען מיר דאָ ניט אויסן זיך שטאַרק צו קריגן מיט אַלמי'ן און באַווייזן אונדזער ערודיציע און חריפות, נאָר מיר רעדן דאָ אַרום דעם ענין באריכות, צוליב דעם פאַקט, וואָס אַזאַ שיטה אין אונדזער ליטעראַטור האָט זיך גאַנץ נישקשה'דיק איינגעבירגערט.

דער קינסטלער דאַרף טאַקע ניט זיין קיין דינסטמויד פאַר דער אָדער יענער באַוועגונג. דער קינסטלער דאַרף זיך אויך ניט אָפּשליסן אויף אַן איזאָלירטן אינדזל און אונדז מהנה זיין מיט „ריינער קונסט"; זינגען פריי ווי דער פויגל אין וואַלד. ער דאַרף אונדז מאָראַליש געשטאַלטיקן און פאַרפאַנצערן — אויב ניט איז קונסט אַ בלאַנקענדיק גלעזל, אַן אויסגעטראַכטע וועלט וואָס האָט ניט קיין שום שייכות צו מענטש און זיין געזעלשאַפט . . .

פון אַ פרוי אַ שיינהייט האָבן מיר טאַקע עסטעטיש הנאה — אָבער דער דאַזיקער גענוס ווערט צערונען ווי פוטער אויפן פייער, ווען מיר דערוויסן זיך אַז די דאָזיקע ווענוס איז אַ שלאַק, אַ מרשעת, ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט איר אַרום . . .

שוין דער גרויסער יהודה הלוי האָט אונדז געוואָרנט אַז אין אונדזער אָפּשאַץ פון בוים זאָלן מיר בעסער הנאה האָבן פון זיינע פירות ווי פון די בלומען.

דער תנ"ך איז פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט אַ גרויס קינסטלעריש ווערק. מיר זעען דאָרטן דעם שימער פון דימענטן און די פּראַכט פון רעגנבויגן. מיר הערן דאָס שטורעמען פון ים און ווינט. מיר זעען דאָס וויגן זיך פון זאַנגען אין פעלד. מיר באַוואונדערן דעם פּאַסטוך און דאָס ציגעלע אויף דער גרינער לאָנקע — ס'זיינען דאָרטן פאַראַן אַלע חנ'ען און זאַפטן פון קונסט, אָבער דער תנ"ך איז ביי אונדז פאַרהייליקט ווי דאָס ווערק וואָס מישט זיך אַריין אין די באַציאונגען צווישן מענטש-און-מענטש און מאַנט מאָראַלישע און עטישע אחריות. דער תנ"ך איז פאַר אונדז געוואָרן דער מאָראַלישער רעגולאַטאָר.

די נביאים מיט זייער פּאַטאָס און צינדנדיקער רעטאָריק זיינען אין תוך מוסר-זאָגער.

אברהם צעברעכט די שיין-געהאַקטע און געשניצטע געצקעס פון זיין פאָטער תרח און ס'הייבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

טאָלסטאָי האָט ניט סתם געשריבן צוליבן שרייבן — ער האָט געהאַט אַ שליחות. אונדז איז דאָ ניט וויכטיק צי מיר זיינען גרייט אָקצעפּטירן זיין רעליגיעזע התלהבות פאַרן קריסטנטום. דער ק ר י ט י ק ע ר דאַרף אָנווייזן אויף די אידייאישע יערונגען, טענדענצן, חלומות אין דער

גייסטיקער עוואָלוציע פון יעדן גרויסן שעפערישן מענטשן.

קונסט־לשם־קונסט איז אַ פּאַטאַ מאָרגאַנאַ, באַזונדערס פאַרן יידישן קינסטלער. ביי יעדן גרויסן קינסטלער וועט איר געפינען די אידייע וואָס איז מער ווי אַלץ דאָמינירנדיק אין זיין שאַפן. ער האָט וויזיעס, רעיונות וואָס ער וואָלט געוואָלט זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין ממשות'דיקע רעאַ־ליטעטן . . .

אָבער ניט געקוקט וואָס מ'קאָן אָנווייזן אויף סתירות, אומפינקטלעכ־קייטן, דיסאָנאַנסן אין אַלמי'ס שאַפן, איז ער דאָך נישט קיין גייסטיקער שטאַמלער, קבצן. ער פאַרמאָגט: — אינטעלעקט, ערודיציע, לאָגיק, פאָלקסטימלעכע פשטות, ראַפינירטקייט. מיט איין וואָרט: — עסיי־איסטישע עשירות.

משה נאַדיר — מענטש פון קאָנטראַסטן

(1885—1943)

צווישן אונדזערע עסייאיסטן וועט זיכער משה נאַדיר פאַרנעמען אַ פּראָמינענט אָרט אין דער מזרח־וואַנט, כאָטש נאַדיר איז ניט געווען דורכ־אויס עסייאיסט. די עסיי איז ניט געווען זיין אייציקער מעדיום פון עקס־פּרעסיע. ער איז געקומען צום אויסדרוק דורך פאַרשיידענע קינסטלע־ריש־ליטעראַרישע פאַצעטן.

ער איז געווען דיכטער הגם ער האָט ניט דערהייבן זיין לירישן פערז צו מייסטערישער גרויסקייט. ער האָט אָבער אַריינגעבראַכט עפּעס אייגנ־אַרטיקס; אַן אינדיווידועלן נוסח אין אונדזער פּאָעטישער קונסט. זיינע בעלעטריסטישע און דראַמאַטישע פּרוואון האָבן געמיניעט מיט אַלע רעגן־בויגן פאַרבן פון אונדזער שפּראַך־אוצר. ער האָט פון אונדזער פאָלקס־לשון אַרויסגעצויגן די דינסטע, די צאַרטסטע, די איידלסטע ניואַנסן. ער האָט אויסגעזונגען די שענסטע סאָלאָס אויף אונדזער מאַמע־לשון יידיש. אָבער מ'קאָן פונדעסטוועגן ניט זאָגן, אַז משה נאַדיר האָט געשריבן גרוי־סע קינסטלערישע ווערק.

זיינע פאַרמעסטן זיינען בלי־שום ספק געווען קאָלאָסאַל, ריזיק, אָבער זיין טיפּאַזש איז אין תוך אַן אָרימער, אַ בלייכער, אַן איינגעשרומפּענער. ער האָט געהאַט אַ שאַרף אויג פאַר דאָס גראָטעסקע ביים מענטשן, אָבער דאָס אינערלעך־נשמה'דיקע האָט ער ניט באַנומען. ער האָט געזען דאָס דרויסנדיקע, אָבער איז געווען קינסטלעריש־אומבאַהאָלפן אַריינצודרינגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון זיינע העלדן־טיפּן. מ'געדענקט זיינע שפּראַך־איינפאַלן, חידושים, וואָרט־שפּילן, אָבער ניט די כאַראַקטערן פון זיינע ווערק, ווייל די טיפּן זיינע זיינען מאַריאָנעטן, ליימענע פיגורן; זיי פאַר־מאָגן ניט דעם „רוח החיים" פון לעבעדיקע מענטשן מיט מענטשלעכע באַגערן, באַגריפן.

זיינע העלדן זיינען עפּעס טראַגיש אין זייער עקזיסטענץ, ווייל זיי זיי־נען פּראָדוקטן, קינדער פון אַ טראַגישער פאַנטאַזיע וואָס האָט דאָס לעבן אויפגעפאַסט און אויפגעכאַפּט פון אַ סאַטיריש־פּעסימיסטישן קוק־ווינקל — דעריבער איינזייטיק־סוביעקטיוו און אויך ניט קינסטלעריש־רעאַליס־טיש.

ער האָט אַריינגעקנאָטן זיין אייגענע איך־נשמה אין זיינע פאַנטאַס־

טישע מענטשן־סילועטן. די געשטאַלטן וואָס ער האָט געמאָלן אויף זיינע לייוונטן זיינען געווען אַמנאָענטסטן צום קינסטלער אַליין. ער האָט זיך אַליין געזען אין קרומען־שפּיגל.

ער רייסט פּאַסן פון זיינע נעכטנס, פון זיינע פאַרגאַנגענע טעג. דער מאָרגן איז אומקלאָר, פאַרנעפּלט, פאַרצויגן מיט אַ וואואַל, פאַרשלייערט מיט מיסטישע געוועבן ; פאַרהאַקטע טורעם־שלעסער.

די ווערק, פּונקט ווי דער אויטאָר זיינען געווען איין שטיק כאַאָס. היינטיקע גלויבנס האָט ער מאָרגן שפּאָטיק און סאַדיסטיש פאַרמיסטיקט. פאַראומרייניקט. זיינע נעכטיקע פריינט, קאָלעגן, חברים זיינען אים מאָרגן געוואָרן ביטערע שונאים, אין וועלכע ער האָט אַריינגעצימבלט מיט דינע, נאַסע ריטער, אַז בלוט האָט געגומען שפּריצן פון זייערע אויפגע־שוואָלענע לייבער.

זיין אייגן שטעטל נאַראַיעוו, וואָס ער האָט היינט אַזוי ליריש באַזונ־גען און עס באַקראַנצט מיט די שענסטע פעלד־בלימלעך, האָט ער מאָרגן ציניש אָראָפּגעריסן. דאָס רוישיקע, מורמלדיקע טייכל פון זיין אידיליש־שטעטל וואָס ער האָט נעכטן באַקרוינט און די קרוין אַליין באַפּוצט מיט אַלערליי פאַרביקע אידלשטיינער, וואָס האָבן זיך געמיניעט אין דער מאָרגן־זון — האָט ער היינט עכ פאַרוואַנדלט אין אַ זומפּיקער בלאָטע וואָס פאַרפּעסטעט די לופט מיט אַ טויטלעכן געשטאַנק.

זיינע נעכטיקע אידייען־בריז׳ער פאַר וועלכע ער האָט געהאַט אַזוי־פיל שיינע, האַרציקע קאָמפּלימענטירנדיקע ווערטער — האָט ער מאָרגן אין זיי אַריינגעצילט זיינע גיפטיק־פאַר׳סמ׳ענדיקע שפּיזן. היינט האָט פון זיין פעדער געקאָנט טריפן האָניק און מאָרגן זאָל פון איר שפּריצן

ער איז געווען מענטש פון שטימונג, מענטש פון ווידערשפּרוכן, מענטש פון קאָנטראַסטן. ער איז געווען דער מענטש וואָס האָט אייביק געשפּילט טעאַטער און ווי דער אַקטיאָר־קינסטלער גענומען זיינע ראָלן טויט־ערנסט. ער האָט זיך טאַקע אַלעמאָל באַנוצט מיט אַנדערן גרים־און־מאַסקע — אָבער, אונטערן גוי׳ים איז ניט געווען קיין אַנדערער, פרעמדער מענטש.

ווען ער האָט געשפּילט די ראָל פון איוב, האָט ער זיך געפּייניקט, געקראַצט זיינע אייגענע וואונדן און געליטן ווי איוב. האָט ער געשפּילט די ראָל פון קלאָון, האָט ער פאַקטיש נישט געשפּילט נאָר געלעבט ווי אַ קלאַון. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און פון אַלץ און אַלעמען חוזק געמאַכט, געלעצעוועט ; זיך אַליין אויסגעפּייפט. ער איז אַרומגע־גאַנגען מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג, און אַפילו נישט פאַרדעכטיקט, אַז נאָענט־אייגענע מענטשן הייבן אים אָן אויסמיידן ; באַטראַכטן אים ווי גאַל.

אַן עקסצענטריש־אַבנאָרמאַלן סוביעקט. דידאַזיקע שטימונגען דריקט ער אויס אין אַ ליד „פון דער טיף" („האַמער", 1936).

. . . עס האָט אַמאָל געקאַפּעט
אין מיר שטילע רויזן
באַרנצוויט און נעלקן,
האַניקפלאַם און טרויבן, —
איז עס איצט פאַרגאַסן
מיט אַ גרויסער ווילדונג
און עס קוויטשען אין מיר
ווילדפייגל פון טויט . . .

באַדיר האָט אַמאָל געפּרואווט פלירטעווען מיט די לינק־קאָמוניסטי־שע עלעמענטן, אָבער ער איז דאָרט געווען טראַגי־קאָמיש אין זיין ראָל. ער האָט געזוכט געפעלן זיך צופּאַסן צו אַ באַשטימטן נוסח; מאַזאָכיסטיש געבייטשט זיין „רעאַקציאָנערע" פאַרגאַנגענהייט — אָבער, זיין צעצווייטע נשמה, זיין אינצוויייניקסטער „איך" האָט אים אַלעמאָל אָפּגעטאָן אַ שפּיצל... ער איז געווען אַ געבוירענער אינדיווידואַליסט און נישט קיין מענטש וואָס האָט געקאָנט גיין אין סטאַדע, זיך לאָזן צאַמען דורך פּאַרטיי־דיסציפּלין. ער זאָגט טאַקע זייער טרעפלעך וועגן זיך — „איך קעמף ווי אַ לייב — אָבער ווי שטענדיק אין מיינע קונסט־קאַמפן (אַפּנים דערפאַר, וואָס איך בין נישט צופיל פאַרגלויבט אין די געטיכעס פון קונסט) ווער איך אַנטשלאָפן אין סאַמע מיטן קעמפעניש . . . אַ לאַנגווייל פאַלט אָן, אַ נודנעקייט" . . .

„צו וואָס ? צו ווען ? ווּעמענס קונסט־משיח בין איך ? און דער קאַמף געניצט זיך אויס . . ." („טעג פון מיינע טעג").

אָבער ניט געקוקט אויף זיינע אידייאישע און איכישע איבערוואַנד־לונגען, ויתרוצו׳ס, טראַנספאָרמאַציעס — האָט דאָך אַרויסגעפינקלט, אַרויסגעלויכטן פון זיינע צעשויבערטע, ניט־אָרגאַניזירטע ליטעראַרישע שאַפונגען, אַ ליריש־פילאָזאָפישער שמייכל.

אין זיינע עסייען איז ער קלוג און שפּראַכלעך־דערפינדעריש. ער האָט אַלעמאָל אַזוי אויסגעדריקט אַ געדאַנק וואָס האָט אינטריגירט דעם לייענער; וואָס האָט גערעגט, סטימולירט צו אייגענעם זיך פאַרטראַכטן. ער האָט אַ סאָציאַלן געדאַנק באַנומען ריין אַפּריאָריש, אינטואיטיוו, אָבער ס'האָט איבערגעלאָזט דעם איינדרוק, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַן ערנסטן, טיפן דענקער־פילזאָף.

ער האָט אָפטמאָל מיט אַן אַפאָריזם, אַ פּאַראַדאָקס געטראָפן אין פּינטל פון דער אָדער יענער געזעלשאַפטלעכער געשעעניש. מיט איין פּאַראַגראַף אָדער סענטענץ איז אים אַמאָל געלונגען כאַראַקטעריזירן דעם אָדער יענעם ליטעראַרישן גאון. אָט זאָגט ער אויף זיין שפּילעוודיק־הו־

מאָריסטישן אופן וועגן שלום אַש'ן, „דער קוטנער יונג" גרייט זיך ארויס־צופירן די יידן פון מצרים . . . נאָר אים אַליין איז באַנג דאָס ביסל ראָסל־פלייש, די גוטע פיש מיט פעפער . . ."

„אַש האַלט מיך אונטערן אָרעם און דערציילט מיר זיינע פּלענער פאַר אַ גרויס ווערק: פאַרשטאַיסט, רייזען וויל איינגעמען איסט־בראָד־ווײ . . . באַ מיר איז דאָס אויף אײן צאָן . . . יאָך דאַרף די גאַנצע וועלט אָף איבערצודרייען זעך אָף דער אַנדערער זאַט. אַנישט איז מיר ענג . . ."

טרעפלעך און כאַראַקטעריסטיש פאַר שלום אַש'ן דעם קינסטלער וואָס האָט זיך אַלעמאָל געריסן צו דער גרויסער וועלט.

אָפטמאָל האָט ער זיך אין זיינס אַ פעליעטאָנדל אָדער עסיי געקאָנט אַזוי צעזינגען, אַז אייך האָט זיך געדוכט, אַז איר זיצט ביים פאַרקן פון גן־עדן און הערט אַן אָפקלאַנג, אַן עכאָ פון דעם אַלטן גרייזן קוהלת . . . איר באַוואונדערט זיין ליריש־פילאָזאָפישן שמועס וועגן דעם הבל־הבלים פון לעבן, ווייל דאָ האָט זיך פאַר אייך אַנטפּלעקט די אמת'ע נשמה פון משה נאַדיר'ן. דאָ איז ער געווען אין זיין עלעמענט. ס'איז ניט געווען בלויז פאָרמאַליזם.

אָט מעדיטירט ער נאָקטורניש אין זיינס אַ מעמואַר־עסיי — „און אַז דו ביסט זעקס מאָל אַרומגעגאַנגען דעם קליינעם ראָד־צייכן פון דעם מענטשלעכן לעבן, וואָס האָסטו אויסגעלערנט מיין ברודער? דו האָסט אויסגעלערנט, אַז פייער בריט און וואַסער — לעשט. אַז די זון קאָן מען אין דער זשמעניע אַריין נישט נעמען . . ."

ער שרייבט וועגן פּרצ'ן — „פּרץ טוט־אָן אויפן בייטש־שטעקעלע אַ לאַנגן בליץ און עס ווערט ליכטיקער אין דעם שטיקל אַרומגעוויינטן „גלות" . . . איז אָט־דער אַפאָריזם איבער פּרצ'ן ביז גאָר כאַראַקטעריס־טיש פאַר נאַדיר'ן אַליין. איבער אַלע זיינע חכמות און קלוגשאַפטן האָט אַרויסגעבליצט דער שפּראַך־וויר־טואָז. זיינע שפּראַך־חידושים האָבן ווי אמת'ע בריליאַנטן אַרויסגעלויכטן פון אונדזער פינצטערניש. מ'וועט זיי־נע שפּראַך־אוצרות אויפהיטן אין אונדזער ליטעראַרישן שאַץ־קאַמער. ער וועט נאָך פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָר'ן בלייבן ביי אונדז דאָס קאַפּריזנע וואונ־דער־קינד.

אַ רוף פאַר אַ סאָציאַל־רעליגיעזן סינטעז

(נאָטיצן וועגן וו. נאַטאַנזאָנ'ס בוך „צו דער רעוויזיע פון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן געדאַנק")

נאַטאַנזאָנ'ס שטעלונג צו די פּראָבלעמען, וואָס ער באַהאַנדלט אין זיין בוך „צו דער רעוויזיע פון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן געדאַנק", איז ניט אינגאַנצן ביי פאַר די, וואָס געדענקען זיין גרעסער ווערק „קולטור און ציוויליזאַציע". דאָרטן רעדט ער אין מער אַלגעמיינע טערמינען וועגן דער העסלעכקייט פון דער מאַטעריאַליסטישער שיטה, וואָס איר ענד־ציל איז: די ציוויליזאַציע. ציוויליזאַציע — דענקט נאַטאַנזאָן — אַלץ איינס אונטער וואָס פאַר אַ פּאָליטישן רעזשים זי אַנטוויקלט זיך, דריקט זיך אויס אין אונטערטעניקן דעם מענטשן צו דער רויער מאַ־טעריע, צו דעם פעטיש, — צו דער טויטער מאַשין.

דעם באַגריף „קולטור" שטעלט ער אַוועק אַלס דעם אַבסאָלוטן ענטפער אויף די וויכטיקסטע וועלט־פּראָבלעמען; אַלס די דערליי־זונג פון דעם ליידנדיקן און אונטערדריקטן אין דער מענטשלעכער גע־זעלשאַפט.

אָבער דער רעליגיעזער באַגריף, ריכטיקער — די רעליגיעזע רע־וויזיע פון ראַדיקאַלן געדאַנק, — איז נאָך אין יענעם מייסטערהאַפטן ווערק ניט בולט גענוג. הגם ער וויקלט שוין דאָרט אין זיינע אַקסיאָ־מאַטישע אויספירן אין מעטאַפיזישע שלייערן. ער פּרוּווט אָפּשלאָגן און אָפּשרייען די פּראָפעסיאָנעלע אַפּיקורסים און אייביקע גאָט־לעס־טער, און באַפעסטיקט די פאַנטעאיסטישע פילאָזאָפיע וועגן דער סוב־סטאַנץ פון וועלט און מענטש. כדי צו באַגרינדן דעם ענין אַטריבוטן פון גאָט, באַנוצט ער זיך מיט די אַרגומענטן פון דער אידעאַליסטישער שיטה אין דער פילאָזאָפיע. אָבער, ווי באַמערקט — איז זיין רעליגיעזע רעוויזיע פון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן געדאַנק דאָרט נאָך ניט אויסגעפאָר־מירט ברייט גענוג, טראָץ איינצלנע רמזים און אָנדייטונגען.

קלאָרער און שאַרפער וועגן דעם דאָזיקן פּראָבלעם טרעט נאַטאַנזאָן פאַר אונדז אַרויס אין זיין דערמאָנט ביכל. עס איז אפשר אַ סך־הכל פון זיין בוך „קולטור און ציוויליזאַציע" איבער דעם ספּעציפישן גע־ביט, וואָס איז נאָך דאָרטן ניט קלאָר אַרויסגעבראַכט. נאָך אַן אייגנ־

שאַפט האָט זיין נייע שריפט, וואָס אין איר איז דער מחבר מער ספּעצי־פיש־יידיש. זיין באַנעם איז אַ טיפערער און דורכדרינגלעכער אַנאַליז פון דעם יידיש־רעליגיעזן לעבן. ער טוט טיף זיך אַריינגריבלען אין דער אייגנאַרטיקייט פון דער יידיש־רעליגיעזער וועלט פון פאַרשיידענע פאַרגאַנגענע דורות, און ציט נאָכדעם פון זיין אַנאַליז אַ ריי לאָגישע קאָנסעקווענצן.

איך בין שטאַרק מסופק, צי נאַטאַנזאָן וואָלט אינדאָרסירט דאָס אויסלעבן־זיך אין אַנדערע ניט־יידישע רעליגיעזע ספערן. די יידישע נבואה וויל ער מאַכן פאַרן אייגנטום פון דער מענטשהייט, דורך דער תורה לייזן די מענטשהייט־פּראָבלעם. אין דער וויטערדיקער אַנט־וויקלונג פון דער יידיש־רעליגיעזער דאָקטרין זעט ער אַ לייזונג און אַ דערלייזונג פאַר דעם אייגענעם פאָלק און — פאַר דער מענטשהייט. ער זעט אין דער יידישער רעליגיע, ווי זי איז פאַרקערפּערט אין די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון תורת־משה און אין דעם גייסט פון די נביאים, דאָס ליכט ניט נאָר פאַר זיין פאָלק, נאָר פאַר אַלע אומות און לשונות. ער וויל די יידישע רעליגיע פאַראַלמענטשלעכן, פאַרוואַנדלען זי אין „גאולה" פאַר אַלע ליידנדיקע.

איז נאַטאַנזאָן ניט סתם פון דער העלער הויט געוואָרן אַ פּרעדיקער פון רעליגיע. זיין אינעווייניקסטער לעבן האָט דורכגעמאַכט אַן ערנסטע עוואָלוציע ביז ער איז געקומען צו זיין רעליגיאָזיטעט. ער זעט, אַז דאָרטן וואו מען ליאַרעמט און מען פאַרטומלט די מוחות ביי יעדער געלעגנהייט און ביי יעדער נישטיקער געשעעניש, וועגן גלייכקייט און גערעכטיקייט פאַר אַלעמען — איז עפּעס צו פאַרדעכטיקן . . . „הפקר, הפקר און הפקרות — פליקט די בערד פון אַלע דורות", ציטירט ער אַ סטראָפע פון לייוויק'ס „גאולה קאָמעדיע", כדי צו אילוסטרירן זיין חשד. זיי רעדן כלומרשט וועגן גערעכטיקייט, און אַלע רשעות און געמיינהייטן שפּרייטן זיך אויס אין זייער וועלט. זיי האָבן דערצויגן אַ דור פון הפקרות וואָס האָט ניט דעם מינדסטן רעספּעקט פאַר זיין אַמאָל . . .

ניט נאָר די הפקרות פון דער ראַדיקאַלער וועלט האָט נאַטאַנזאָנ'ען געבראַכט צו דער אַנערקענונג פון דער רעליגיעזער און טראַדיציאָנעלער וועלט־אַנשויאונג פון יידנטום, נאָר אויך די איצטיקע קאַטאַסטראָפאַלע צייט, אין וועלכער דאָס יידנטום ווערט געדראָט מיט אונטערגאַנג. „ווי־דשע זאָלן מיר איצט רעאַגירן אויף דער דראָאונג פון קאַטאַסטראָפע?" פרעגט נאַטאַנזאָן, און ער ענטפערט: „מיר דאַרפן און מיר זאָלן איצט טאָן וואָס אונדזערע אבות האָבן אַמאָל געטאָן. אונדזערע אבות האָבן אין די קאַטאַסטראָפאַלע צייטן פון דאָס ניי געבויט אויף די אויסגעפּרוּווטע,

אומצעשטערבאַרע אַלטע רעליגיעז־קולטורעלע יסודות, זאָלן מיר דאָס זעלביקע טאָן אויך איצט!" (ז. 24). ער ווייס, אַז דאָ ווערט געשטעלט אַ פראַגע: אויב מיר קערן זיך צוריק צום אַלטן טראַדיציאָנעלן יידנ־טום, איז עס נויטווענדיק אַז די ראַדיקאַלע וועלט זאָל זיך אידענטיפיצירן מיט די קאָנסערוואַטיוו־רעאַקציאָנערע כוחות פון אונדזער פאָלק? אויף דער דאָזיקער פראַגע ענטפערט נאַטאַנזאָן: „יעדעס פאָלק אין דער וועלט איז היינט צו טאָג איינגעטיילט אין צוויי טיילן, אין צוויי שאַרף זיך דיפערענצירנדיקע גרופעס. קלאָר און פעסט איז דער אונטערשייד פון די געפילן און אנשויאונגען פון די דאָזיקע גרופעס אויף די שייכות'ן צווישן מענטש און מענטש אין דער געזעלשאַפט, און, ממילא שוין אויך אויף די שייכות'ן פון מענטש צו דער וועלט אַרום אים און צו גאָט און אַלץ איבער אים. די אָרגאַנישע געבונדנקייט צווישן די טיילן פון פאָלק צוליב זייער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט קאָן ניט און זאָל ניט אָפּמעקן און אָפּווישן די דעמאַרקירנדיקע ליניע פון זייער סאָציאַלער און קאַס־מישער אַנדערשקייט".

צי איז נאַטאַנזאָן גרייט אָננעמען דאָס יידנטום ווי עס ווערט פּאַרי־שטאַנען און אויפגעפאַסט אין דער פרום־קלעריקאַלער וועלט? ניין: „די קולטור, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן, מיינט צו אונדז, ראַדיקאַלן, ניט דאָס זעלביקע וואָס זי מיינט צום ניט־ראַדיקאַלן טייל פון יידישן פאָלק. פאַר אונדז, למשל, זיינען פון דער גרעסטער וויכטיקייט די נביאים מיט זייער פאָדערונג פאַר גערעכטיקייט און ניט די כהנים מיט זייער הנאה האָבן פון בראַנד־אָפּער, שפייז־אָפּער און פריד־אָפּער... און ווי מיט די נביאים, אַזוי מיט דער תורה און מיט כתובים, אַזוי מיט דעם תלמוד און מיט דעם זוהר און אַזוי מיט דער יידישער פילאָזאָפיע און פאָעזיע פון מיטלאַלטער — קורץ, אַזוי מיט אַלע יידיש־רעליגיעזע, פילאָזאָפישע און פאָעטישע שאַפונגען פון דער צייט, ווען עס איז גע־וואָרן אַ יידיש פאָלק, ביז אויף היינטיקן טאָג. פאַר דעם ראַדיקאַלן טייל פון יידישן פאָלק קאָנען זיי ניט באַדייטן דאָס זעלביקע, וואָס פאַר דעם ניט ראַדיקאַלן. אַלץ וואָס איז צום קאָנסערווירן, מוז אין דערזעלביקער צייט ווערן דינאַמיש, קרעפטיק און פריש מיט לעבן. אַלץ מוז פון צייט צו צייט אין אַ ניי ליכט געשטעלט ווערן. אַפילו דער ראַדיקאַליזם גופא, ווען ער ווערט קאָנסערוואַטיוו". (ז. 27).

און וואָס איז מכוח דעם סאָציאַלן איינשטעל און דער געזעלשאַפט? איז נאַטאַנזאָן צופרידן מיט דעם איינשטעל, ווי ער איז איצט, אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם? אויף דעם ענטפערט נאַטאַנזאָן מיט אַ שאַרפן און פעסטן נ י י ן!... מיר מוזן רייניקן אונדזער ראַדיקאַליזם פון זיין גאַרניט געבנדיקער און גאַרניט זאָגנדיקער ראַדיקאַלעכץ. מיר

ווילן אָבער ניט און מיר דאַרפן בשום־אופן אים ניט רייניקן און אים חלילה ניט אויסליידיקן פון דעם אידעאַל פון אַ סאָציאַלן איינפיר" . . . (ז. 27). „דער סאָציאַלער אידעאַל אָבער דאַרף עטיש פאַרטיפט און רעליגיעז דערהייבן ווערן". (ז. 28).

צי וועט די פרומע קאָנסערוואַטיווע וועלט אויפנעמען נאַטאַנזאָנ'ס רעליגיעזן רוף איבערצובויען די אַלטע יידישע קולטור־יסודות, ווי ער פרעזענטירט זיי? אויף דער דאָזיקער פראַגע קאָן מען ענטפערן מיט אַ זיכערן ניין. נאַטאַנזאָן איז בכלל אָבער ניט פאַראינטערעסירט אין דעם דאָזיקן טייל פון יידנטום, הגם — ווי ער באַמערקט מיט די ווער־טער פון שטיינבערג — „אַז אַ פאָלק הייסט ניט דווקא די אַרבעטער", אָבער צו יענע מיליאָנען אומבאַקאַנטע טרעגער פון יידישן שיקזאַל, וואָס געהערן ניט צום פּראָלעטאַריאַט, האָבן מיר ניט קיין דירעקטן צוט־ריט . . . זיין אויפרוף צו רעליגיעזער אויפוואַכונג און רעוויזיע איז הויפּטזאַכלעך געווענדט צו די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע עלעמענטן, און אויך זיי וועלן ניט גרייט זיין גלייך צו אַקצעפּטירן אַלע אויספירן פון נאַטאַנ־זאָנ'ס ווערק. אָבער עס איז זיכער אַז זיין בוך וועט איבערלאָזן שפּורן און וועט געוויס אַרויסרופן אַ נייע ווענדונג אין די יידיש־פּראָגרעסיווע קרייזן אין שייכות צו די פּראָבלעמען וואָס נאַטאַנזאָן באַהאַנדלט. ווייל עס איז שוין היינט קלאָר, אַז וואָס מער די מאָדערנע נאַטור־וויסנשאַפט אַנטוויקלט זיך, אַלץ מער פּלאַץ שאַפט זי פאַר דעם „ספּעקולאַטיוון" געדאַנק, וואָס זיין מהות איז אייגנטלעך דאָס אינטואיטיווע באַנעמען פון פּראָבלעמען און קאָמפּליקאַציעס.

אַזוי האָט מען שוין מיט יאָרן צוריק גערעדט מיט אַבסאָלוטער איבערצייגונג וועגן דער באַגרינדונג פון די אוניווערסאַלע קערפּערס; אַזוי האָט מען געדענקט אַז מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער פּסיכאָאַנאַליטישער וויסנשאַפט קאָן מען שוין אַריינדרינגען אין די „צעלן" פון דער מענטשלעכער נשמה און דערגיין אַלע פּסיכישע דערשיינונגען און זייערע סיבות, וואָס זיינען פאַר דעם נאָקעטן אויג ניט־צוגענגלעך. אָבער טראָץ די אַלע פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונגען אויף די פאַרשיידענע געביטן פון וויסנשאַפטלעכן דענקען, קאָן מען מיט די אַלע לאַבאָראַטאָרישע עקספּערימענטן ניט דערגיין צו דער סובסטאַנץ פון וועלט, גאָט און מענטש. ווי זאָגט דאָס מאַקס נאָרדוי? — „אַזוי ווי מען קאָן נישט מיט אַ שליסל פון אַ זייגער עפענען אַן אייזערנע טיר, אַזוי קענען מיר ניט מיט אונדזער וויסנשאַפט באַגרייפן די רעטענישן פון דער וועלט; עפּעס איז פאַראַן וואָס בינדט אַלץ צוזאַמען, נאָר אונדזער שכל באַגרייפט עס נישט" (פּאַראַדאָקסן).

אָט צו „דעם עפּעס וואָס אונדזער שׂכל באַגרייפט נישט" רופט אונדז נאַטאַנזאָן זיך צו דערהייבן.

זיין בוך וועט געוויס סטימולירן, רעגן אונדזער אינטעלעקטועלן ניי־גיר זיך צו פאַרטראַכטן און איבערטראַכטן. דאָס אַליין וועט שוין זיין אַ ווירדיקע באַלוינונג פאַר נאַטאַנזאָנ'ס אַרבעט.

1935

אַ טענדענציעז געשיכט-בוך

(וועגן קלמן מרמרים בוך „קלאַסנקאַמף אין אַלטערטום")

קלמן מרמר, אין זיין בוך „קלאַסנקאַמף אין אַלטערטום", פּרעטענ־דירט צו געבן אַ געשיכטלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן יענע עפּאָכן, ווען דער מענטש האָט אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון זיין אור־פּרימיטיוון לעבנס־שטייגער און אַריין אין וויגעלע פון קולטור־ציוויליזאַציע. וואָלט דאָס געווען אַ פיינע אַרבעט, און וואָלט פאַרדינט אַ געהעריקע אָפּשאַצונג, ווייל דער מחבר גיט אונדז אויף אַ קאָנצענטרירטן אופן אַ מאַסע היסטאָרישע פאַקטן, וואָס זיינען זייער באַלערנדיק. ווען דער מחבר וואָלט, אָבער, ניט געפּרוּווט אַריינפלעכטן אין בוך זיין קאָמוניסטישע איעדאָלאָגיע. ווען דער מחבר פּרוּווט אונדז דערציילן וועגן: סטרייקס, סטרייק־פירער, דעמאָנסטראַציעס, אַרביטער־יישאָן און אַז. וו." פאַרשטייען מיר זייער גוט זיינע מאָטיוון פאַר באַנוצן אָט־די טערמינען. ערשטנס, האָט ער געוואָלט מאַכן זיין ווערק צוגענגלעך צו דעם „אָרעמען פּראָלעטאַרישן קלאַס"־לייענער, פאַר וועמען דאָס בוך איז געשריבן, ווייל די דאָזיקע מענטשן קענען זיך ניט באַנוצן מיט אַנדערע מקורות פון געשיכטלעכער פאָרשונג. און צווייטנס, האָט ער געוואָלט אַריינבראַקן זיינע פאַרטייאישע סימפּאַ־טיעס.

צו שרייבן וועגן אַ באַוואוסטזיניקן „קלאַסנקאַמף" פאַר יענער צייט, ווען דאָס לעבן האָט נאָך ניט געהאַט קיין באַשטימטע קלאַסן־דיפערענצי־אירונג, איז ממש אַן אַבסורד. אַפילו ווען דער מחבר באַנוצט זיך מיט דער מאַטעריאַליסטישער געשיכט־אויפפאַסונג, איז ער אין דעם פּרט גאָר ניט קיין אויסגעהאַלטענער מאַטעריאַליסט, ווייל, לויט מאַרקס'ן, האָט זיך יעדע געשיכטלעכע עפּאָכע אירע געזעצן, איר אַרט דענקען און טענ־דענצן א.אז.וו. און, ועל־פּי מאַרקס, קאָן מען ניט מעסטן אַלע געשיכטלע־כע עפּאָכן מיט איין מאָס, מיט איין וואָג.

מיר בלעטערן דורך די עטלעכע עפּיזאָדן, וואָס דער מחבר גיט אונדז וועגן דער יידישער געשיכטע, ווערט נאָך קלאָרער און בולט'ער זיין טענ־דענציעזער באַנעם. צום ביישפּיל: דער שטרייט פון די גרויסע שריפט נביאים עמוס, ישעיה, ירמיה, מיט די קעניגלעכע הויפן, איז לויטן מחבר'ס אויפפאַס, אַ קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט קעגן דעם אַדעליקן און

רייכן קלאַס ; אַ קאַמף פון פויערים קעגן גוט־באַזיצער. ניט נאָר דאָס, נאָר אויך אַ קאַמף פון פּראָלעטאַרישן גאָט „יהוה", מיט דעם לאָקאַל־פּאַטריאַטישן גאָט „בעל", וועלכער איז נאָר צוגעבונדן צום יידישן לאַנד, און באַשיצט נאָר זיין יידישן פאָלק . . .

איז, ערשטנס, שטימט דאָס ניט מיט דער היסטאָרישער רעאַליטעט, ווייל לויט די מיטאָלאָגישע מקורות, די איינציקע וואָס קאָנען פעסט־שטעלן דעם אמת'ן מצב פון יענער צייט, איז „יהוה" ניט נאָר געווען דער גאָט פון אַ געוויסער קאַסט, שבט, נאָר ער האָט געהערט דעם גאַנצן פאָלק. און, צווייטנס, דער פּראָלעטאַריאַט דינט דאָך ניט קיינע געטער . . . און אַלס באַוויז ברענגט ער דאָך אַ ציטאַט פון עמוס'ן ווי ער זאָל האָבן גע־זאָגט : — „אַ פלוך דער רעליגיע" (אָגב ביי עמוס'ן געפינט זיך ניט אַזאַ אויסדרוק).

לאָמיר, בכן, אַנאַליזירן די נביאים־עפּאָכע וועגן וועלכער דער מחבר שרייבט און זען, צי זיי זיינען נאָר געווען פאָרשטייער פון אַ באַשטימטן קלאַס און צי האָט זייער מאָראַל־עטישע לערע זיך נאָר באַזירט אויף דער מאַטעריעלער עקזיסטענץ.

ווען מיר בלעטערן דורך די נבואה־ליטעראַטור געפינען מיר ביי עמוס'ן אַזאַ מין אויסדרוק : קומען אָן טעג, זאָגט דער געוועלטיקער יהוה, און איך וועל שיקן אַ הונגער און דורשט אויף דאָס לאַנד, נאָר ניט קיין הונגער נאָך ברויט, און ניט קיין דורשט נאָך וואַסער—נאָר אַ דורשט צו הערן דאָס וואָרט פון „יהוה". אַט אין דעם דאָזיקן זאַץ ליגט די קווינטעסענץ פון דעם נביאים־גייסט. זיי האָט ניט נאָר שטאַרק ווייי גע־טאָן די סאָציאַלע אומגערעכטיקייט, — הגם זיי האָבן מוטיק געקעמפט קעגן די אונטערדריקער און לאַנד־באַזיצער צוליב זייערע אכזר'ישע אַפּעטיטן. זייער קאַמף איז אויך געווען אַ רעליגיעזער. זיי האָבן גע־וואָלט דערהייבן דעם „יהוה'יזם" צו דעם העכסטן מאָראַל־עטישן פונקט. זייער קאַמף איז געווען, הויפּטזאַכלעך, קעגן די גאָט־לעסטערער, קעגן דעם דעמאָראַליזירנדיקן גייסט פון דעם אַריינדרינגענדיקן היידנישן גאָט „בעל", וואָס האָט פּאַראומרייניקט גאָט'ס טעמפּלען, און צעשטערט גאָט'ס הייליקייט . . . זייער קאַמף איז ניט געווען דער זעלביקער וואָס עס האָבן שפּעטער געפירט די גריכן, אָפּגעבנדיק זיך „נאָר צו באַפרידיקן דעם מאָגן". זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די פעלקערלעכע עקזיסטענץ קאָן האָבן אַ קיום ווען זי איז באַזעלט פון אַ הייליקן אידעאַל. אַ דאַנק אַ ט־ד ע ר עטיק זייערער האָלט זיך נאָך דאָס יידישע פאָלק אויף נאָך טויזנ־טער יאָר מאַרטירערשאַפט.

איבערגייענדיק צו דער עפּאָכע פון די ערשטע יידן־קריסטן, פּרוּווט

דער מחבר אידעאַליזירן דאָס געשטאַלט פון יעזוס'ן, אַלס אַן אמת'ן פּראָלעטאַרישן קעמפער, הגם ער באַטאָנט דאָס אַרום אים האָבן זיך קאָנצענטרירט לומפּן־פּראָלעטאַריער, בעטלער, רויבער און אַנדערע ענלעכע עלעמענטן. אַט־דער לומפּן־פּראָלעטאַרישער עלעמענט האָט ניט געהאַט קיין סימפּאַטיע פאַר אַזאַ קאָמוניזם, ווי דער פון די אסיים. שפּעטער פאַראייניקן זיך אַט־די אַלע לומפּן־פּראָלעטאַריער מיט די אסיים, נזירים און אַנדערע נאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערן, און זיי שטרעבן צו איין אידייע פון אַ גאָט'ס־מלוכה אויף דער ערד . . . דער מחבר ווערט דאָ באַגייסטערט פון דער גרויסער מענטשן־מאַסע, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום יעזוס'ן, אָבער ניט פון זיינע אידייען, ווייל פאַקטיש האָט נוצרי געפּרעדיקט די הימלשע מלוכה, וואָס דאָס איז אין ווידערשפּרוך צו די דעמאָלטדיקע יידישע באַגריפן, און דעריבער האָבן זיי פריער אָדער שפּעטער געמוזט איבעררייסן דעם בונד פון יידיש'ן שטאַם און שאַפן אַ צווייטע אמונה.

אין אַנדערע פלעצער, וואו ד'ער מחבר וויל ניט ברעכן זיין מעטאָדישן צוגאַנג און מאַטעריאַליסטישן אויפפאַס פון געשיכטע, געפינען מיר אויך ווידערשפּרוכן. צום ביישפּיל, ווען ער רעדט וועגן האַמוראַבי'ס קאָדעקס פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן אין עגיפּטן, זאָגט ער: „דער געדאַנק, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך און קענען געניסן גלייכהייט, איז אויסגעוואַקסן אין לאַגער פון די אונטערדריקטע". דאָ פאַרשטייט זיך, אַז ער וויל אַרונטעררייסן דעם מחבר פון קאָדעקס, אויפן גרונט וואָס ער (האַמוראַבי) איז אַ קעניג און איז פון דעם הערשנדיקן קלאַס. קומט ער אָבער אויף אַן אַנדער אַרט און מאָלט אונדז אויס די עפּישע פיגור פון משה'ן, און באַטיטלט אים מיט ניט קיין אַנדערן נאָמען ווי „אַ רעוואָלוציאָנער פון אָרעמען יידישן פּראָלעטאַריאַט . . ." וועלכער באַפרייט דאָס יידישע פאָלק פון דער עגיפּטישער שקלאַפעריי און קנעכטשאַפט . . . דערציילט דאָך דער מיטאָס, אַז משה איז דער'צויגן געוואָרן אין הויף פון קעניג, און גאַנץ פאַרשטענדלעך, מיט אַ „בורזשואַזער פּסיכאָלאָגיע" . . . דערצו זאָל ער נאָך שטאַמען פון עפּעס אַ פּריסטער־משפּחה. עס איז בכלל היסטאָריש פאַלש, אַז גערעכטיקייט איז פּסיכאָלאָגיש אַ דירעקטער אַרויסוואוקס פון אונטערדריקטן קלאַס, ווייל ס'רוב פון די מאַטעריאַליסטישע טעאָרעטיקער, ווי מאַרקס, ענגעלס, לענין, קראָפּאָטקין; קאַוטסקי; פּלעכאַנאָוו; טראָצקי, וועלכע האָבן געפּרעדיקט סאָציאַלע גערעכטיקייט — שטאַמען פון רייכע, פּריצישע היימען און האָבן פאַקטיש קיינמאָל ניט פאַרזוכט דעם טעם פון פיזישער פאַרשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע.

פון די איניקע נאָטיצן קאָן מען סומירן, אַז דאָס בוך איז הויפּטזאַכלעך געשריבן צוליב אַ געוויסן טענדענציעזן ציל, וואו ק. מרמר וויל

אַריינפלעכטן זיינע פּאַרטייאישע טעאָריעס און השערות. ה׳ מרמר׳ן גייט וויניק וואָס אָן היסטאָרישע אָביעקטיוויטעט. ער קוקט אויף יענער צייט ווי זי וואָלט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אונדזערע טעג, ווי דאָס אַלץ וואָלט פּאַסירט ערשט נעכטן. זיין מעטאָד איגנאָרירט די עלעמענטאַרסטע כללים פון סאָציאָלאָגישן און היסטאָרישן אַנאַליז און דעריבער קאָן זיין ווערק ניט באַטראַכט ווערן אַלס אַ באַגרינדעטע אויספאָרשונג, הגם דער מחבר האָט אָנגעשריבן אַ בוך פון איבער 400 זייטן, מיט פיל ציטאַטן און פאַקטן וועגן יענער צייט.

איז עס די מאַטעריאַליסטישע דיאַלעקטיק און די אַזוי־גערופענע „פּראָלעטאַרישע קולטור״, וואָס דיקטירט דעם פאָרשער ניט צו גיין אין דער ליניע פון אָביעקטיווער שטודיע, נאָר צוצופּאַסן די פאַקטן צו זיינע אויספירן און צו זיין פּאָליטישער קלאַס־אָנגעהעריקייט? מען מעג, ווי ס׳זעט אויס, לשם פּראָלעטאַרישער קולטור איבערדרייען היסטאָרישע פאַקטן מיטן קאָפּ אַרונטער, כדי עס זאָל זיך צופּאַסן צו דעם געשמאַק פון די „פּראָלעטאַרישע קולטוריסטן״, וועלכע נעמען זיך ניט שטאַרק צום האַרצן ווען די „בורזשואַזע״ קריטיקער וועלן זיי באַצייכענען אַלס „גע־שיכטע־פעלשער...״

1933

וואָרט

יודאַיזם ווערסוס פּאַגאַניזם

I

דאָס איז געווען אין דריטן יאָרהונדערט פאַר דעם קריסטנטום, ווען דער גרויסער אלכסנדר מוקדון, האָט מיט זיינע חיילות אַריינגעדרונגען אין נאָענטן מזרח. דעמאָלט האָבן די העלענער פאַרשפּרייט זייער מיטאָ־לאָגיע, פילאָזאָפיע, עסטעטישע קונסט און זייערע טעאַטראַלישע ספּאָרט־קאַרניוואַלן צווישן די יידן. געוויס האָבן זיך געפונען שוואַכע כאַראַק־טערן, פאָלק־פאַררעטער — פּונקט ווי מיר קאָנען זיך אָנשטויסן אויף די דאָזיקע רענעגאַטן אין אונדזערע טעג — וואָס האָבן איבערגענומען די נייע דרכים פון דער גריכישער קולטור.

אָבער די וועלכע זיינען געווען באַזעלט פון די אידעאַלן פון יידנטום, זיינען ניט געווען גרייט צו פאַרשאַכערן זייער אמונה אויף האַלצענע געצקעס. זייער גלויבן איז סטימולירט געוואָרן דורך אַן אַלטן זאָג פון נביא עמוס: — „קומען אַן טעג, זאָגט דער געוועלטיקער יהוה, און איך וועל שיקן אַ הונגער און אַ דורשט אויף דאָס לאַנד — נאָר ניט קיין הונ־גער נאָך ברויט, און ניט קיין דורשט נאָך וואַסער — נאָר אַ דורשט צו הערן דאָס וואָרט פון יהוה . . .” יאָ, דער דאָזיקער נביאים־גייסט האָט זיי געגעבן לעבנס־קראַפט אַנצוהאַלטן אונדזערע עטישע לערן און זיך ניט לאָזן באַהערשן פון פרעמדע געטער און פרעמדע תורות. זיי זיינען פּאָ־ליטיש געווען אונטערטעניק, געדינט דעם גריכישן אימפּעראַטאָר, אָבער די גריכישע לעבנס־פילאָזאָפיע, האָבן די יידן פאַר׳עקשנ׳ט צוריקגעוויזן. עס האָבן זיך געשאַפן פּאַטריאָטישע קרייזן, וואָס האָבן געבראַוזט מיט רעוואָלט קעגן גריכנטום — און די דאָזיקע לאָיאַלע זין פון יידישקייט, אונטער דער לייטונג פון זקן מתתיהו האָבן זיך געלאָזט אויפן מאַרטירער־וועג.

ניין, עס איז אונדז ניט געגאַנגען אין דעם וואָס מיר זיינען פּאָליטיש געווען אונטערטעניק, נאָר אין דעם וואָס די גריכן האָבן אַ נייע פילאָזאָפיע מיט געוואַלד געוואָלט אויף אונדז אַרויפצווינגען. דאָס יידישע פאָלק האָט ניט געקאָנט אָננעמען דעם לעבנס־וועג פון די העלענער וואָס האָבן באַרעכטיקט שקלאַפעריי, אַלס אַ לעגיטימע אינסטיטוציע אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן. זיי האָבן זיך ניט געקאָנט אונטערגעבן דער פּעסימיס־

טיש־סקעפּטישער פילאָזאָפיע.

דער באַגריף „גוט" אין דער גריכישער פילאָזאָפיע איז אַ רעלאַטי־ווער. ביי די יידן איז דער דאָזיקער באַגריף אַן אַבסאָלוטער, ווייל זייער גאַנצער וועלט־באַנעם פון „גאָט־וועלט־מענטש" שטראַלט אַרויס פון דער דערקענטעניש פון „גוטס" און ניט פון „שלעכטס".

פונקט דאָס זעלביקע געשעט אין שפּעטערדיקע דורות ווען רוים דרינגט אַריין אין אונדזער לעבן. דאָס וועלן אונדז גייסטיק באַהערשן געפינט דעם העפּטיקסטן ווידערשטאַנד מצד דעם יידנטום. די היידנישע רוים צעשמעטערט די אומאָפּהענגיקע פּאָליטישע מאַכט פון די יידן — אָבער אונדזער גייסטיק לעבן האָבן זיי ניט געקאָנט פאַרניכטן. יאָ, דער קאַמף צווישן „רוים און ירושלים" ווערט דער אייביקער סימבאָל פון יידישן קאַמף מיט די וועלט־באַצווינגער . . .

זייט יענעם קאַמף מיט טיטוסעס אַרמייען פאַרלירט דער ייד זיין לאַנד, זיין פּאָליטישער כוח הייבט אָן איינגעטריקנט צו ווערן. מ'פּרואווט דאָס יידישע לאַנד פון דער וועלט־געאָגראַפישער מאַפּע אָפּמעקן. דאָס יידישע ארץ־ישראל קריגט פאַרשיידענע נעמען און פאַרשיידענע הערשער. אָבער ארץ־ישראל איז טיף איינגעבאַקן אין די הערצער פון יידן — און זייער לעכצעניש נאָך זייער פאַרלירן לאַנד ווערט ניט אָטראָפירט.

וואָס מער צרות און פּורעניות דאָס פאָלק ישראל איז אויסגעשטאַנען אויף זיין וואַנדערוועג אין גלות, אַלץ מער פאַר'עקשנ'ט ווערט זיין האָפענונג און לעכצעניש נאָך דעם לאַנד וואו די שכינה האָט זיך אַנט־פּלעקט צו אים . . .

דאָס קריסטנטום, וואָס קומט ברענגען ליבע צום מענטשן, ווערט באַלד ביי זיין וויגעלע־פעריאָדע גענומען אונטער אַ פאַרדאַכט מצד די יידישע גייסטיקע פירער. זיי קאָנען ניט באַגרייפן די לאָגיק פון אַ גאָט אין דער געשטאַלט פון אַ מענטשן־קינד. „אַ מענטש, וואָס וויל אַ גאָט ווערן, ווערט אַ חיה", וועבט זיך אַן אַלט־אַלטע לעגענדע פון אוראַלטע צייטן — און די דאָזיקע לעגענדע באַקומט בלוט און פלייש, ווערט אַ לע־בעדיקער אמת.

די לערע וואָס איז געקומען ליבע פאַרשפּרייטן צום מענטשנטום — שפּרייט האַס און טויט. די לערע וואָס איז געקומען באַהערשן די מענטש־לעכע הערצער און די געוויסנס. דורך דער מאַכט פון שווערד און בלוט — ווערט אַזוי אַרום דער אַנטי־טעזיס פון היסטאָרישן יידנטום. ס'ווערט גע־שאַפן אַ מחיצה־וואַנט.

שווערע, איבערמענטשלעכע אכזריות'ן איז די כנסת־ישראל אויס־געקומען אויסצושטיין אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ מצד דעם קריסטנטום.

די יידן האָבן העלדיש אַריבערגעטראָגן די בייזע רדיפות. די פיזישע עינויים האָבן גייסטיק ניט אָפּגעשוואַכט די יידן. וואָס שטאַרקער עס זייַנען געוואָרן די פאַרפאָלגונגען, אַלץ מער האָט זיך דער יידנטום פאַרפאַנצערט. עס זייַנען אַנטשטאַנען יידיש־גייסטיקע צענטערס אומעטום, וואו יידן האָבן זיך באַזעצט.

וואָס שוואַכער זיי זייַנען געוואָרן פיזיש, אַלץ פעלדזן־פעסטער איז געוואָרן זייער גייסטיקער לעבן. זיי האָבן באַגריפן אַז דאָס פיזישע לעבן פון אַ מענטש און אַפילו פון אַ גאַנץ פאָלק, קאָן פאַרקירצט ווערן דורך צייט און אומשטענדן. אָבער דער גייסטיקער געניוס איז אַן אייביקייט. דעריבער האָבן זיי זייער גייסטיק־וואָפן געשמידט און געשאַרפט, ווייל דער דאָזיקער וואָפן קאָן דורך מענטשלעכער האַנדלונג, ווי בלוטיק־גרויזאַם זי זאָל ניט זיין, ניט פאַרניכטעט ווערן.

פירן מיר אונדזער קאַמף פאַר עקזיסטענץ מיט פאַרשיידענע מלוכות און הערשער. פאָליטיש זייַנען מיר שטענדיק די באַזיגטע. אָבער ווי אַ מיסטעריעזער פענאָמען, טראָגט זיך דעם יידנס וואָרט דורך צייט און רוים. ווי בעסטיאַל עס זאָלן ניט זיין די האַנדלונגען פון אונדזערע שונאים און באַדרענגער, האָבן זיי אָבער ניט דעם כוח אונדז גייסטיק צו ליקווידירן.

עס זייַנען געווען מאָמענטן, ווען דער יידישער נר־תמיד האָט אָנגעהויבן צאַנקען — אָבער, ווי אַ פרום־רעליגיעזער מענטש וואָלט געזאָגט: — אַ נס מן־השמים געשעט און דאָס צאַנקענדיקע ליכטל הייבט ווייטער אָן ברענען און לייכטן. קיינע שטורעם־ווינטן קאָנען דעם פייער ניט אויסלעשן . . . ליכטיק זאָל זיין! . . .

אינקוויזיציעס, צלם־צוגן, גזירות, פאָגראָמען — אומעטום וואו יידן וואַרפן אַראָפּ זייער וואַנדער־זעקל און שטעלן זייער וואַנדער־שטעקן. אַ סך פון די אומות און פעלקער וואָס האָבן דעם יידן געוואָלט פאַרטיליקן, אים געברענט, אים געבראָטן אויף שייטער־הויפנס, זייַנען שוין לאַנג אַרכאַישע עפּיזאָדן . . .

איינציקע פילאָזאָפן און פילאָזאָפיעס אין מיטלאַלטער און אין אונדזער מאָדערנער צייט, פרואוון געפינען אַ לייזונג פאַר אונדז. אָבער, זייער לייזונג דריקט זיך אויס אין די ווערטער פון קאַרל מאַרקס:—„די מענטשהייט וועט פריי ווערן, ווען זי וועט פריי ווערן פון די יידן".

כאַראַקטעריסטיש, וואָס אויך דער „ייד" נוצרי האָט געזוכט אונדזער לייזונג — אין דער אויפלייזונג. וואָס פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז געוואָרן דערציילן אונדז די מיט בלוט־געשריבענע עפּיזאָדן

פון דער וועלט־געשיכטע . . . איז דעריבער צו פאַרדעכטיקן די לייזונג וואָס דער דאָזיקער, מאָדערנער „גרויסער ייד" האָט אונדז אונטערגע־טראָגן אין אונדזער ערע. זיין תורה ווערט פּראַקטיצירט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און שוין פון פריען אָנהייב זעען מיר אַז די דאָזיקע „לייזונג" האָט אין זיך אַלע עלעמענטן פון דעגענעראַציע און איז אפשר געפערלע־כער פון דער פריער דערמאָנטער. פריער האָט מען זיך פאַרמאָסטן צו פאַרניכטן אונדזער גוף — דאָ ווערט פאַרניכטעט אונדזער נשמה . . . די יעניקע וואָס זעען דאָ המשך פון היסטאָרישער־יידישקייט זיינען פאַר־בלענדט פון פאָליטישע מיראַזשן . . .

דאָס חרוב־געוואָרענע ארץ־ישראל האָט געצוואונגען דאָס רוב יידן, אויסצוואַנדערן אין אַנדערע מקומות און דאָס דערבייאיקע לאַנד בבל ווערט דער גייסטיקער צענטער פון יידן. די שאַפערישע כוחות פון יידנ־טום הייבן אָן ווייטער זייער גייסטיקע אַרבעט, ניט קוקנדיק אויף די רדיפות. די אַנטי־יידישע געזעצגעבונג פון דער רעגירונג איז ניט גע־ווען סיסטעמאַטיש און דעריבער האָבן די יידן געהאַט אַ מעגלעכקייט ארויסצוואויזן און מאַכןווירקזאַם זייער ווידערשטאַנד — און ניט גע־קוקט אויף די שטערונגען געלייגט דעם ווינקל־שטיין פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע גייסטיקע בנינים פון יידנטום. אין דעם לאַנד בבל זיינען רעדאַקטירט געוואָרן די פריערדיקע שאַפונגען און עס ווערט פאַרפאַסט דער „תלמוד בבלי", די ליטעראַטור וואָס האָט אויפגעהיט דאָס יידנטום פון די שטורעמס פון דער וועלט־געשיכטע און פאַרוואַנדלט דעם עקס־טעריטאָריאַלן פאָלק אין אַ גייסטיקער נאַציע מיט אַ באַזונדער עטיק. ווי זאָגט היינע: — „די יידן האָבן זייער שטאַט מיטגענומען אויף די זוילן פון זייערע שיך . . ." אַ זייער טרעפלעכער אַפאָריזם.

נאָך דעם טויט פון מאַכמעד, האָבן די אַראַבער צעטראָגן זייער לערע אין אַלע ווינקלען פון מערב־אַזיע און צפון־אַפריקע. אין איין האַנט דעם קאָראַן און מיטן שווערד אין דער אַנדערער, האָבן זיי געשטורעמט לענ־דער און פעלקער מיט דעם לאָזונג: — „ניטאָ קיין גאָט חוץ אַלאַ — און מאַכמעד זיין נביא".

אין אַראַבישן קאַליפאַט האָט זיך קאָנצענטרירט דער גרעסטער יידי־שער קיבוץ מיט וועלכן מ'האָט זיך געמוזט רעכענען. דער נצחון פון מעטשעט האָט דעם יידנטום געבראַכט פונקט אַזוי ווייניק נחת ווי דער טריאומף פון דער קירך. דאָך האָט דער מוסולמאַנישער פאַנאַטיזם ניט פאַראורזאַכט דעם יידנטום אַזוי פיל צרות ווי דער קריסטלעכער.

עס הייבט זיך אָן אַ פרידלעכע תקופה פון אינטעלעקטועלן אויפבלי און

יידן נעמען אַ טיכטיקן אָנטייל אין דעם קולטור־רענעסאַנס פֿון אָריענט. יידן צייכענען זיך אויס אויף אַלע געביטן פֿון גייסטיק־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. זיי באַטייליקן זיך אין דעם אינדוסטריעל־קאָמערציעלן און ווּיסנשאַפֿטלעך־ליטעראַרישן שאַפֿן. עס בליט אויף דאָס רעליגיעז־פֿי־לאָזאָפֿישע דענקען און די העברייאישע שפּראַך באַקומט נייע אויסדרוק־פֿאָרמען, אַ דאַנק דער נייער פּערזן־ און חקירה־ליטעראַטור. די דאָזיקע שאַפֿונגען ווערן אַ „פֿייער־זייל" אין דער לאַנגער שטאָק־פֿינצטערער, מיטלאַלטערלעכער נאַכט . . .

די קעניגלעכע רוים ווערט צעשפּאָלטן און כמעט אָפּגעווישט פֿון דער וועלט־אַרענאַ. דער פּויפּסטנטום הייבט אָן געוועלטיקן. נייע גזירות אויף יידן, דאָס קריסטנטום הייבט אָן דאָמינירן איבער אַלע פּאַגאַניסטישע קולטן. מלכים פֿון מדינות הייבן אָן רודפֿ'ן יידן אויפֿן באַפֿעל פֿון דער קריסטלעכער רוים. פֿילאָזאָפֿן און דענקער וואָס לעבן אין יענער צייט — אַלע באַשעפֿטיקן זיך מיט זייערע אינדיווידועלע זוכונגען, פֿאָרשונגען — אָבער, דאָס פּראָבלעם פֿון פּראָבלעמען, דאָס יידנטום־פּראָבלעם, האָט ניט קיין באַדייט פֿאַר די געלערנטע פֿון מיטלאַלטער . . .

דער 16טער יאָרהונדערט, דער מיטלאַלטער גייט אַוועק.

ס'לייטערן זיך אויס די הימלען. עס הייבן זיך אָן באַווייזן גרויסע גייסטער און גרויסע גייסטיקע שאַפֿונגען, וואָס טראָגן שוין דעם שטעמפּל פֿון רענעסאַנס און אויפֿקלערונג. עס לעבן אין יענער צייט אַזעלכע גע־ניאַלע פּערזענלעכקייטן ווי: — קאָפּערניקוס, גאַלילייִ, ניוטאָן און אַנ־דערע — זיי באַשעפֿטיקן זיך מיט זייערע טעאָריעס, אמת, ניט אַלע פֿון זיי האָבן די נייטיקע פֿרייהייט צום שאַפֿן און עקזיסטירן. די קאַטוילישע קירך צילט אויף זיי אויך אירע גיפֿטיקע פֿיילן. אָבער אין קאַמף פֿאַר אייגענער עקזיסטענץ פֿאַרגעסן זיי, אַז צוזאַמען מיט זיי, לעבט אַ גע־רודפֿ'ט פֿאָלק, וואָס נייטיקט זיך — אויב ניט אין זייער פֿיזישער הילף — איז מער פֿאַר אַלץ אין אַ מאָראַלישן טרייסט־וואָרט. אָבער ווי דער ספֿינקס אין מצרים זיינען זיי גלייכגילטיק צו דער יידישער מאַרטירער־געשיכטע! . . .

די צייט פֿון רעוואָלוציעס און נאַציאָנאַלע באַפֿרייאונג־באַוועגונגען — קומט אָן. די פֿאַר'עקשנ'טע קאַטוילישע קירך, וואָס דערלויבט ניט דעם פֿרייען־געדאַנק קומען צום אויסדרוק ווערט געבראָכן דורך דער פּראָטעסטאַנטישער קריטיק פֿון דער רעפֿאָרמאַציע.

עס גיט אויך אַ שיין אין דעם יידישן ווערטל, וואָס איז געווען צונויפגעדרייט אין אַ קנויל פון טעאָלאָגישע געזעצן און קבלה'שער מיסטיק. ווי אַ הונגעריקער, וואָס יאָגט זיך צו זעטיקן זיין הונגער, רייסן זיך די, אין געטאָ־פאַרשטיקטע און פאַרעגטע, יידן נאָך דער שיין פון פרייהייט. אָבער ווי טראַגיש און האַרצרייסנדיק איז די אַנטוישונג . . .

דער גרעסטער קולטור־אויפשוואונג פון פעלקער, אָבער די יידישע טראַגיק זוכט מען לייזן דורך אַ שפּרונג וואָס ווערט שפּעטער אויסגעדריקט אין אַ פּאָעטישן פערז, פון איינעם פון אונדזערע פּאָעטן — וואָס איז אַליין אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער פאַלשער וויזיע — „זיי אַ ייד אין שטוב און אַ מענטש אין גאַס".

וואָס פאַראַ פאַלשער באַגריף וועגן יידנטום! דעם יידן, וואָס האָט דער וועלט אַן עטיק געגעבן, הייסט מען זיין: — 'אַ ייד אין שטוב און אַ מענטש אין גאַס'. דאָס איז דאָך דער ביטערער חוזק! נו, אדרבה, שטעלט די וועלט־געשיכטע אַלס עדות צו באַשטעטיקן, אויף וויפיל אוממענטשלעכקייט עס איז פאַראַן אין דער געשיכטע פון יידנטום און וויפיל מענטשלעכקייט אין דער געשיכטע פון די וועלט־פעלקער? . . .

אמת, די יידן זיינען שטענדיק אַ מינדערהייט געווען. נו, און אין זייערע צייטן פון מלוכה־הערשאַפט, ווען אַ יידישער קעניגלעכער דעספּאָט האָט געוואַגט באַגיין אַן אומרעכט קעגן די מענטשלעכע פּרינציפּן פון דער יידישער מאָראַל — וואָס פאַראַ פלאַם־פייערדיקער פּראָטעסט מצד די גייסטיקע פירער פון יידנטום! דאָס יידישע וואָרט האָט געדונערט קעגן דער אויסגעלאַסנקייט פון פאַגאַניזירטע דעספּאָטן . . .

מ'הייסט יידן זיין מענטשן — וואָס פאַראַ שרייענדיקער שקר און היפּאָקריטישער מאָטיוו עס ליגט הינטער אָט־דער דאָזיקער טעאָריע!

די פעלקער וועלכע האָבן אָנגענומען די האָטנטאָטן־מאָראַל: — „גוט איז ווען איך גנב'ע יענעמס ווייב, — שלעכט איז, ווען יענער גנב'עט מיין ווייב" . . . האָבן געוואָלט רעפאָרמירן דעם יידן פון זיין צופיל יידישקייט און אים באַקליידן מיט אַ ביסל פון זייער מענטשלעכקייט . . . זיי האָבן כלומרשט פאַרזען, אַז דער ייד הלל האָט געגעבן די על־רגל־אחת־דיקע באַגרינדונג פון יידנטום — „זאָלסט ניט טאָן דיין חבר דאָס, וואָס דו ווילסט ניט אַז ער זאָל טאָן דיר", און אַז אונדזערער אַ נביא האָט דער מענטשהייט אַ פרידן־טראַקטאַט געגעבן . . . — „זיי וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אין אַקעראייזנס און זייערע שפּיזן אין גאָרטן־מעסערס, אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט מער ניט אויפהייבן קיין שווערד און זיי וועלן מער ניט לערנען מלחמה צו האַלטן" . . . איז דאָס ניט קיין מענטשלעכקייט?! וואָס זיי האָבן פון אָט־דעם טראַקטאַט געמאַכט איז אַ וויטיק צום רעדן . . .

דאַרווין, דער גרויסער מענטשן־קענער, האָט זיין לאַנגן לעבן געווידמעט זיינע טעאָרעטישע חקירות וועגן „מענטשלעכן מין" — און וואָס איז זיין אויספיר? . . . „די וועלכע זיינען באַוואָפנט מיט בעסערע געציג, גייען אַרויס די זיגער, די שוואַכע מוזן לויטן געזעץ פון דער נאַטור אונטערגיין".

נו, אויב מיר זאָלן אַריבערפירן זיין חקירה און אָנווענדן עס אין אונדזער סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז פאַר דעם ייד זיכער ניטאָ קיין פּלאַץ אויף אונדזער פּלאַנעט, ווייל דער ייד איז דאָך תמיד די שוואַכע מינדערהייט. איז דעריבער: — דער געשיכטלעכער גורל פון יידנטום — אונטערגאַנג! כ'ווייס, אפשר איז גאָר דער היטלעריזם — קאָנסעקווענטער דאַרוויניזם . . .

ווי האָט געזאָגט דער סתירות'דיקער פילאָזאָף פרידריך ניטשע: — „די נאַטור (אָדער גאָט) ווייס ניט פון קיין מאָראַל. פון קיין גוט און שלעכט. די וועלט־סובסטאַנץ האָט נאָר איין גרויסן ווילן: — דעם ווילן צו מאַכט. דער מעכטיקער איז דער גערעכטער". נו, הייסט עס, ניטאָ פאַר אונדז קיין טרייסט, אַפילו די געשיכטע האָט שוין פאַר אונדז געשריבן איר בלוטיקן אורטייל: — אונטערגאַנג!! . . .

„דאָס פאַרשאָלטענע פאָלק מיט קין'ס צייכן" מוז פאַרשווינדן! פון אַלע צייטן ביז איין אונדזערע טעג, פון די גרעסטע „קאַרפּן קעפּ" ביז די נידעריקסטע אַנטיסעמיטישע ברואים'לעך האָבן איין וואָרט — אונטערגאַנג! . . .

אָבער די געשיכטע האָט זיי אַלעמען אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, זי גייט זיך איר אייגענעם וועג, ניט געצייכנט פון מענטשלעכע הענט. פעלקער, טעאָריעס, פילאָזאָפיעס — פאַרשווינדן און ווערן פאַרגעסן. דער צום טויט־פאַראורטיילטער „ייד" קומט אַרויס אַ לעבעדיקער פון אַלע געפאַרן, ווי גרויזאַם זיי זאָלן ניט זיין. וואָס גרעסער דער שונא, וואָס גרעסער זיין פאַרמעסט קעגן אונדז — אַלץ גרעסער די עקשנות צום לעבן און געדייען. דאָס פאַרהאַסטע פאָלק איז פון אַלע צרות אַרויס געלייטערט און געשטאַרקט. „דער האַמער, דער שווערער — גלאָז צעברעקלט ער, שטאָל שמידט ער", האָט געזאָגט פּושקין.

עס איז אפשר סימבאָליש וואָס די זון גייט אויף אין מזרח און פאַרגייט אין מערב. שפּענגלערס טרויעריקע נבואה האָלט ביים מקוים ווערן. אין מערב שפּרייט זיך איצט חושך. די גאַנצע מענטשלעכע ענערגיע ווערט קאָנצענטרירט אויף צו פּראָדוצירן מלחמה־געציג, כדי צו פאַרניכטן און צעשטערן אַלץ וואָס די זעלביקע מענטשלעכע הענט און קעפּ האָבן געשאַפן און געזאַמלט אין משך פון טויזנטער יאָרן.

דערווייל לויערן אויפן מענטשנטום שווערע, בלייענע שווארץ־ברוי־נע וואלקנס פון חורבן און אומקום — עס איז נאך א ווייטער מהלך ביז דער נביאישער חלום וועט רעאלעווירקלעכקייט ווערן. אבער דער ייד פארלירט ניט זיין בטחון — ווייל דאס איז זיין וועלט־באַרוף: — שלום וועט אויף דער וועלט זיין!...

II

וואס האט גורם געווען אין אונדזער קיום אלס פאלק? ס'איז פון יענע הארבע פראבלעמען אויף וועלכע מ'קאן ניט אנווענדן קיין עמפיריש־וויסנשאפטלעכע עקזאקטקייט אויינצודרינגען אין די וועזנטלעכע סיבות פון דעם יידישן „זיין".

עס האבן זיך פונדעסטוועגן אנגעקליבן א ריי קריטיש־היסטארישע אנאליזן, וואס פרואוון, דורך זייער געשיכט־פילאזאפישן קריטע־ריום, אנבליקן אויף די גרונט־סיבות וואס זאלן האבן גורם געווען צו אונדזער קיום. סיבות, סיי פאזיטיווע און סיי נעגאטיווע; סיי ביאפיזי־שע און סיי פסיכיש־גייסטיקע. אבער, דער בעסטער ענטפער וואלט גע־קאנט פארמולירט ווערן אין א קורצן, פרעציזן, קלאסישן זאץ: — וואס איז דער אלגעמיין אקצעפטירטער כלל פון מענטשלעכער עקזיסטענץ — איך לעב, ווייל איך לעב. אדעו, ווי די בעלי־התלמוד האבן עס פאר־שטאנען: — בעל כרחו אתה חי...

אבער דאך וועלן מיר דא פרואוון אנווארפן אייניקע פראגמענטארי־שע, ניט־געקייטלטע באטראכטונגען, אויף וויפיל ס'לאזט זיך בכלל באַ־האנדלען אזא ענין אין אונדזער באשרענקטן פלאץ.

ווען מיר באטראכטן די סיבות, וואס האבן יידן צוזאמענגעבונדן אלס א באזונדער פאלק, איז נייטיק פאר אונדזער אנאליז צו מאכן א שפאציר אין רעטראספעקט. נאר די פארגאנגענהייט קאן פאר אונדז דינען ווי א פראזשעקטאר פונאנדערצופלאנטערן, באלייכטן און פארשטענדלעך מאכן אונדזער פראבלעם. אן א נעכטן איז ניטא קיין היינט — און אוודאי ניט קיין מארגן. דאס דארף זיין זעלבסטפארשטענדלעך.

שוין אין דעם וויגל־פעריאד פון יידיש־היסטארישן פרימיטיוו, איז ישראל געקומען מיט ספעציפישע אטריבוטן פון א באזונדער פאלק, וואס האט אים ארויסגעהייבן פון דעם פעלקערלעכן ארום. דאס יידנטום האט זיך געהאלטן „העכער" פון די ארומיקע פעלקער־שבטים דערמיט וואס עס האט זיך איזאלירט פון דעם אלט־אלטן טראדיציאנאליזם פון געצן־קולט און אקצעפטירט א גלויבן פון אן „אחדות הבורא". ווען אונדזער נאציא־

נאַל־מאַנאַטעאיסטישער גלויבן איז געוואָרן אַקטיוו־דינאַמיש, ניט געלאָזט זיך איינגלידערן אין דער ענגער, שמאָלער ראַם פון דאָגמאַטיזם—האָט ער אָנגענומען די ברייטע פאָרמען פון אַ וועלט־גאָט — און מיר, דאָס אויס־דערוויילטע פאָלק, זיינען געוואָרן דער אוואַנגאַרד, די שלוחים, די פאַר־שפרייטער פון דער מאָנאָטעאיסטישער עטיק צווישן די וועלט־פעלקער. מיט אַנדערע ווערטער, מיר זיינען געוואָרן אַ פאָלק מיט אַ געטלעכער שליחות. דאָס יידנטום האָט געשטרעבט צו ווערן דער „נר־לגוים״; גע־צילט איינצופלאַנצן און איינצוואָרצלען צווישן די פעלקער אַ נייע לעבנס־מאָראַל, אַ נייע פילאָזאָפיע פון „גאָט־וועלט־מענטש״.

מיר זעען, אַז שוין אין דעם היסטאָרישן פרימאָרגן פון אונדזער פאָלק זיינען מיר געקומען ניט ווי אַ פּאָליטישע מאַכט, ניט ווי אַ פאָלק צו באַ־הערשן און באַצווינגען אַנדערע פעלקער, נייערט צו לערנען די פעלקער אַ נייע תורה, — איז געוואָרן אונדזער לעבנס־עיקר. אַזוי איז עס געווען נאָך אין גרויען אַנהייב, — און אַזוי אויך אויף דעם שפּעטערדיקן וואַנ־דער־וועג דורך אונדזער געשיכטלעכן מאַרשרוט.

אין די בעסטע צייטן אַלס מלוכה־פאָלק האָבן די הערש־אינסטינקטן אונדז ניט פאַר׳שיכור׳ט פאַר מיליטערישע מאַכט־צוגן, ווי עס אילוסט־רירן עס קלענערע פעלקער פון אונדז. יעדער ייד האָט שטענדיק גע־חלומ׳ט צו לעבן פרידלעך אונטער זיין פייגנבוים. אפשר זיינען יאָ געווען איינצלנע וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט צעדרייטע אידייען וועגן דעראָבערישע מאַכט־צוגן, זיינען זיי געבליבן אומבאַוואוסט און די געשיכ־טע האָט זיי באַטראַכט אַלס פּערווערזע נאַטורן מיט פאַנטאַסטישע שטות־עריין. די פירער, די לערער, די נביאים האָבן געהאָלפן לייטערן און לויטערן אונדזערע אַטריבוטן אַלס אַ וועלט־פאָלק מיט אוניווערסאַלע אידייען — ווי זיי ווערן וויזועלירט און פאָרמולירט אין די רעדעס און שריפטן פון די „נביאים־אחרונים״.

מיר זיינען אַלעמאָל, אין אונדזער ארץ־ישראל באַלעבאַטישקייט, גע־ווען אַרומגערינגלט מיט דרויסנדיקע פייַנטלעכע ספערן. עס זיינען גע־ווען מאָמענטן ווען מעכטיקע, שטאַרקע פעלקער האָבן אונדז פּאָליטיש דאָמינירט. דער העלעניסטישער קולט האָט אַריינגעדרונגען אין אונדזער לעבן און אונדז געזוכט גייסטיק באַהערשן. נאָר וואַקלדיקע, שוואַכע, מאָראַליש־דעגענערירטע זיינען געוואָרן די קרבנות פון העלענטום. די געלייטערטע אין גלויבן, אין אמונה, די שטאַרקערע נאַטורן, די גע־טרייע זין, — וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ פעסטן ווילן צום לעבן, צו פרע־זערווירן די עטישע טראַדיציעס פון פריערדיקע דורות, און באַזונדערס — ניט אויפגעבן די שליחות פון זיין די פאַנען־טרעגער צווישן די פעל־

קער פון דער וועלט, האָבן פאַרזיכערט דעם ווייטערדיקן יידישן קיום, אַפילו ניט נעמענדיק אין באַטראַכט דעם פאַטאַלן פאַקט, וואָס מיר האָבן אַנגעוואוירן אונדזער פּאָליטישע סאוועריניטעט.

די מיליטערישע און רעליגיעזע פירערס גייען האַנט אין האַנט. משה, דער „פּאָליטיקער" גייט צוזאַמען מיט אהרנ'ען דעם „גייסטיקן" מנהיג. און אַפילו משה, איידער ער ברענגט אונדז אין אויסדערוויילטן לאַנד, פירט אונדז אונטערוועגנס צום באַרג סיני, וואו ער אַנטפּלעקט פאַר אונדז גאָטס וואָרט; ער באַווייזט זיך מיט אַ נייער תורה, אַן עטיק פון „בין אָדם למקום" און פון „בין אָדם לחברו"... אַזוי זעען מיר, אַז צו־זאַמען מיט יהושע'ן שטייט דער כהן אלעזר; אינאיינעם מיט נחמיה'ן גייט דער גייסטיקער פירער עזרא. שפּעטער לערנען אונדז אונדזערע תנאים, חכמים, אַז — זאָל דיך ניט לאָקן צום באַגילדעטן טיש פון מלכים, וואָרים דער פראָסטער, הילצערנער טיש פון תורה איז רייצנדיקער, אָנ־ציענדיקער, שענער, איידעלער ווי אַלע קרוינען פון גאָלד און דימענטן; ווייל דורך דער תורה אַנטפּלעקט זיך דאָס גרויסע, הייליקע וואָרט פון גאָט, וואָס איז שטאַרקער און מעכטיקער פון אַלע מענטש־מלכים און זייע־רע לוקסעריעזע, פון גראַניט־געהאַקטע, פּאַלאַצן...

דעם רוימישן אַפאָריזם: — „ווען די שווערד רעדט שוויגט דאָס וואָרט", האָבן די יידן צוריקגעוויזן. דווקא ווען ירושלים ווערט באַלאַ־גערט פון שונא'ס חייל, ווענדט זיך יוחנן בן־זכאַי צום רוימישן קריג־פירער, ועספּאַסיאַנוס, מיט דער בקשה אים צו דערלויבן גרינדן די באַרימטע ישיבה אין יבנה. די פּאָליטישע יידנשאַפט ווערט חרוב, נעמט ר' יוחנן איינאָרדענען, קאָאָרדעני־רן און צעמענטירן דאָס גייסטיקע עשי־רות פון יידנטום...

אין שפּעטערדיקע צייטן, ווען די יידן האָבן אָנגעהייבן אָפּריכטן גלות, אַן אַ טעריטאָריע, אָן אַ איינהייטלעכער שפּראַך, — האָבן זיי אָנ־געהייבן זוכן אַ נעגאַטיוון כוח וואָס זאָל זיי האַלטן געקייטלט, געבונדן אַלס אַ באַזונדער פאָלק. זיי האָבן דאַן, אין מאָמענטן פון פיזישער ירידה, געפונען טרייסט און גלויבן אין דער מעסיאַנישער וויזיע וואָס האָט זיך באַוויזן ווי אַ קאָמעט אויפן פינצטערן האָריזאָנט, וואָס וויל באַפרייען דאָס גאָט־אויסדערוויילטע פאָלק פון זייערע פיזיש־גייסטיקע עינויים; זיי צו־ריקברענגען אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד, פון וואַנען עס וועט אויך אויפ־לייכטן דאָס געטלעכע ליכט פאַר די גוי'אישע פעלקער די גרויסע נביאים־וויזיעס וועלן דעמאָלט אויך פאַר זיי קלאָרער ווערן... מיטן אומקום פון בית־המקדש ווערט געבוירן דער גרויסער משיח־גע־דאַנק — וועבט זיך אַן אַלט־אַלטע לעגענדע...

עס זיינען געווען פריערע מאָמענטן, ווען דער יאָך פון גלות האָט ניט אַזוי שטאַרק געדריקט. האָבן יידן אָנגעהויבן פרייוויליק זיך אַסימילירן, זיך אויסמישן, זיך אַריינגלידערן אין פרעמדע שטאַמען, קולטור־אָרגאַניז־מען. אונדזער קיום ווערט ווידער באַדראָט — ווערן מיר דורך דרויסנדיקע, פיינטלעכע כוחות געטריבן אין געטאָס און אין די באַזונדערע קוואַרטאַלן הייבן מיר זיך אָן אויסטיילן, אָפּשיידן, איזאָלירן פון די אַנדערע פעלקער. מיר הייבן אָן גייסטיק זיך פאַרפּאַנצערן, אַרומצאַמען אונדזערע נשמה־איכן מיט פעסטע ווענט. מיר שאַפן אַן אויטאָנאָמע „מלוכה אין אַ מלוכה". אומבאַוואוסטזיניק ווערן געפורעמט, געשמידט נעגאַטיווע מיטלען, וואָס ווירקן פּאָזיטיוו אין אונדזער אויפהאַלט.

עס ווערט געשאַפן דער „שולחן־ערוך" — וואָס אַ ייד „זאָל טאָן" און וואָס ער „זאָל ניט־טאָן"; וואָס אַ ידיש קינד „מעג" און וואָס אַ ידיש קינד „טאָר־ניט". די דאָזיקע מיטלען ווירקן ווי אַ בלוט־טראַנס־פוזע צו אַ חולה־מסוכנ'דיקן; וויטאַמינען וואָס דינען אונדז ווי שומרים זיך ניט צו פאַרשמעלצן מיט די אַרומיקע שכנים — און אַזוי אַרום שפּי־נען מיר ווידער דעם פאָדים פון די אַלטע עטישע אחריות'ן.

פעלקער, ווען זיי האָבן פאַרלוירן די פּאָליטישע סואווערעניטעט, האָבן זיי גלייכצייטיק אויפגעהערט צו פונקציאָנירן, ווירקן ווי קולטור־פאַקטאָרן. זיי זיינען געבליבן באַלזאַמירטע מומיעס פאַר היסטאָריקער און אַרכעאָלאָגן. אָבער דער דאָזיקער כלל איז ניט אָנגעמאָסטן אויף דער כנסת־ישראל. טרעפלעך און קלאַסיש איז געווען דאָס וואָרט פון באַ־רימטן דייטש־יידישן דיכטער־סאַטיריקער, העניריק היינע — „די יידן האָבן זייער שטאַם מיטגענומען אויף די זוילן פון זייערע שיף" . . .

דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס באַגלייט דאָס יידנטום אין זיין לאַנגן גלות, האָט אויך געווירקט ווי אַ נעגאַטיווער עלעמענט אין דעם אויפ־האַלט פון אונדזער אייגנאַרט. וואָס גרעסער די שנאה, אַלץ פאַר'עקשנ־טער ווערן מיר אָפּצוהיטן און איינצוהיטן אונדזער קיום־האומה. הערצל, דער פאָטער פון פּאָליטישן ציוניזם, האָט מאָטיווירט דעם יידישן קיום דערמיט וואָס די פעלקער פון דער וועלט צווינגען אונדז צו זיין אַ באַ־זונדער פאָלק; אַפילו ווען מיר ווילן זיך אַסימילירן לאָזט מען אונדז ניט . . .

מעסטנדיק מיט אָט־דעם געשיכטלעכן באַראָמעטער אונדזער עק־זיסטענץ — זעען מיר, אַז דאָס יידנטום האָט זיך גיכער אויפגעהאַלטן ווי אַ פּסיכישע באַציִע איידער אַן אַנטראָפּאָלאָגישע, אַ ראַסישע. דער אָנהייב פון אונדזער געשיכטע און דורך אַלע הונדערטער דורות ביז אין אונד־זערע טעג, איז אפשר כאַראַקטעריסטיש אין לעבנס־ליניע: — דאָס יידי־

שע פאָלק האָט אויסצופירן יענע פון אונדז אָנגעצייכנטע געשיכטלעכע שליחות, פון זיין דער „נר־לגויים". און די געשיכטלעכע קאַטאַקליזמען און גייסטיקע קריזיסן וועלן אונדז ניט באַפרייען פון דער דאָזיקער הייליקער שליחות!

ווען מיר רעדן דאָ וועגן אַ „געשיכטלעכער שליחות", זאָל מען אונדז ניט אידענטיפיצירן מיט אַ געוויסער ריכטונג אין יידישן לעבן, וואָס האָט אונדזער „יידישקייט־אידייע" פאַרוואַנדלט אין עפּעס אַ פאַרוואָסערטן, הערבאַרזירטן, בלייכן, אויסגעצעו־טן „קאָסמישן אוניווערסאַליזם", וואָס שווימט אַרום אין די אייבערשטע ספערן פון מיסטישע אַבסטראַקציעס און האָט אַ קנאַפּע שייכות מיט אונדזער פאָלק, ווי אַ וויטאַלן, דינאַמישן אָרגאַניזם. זיי רעדן וועגן אַ „הייליקער מיסיע", אָבער די מיסיאָנערן, די טרעגער, די לעבעדיקע יידן פון אָט־דער מיסיע־באַוועגונג דאַרפן פאַרשווינדן אין אָט־דער „ריינער" סטראַטאָספער־לופט . . . מיר, אָבער, האָבן גאָר בדעה לאַנג־לאַנג נאָך צו לעבן און געדייען אַלע אונדזערע שונאים אויף צעפוקעניש . . .

אמת, אַז צוליב דעם איצטיקן אימה'דיקן, אומ'ברחמנות'דיקן אויסראָט־קאַמף וואָס ווערט געפירט קעגן אונדז אויף אַזאַ אויסגעברייטערטן שטח, וועגן וועלכן די המנ'ס פון אַלע צייטן האָבן אַפילו ניט געקאָנט האָבן קיין אילוזיע — שטרייכן מיר ניט אונטער דעם הומאַניטאַר־אוניווערסאַלן מאָמענט אין דעם ווידעראויפבוי פון אונדזער לאַנד. אָבער שוין דער ערשטער וויכטיקער טעאָרעטישער ציוניסט, משה העס, האָט פאָראויסגעזאָגט דעם דאָזיקן עטישן מאָמענט אין זיין קלאַסיש ווערק „רוים און ירושלים". אָט וואָס ער שרייבט: — „מיט אונדזער באַנייאונג פון דעם ארץ־ישראל'דיקן באָדן וועלן מיר אויך אָפּפרישן אונדזער אַלטע לערע וועגן דעם הומאַניטאַר־אוניווערסאַליזם. מיר וועלן באַנייען אונדזער ה י ס ט אָ ר י ש ן ש ב ת וואָס מיר האָבן געגעבן אַ מתנה די וועלט־פעלקער". אָדער ווי ער זאָגט ווייטער אין דערמאָנטן ווערק — „די יידן האָבן פון אָנהייב אָן און דורך דעם שטורעם פון זייער געשיכטע דערקענט זייער באַרוף דערמיט וואָס זיי האָבן געהאַלטן הייליק ניט נאָר דאָס א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע פון דער נאַטור געגעבענע, ד.ה. ניט נאָר דאָס אָ ר ג אַ נ י ש ע, נאָר אויך דאָס ס אָ צ י אַ ל ע לעבן פון דער מענטשהייט. זיי האָבן געוואָלט אַקטיוו העלפן די אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט און זי צוגרייטן פאַר דעם מ ל כ ו ת ־ ה מ ש י ח, וועלכער איז אין האַרמאָנישער גאַנצקייט מיט דעם געטלעכן וועזן, וואָס האָט זיך נתגלה געווען צו זייער גייסט . . ."

אויך דער פאָליטישער ציוניסט מאַקס נאָרדוי האָט דעם דאָזיקן מאָ־

מענט ניט אויסגעלאָזן פון אויג. כאָטש ער האָט געהאַלטן אַז פעלקער לעבן ניט מיט ספּעציפישע מיסיעס. האָט ער אָבער געהאַלטן, אַז „דער פּראָגנאָז פון דער יידישער פראַגע איז אַ פּראָבלעם פאַר דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור. די ציוויליזאַציע רוט אויף געוויסע יסודות, ווען זיי ווערן צעשטערט אָדער אומגעוואָרפן, פאַלט דער גאַנצער בנין. די דאָזיקע גרונט־יסודות זיינען: — דרך־ארץ פאַרן לעבן פונעם מענטש! ‚יוסטיציאַ פונדאַמענטום רעגנאָרום‘ — ד.ה. דער יושר איז דער יסוד פון פעלקער!“

אפילו זשאַבאָטינסקי, וואָס ווערט פון אַ סך באַטראַכט אַלס דער קאָנסעקווענטער עקסטרעמיסט אין ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, זאָגט אין איינע פון זיינע פּראָגראַמאַטישע עסייען די פאָלגנדיקע „רעאַקציאָנערע“ געדאַנקען: — „די קאָנצעפּציע פון ציוניזם, וועלכן איך האָב דעם כבוד צו רעפּרעזענטירן, באַזירט אויף דעם הומאַניטאַרן אַס־פּעקט...“ „זיין פאַרווירקלעכונג וועט רעאַליזירט ווערן דורך אַ מאָראַלישן דרוק אויף דער עפנטלעכער מיינונג פון די וועלט־פעלקער“, זאָגט ער אין אַן אַנדער אָרט.

און אָט זאָגט אחד־העם, דער פאָטער פון קולטור־ציוניזם, אין זיין עסיי „דער כהן און דער נביא“: — „דער הויפּט־געדאַנק פון דער יידישער נבואה איז געווען די ממשלה פון דער אַבסאָלוטער גערעכטיקייט אין דער גאַנצער נאַטור... כמעט אַלע אָנערקענען די עטישע געניאַליטעט פון יידישן פאָלק, זיי גיבן צו, אַז אויף אָט־דעם געביט איז אונדזער פאָלק העכער פון אַלע איבע־ריקע פעלקער...“

אויך אַנדערע טעאָרעטיקער פון ציוניזם לאָזן דעם הומאַניטאַר־און־יוניווערסאַלן מאָמענט ניט אַרויס פון זייערע פּרינציפּן־דעקלאַראַציעס, כאָטש זיי אַקצענטירן עס ניט ביי יעדער געלעגנהייט.

עס ווערט אפשר זייער כאַראַקטעריסטיש וואָס מיר האָבן אַקצעפּ־טירט דעם קלאַסישן זאַץ פון נביא זכריה: — „כי לא בחיל ובכוח, כי אם ברוחי“. יאָ, דער דאָזיקער פּראָפעטישער אַפאָריזם איז געוואָרן אונדזער „אימפּעריאַליזם“. מיר האָבן ניט קיין אַספּיראַציעס אויף פּאָליטיש־מי־ליטערישער מאַכט אין דעם גייסט פון אַ סך עקסטרעם־נאַציאָנאַליסטישע פעלקער. אונדזערע פּאָליטישע אַספּיראַציעס האָבן מיר קיינמאָל נישט מגזם געווען. די עקסטרעמען זיינען אונדז געבליבן פרעמדע עלעמענטן, הגם געוויסע פּרעצעדענטן אין דער געשיכטע האָבן אונדז אַריינגעטריבן אין די הענט פון עקסטרעמיזם — איז אין תוך דער עקסטרעמיזם אַ פרעמדער עלעמענט אין אונדזער עטישן אָרגאַניזם וואָס לאָזט זיך ניט פאַרדייען...

דער 'מיסטישער משיח', וואָס וויל אונדז באַפרייען פון אַלע וועלט־צרות און גלייכצייטיק איבערפורעמען די מענטשלעכע געזעלשאַפט אויף סאָציאַל־יושר'דיקע יסודות — איז געווען און געבליבן אונדזער פונדאַמענטאַלער עיקר.

אמת, אין אונדזער אויפבוי־ווערק פון ציוניזם מוזן מיר זיך ליידער באַנוצן מיט מיטלען וואָס זיינען אפשר ניט שטענדיק זייער סימפּאַטיש. אָבער אין אַ וועלט פון אַנימאַלן פּאַרקער, ווען דער „יידישער בראָך" איז אַזוי פאַטאַל־טראַגיש און ווען אין יעדן יידישן האַרץ נאָגט דער וואָרעם פון יאוש, דאַרף מען אונדז ניט אויפוואָרפן וואָס אונדזער צעוויטיקטע נשמה איז שוין אַליין אָנגעשטעקט מיט באַצילן וואָס האָבן אַ פּאַר'סמ'ענדיקן איינפלוס אויף אונדזער פּסיכיק. איז עס דען מעגלעך, אַז די פּאַטעטישע, טראַגישע פיגור פון „איוב", — וואָס איז זייער סימבאָליש צו דער קלאָגנדיקער מערכה פון היינטיקן יידנטום, — זאָל אין אונדזערע הומאַניטאַרע הערצער ניט אַרויסרופן מיטגעפיל און שטיקנדיקע טרערן און זיפצן צו זיינע מיזעראַבעלע, אייטערדיקע ליידן ?... אונדזערע הערצער זיינען דאָך זיכער ניט קיין פאַרהאַרטעוועטע קיזל־שטיינער...

— אָבער זאָלן מיר נאָר דערגרייכן אונדזער לאַנג־בענקענדיקע און גאַרנדיקע גאולה'... דאַן — דאַן וועלן מיר אויפסניי באַלעבן און באַפרוכפּערן אונדזערע אידייען פון וועלט־ און ברידער־פרידן, ווייל דאָס איז דאָך אונדזער סאַמע יסוד פון אַ באַזונדער פאָלק אויף גאָטס ערד. איך זע שוין אַ ציניש־סקעפּטיש שמייכל צעלייגט אויף אַ סך פּנימ'ער. „...זאָל מען נאָר באַפרייט ווערן און דאַן..." — אַזוי האָבן דאָך אַלע, אַלע היינט פאַשיסטישע און אולטראַ־נאַציאָנאַליסטישע פעלקער און לענדער געזונגען דעם זעלביקן ניגון...

איז אונדזער ענטפער: ניין, די יידישע געשיכטע קאָן ניט דערלאָזן אַזעלכע ספיקות. דעמאָלט ווען דאָס יידנטום האָט געפירט אַ זעלבסטשטענדיק מלוכה־לעבן האָבן זיי די וועלט באַרייכערט מיט די גרעסטע רעפאָרמאַטאָרן און מיט די ריזן־ווערק וועגן וועלט־פרידן און אוניווערסאַלער פאַרברידערונג. יאָ, מיר האָבן געהאַט אונדזער פּראַצענט פון מענטשלעכן אָפּפאַל. אָבער וואָס פאַר אַ נישטיקן ווערט האָבן זיי אין אונדזער לעבן. אונדזער געשיכטע דערציילט ניט קיין גלאָריע וועגן זיי. אין אונדזערע פּנקסים זיינען זיי פאַרצייכנט פאַר דורות אַלס טמאים. שוין דעמאָלט האָבן אונדזערע גייסטיקע פירער געשליידערט צו דער וועלט דעם פּאַראָל — „דער מענטש איז דאָס סאַמע העכסטע פון געטלעכן באַשאַף".

היינט, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט פון דער גרעסטער עלעקט־

ריש־טעכנישער אַנטוויקלונג פון אונדזער קולטור־ציוויליזאַציע, איז נאָך דער דאָזיקער פּאַראַל פון אונדזערע גרויסע נביאים־גאונים אַ ווייט־ווייטער חלום . . . אדרבא, זעט וואָס פאַראַ באַטרעף אונדזער מענטש האָט דאָס אין אונדזער וועלטל, ווען אונדזער ציוויליזאַציע האָט דערגרייכט צו די סאַמע שפּיצן פון איר אַנטוויקלונג . . . אַז אָך און ווי צו אַזאַ סדר פון מענטשלעך צוזאַמענלעבן . . . יאָ, מיר האָבן שוין ווייט־ווייט אַרי־בערגעשטיגן די חיה׳שע וועלט . . .

מיר בעטן נאָר אַביסל אַנשטענדיקייט און דרך־ארץ אין דער באַצי־אונג צו אונדזער פּראָבלעם. זאָל מען ניט נוצן קיין טאָפּלטע מאָסן צו מעסטן. איין מאָס פאַר אונדז און אַ צווייטע פאַר אַנדערע. מ׳דאַרף זיך נאָר דערמאָנען וועגן די פרייהייטלעך־רעוואָלוציאָנערע עפּיזאָדן אין דער וועלט־געשיכטע, וואָס זיינען, מיט רעכט, גלאָריפיצירט געוואָרן, און כאַראַקטעריסטיש, די דאָזיקע עפּיזאָדן האָבן זיך ניט אַלעמאָל אויסגע־צייכנט מיט די סאַמע ריינסטע און עטישסטע מיטלען. ניין ניט אַלע־מאָל האָט מען געקאָנט זאָגן מיט אַ קלאָרן באַוואוסטזיין: — זיי זיינען ריין פון זינד . . .

דערווייל איז די וועלט־געשיכטע אונדזער עדות, אַז אין אונדזער רעקאָנסטרוקציע־פּראָיעקט האָבן מיר ניט איינגעשלאָסן יענע בלוטיקע מעטאָדן פון קאַמף, וואָס זיינען אַזוי נאַטירלעך־אָרגאַניש ביי אַנדערע פעלקער. אונדזערע „פריי־גייסטער״ האָבן ניט אַזוי געזיפּט מיט דער זעלביקער קאַלטער, ניכטערער אומפּאַרטייאישקייט די מיטלען וואָס האָבן געדינט אונטערצושטופּן דעם געגאַרטן פּראָגרעס פון די פאַרשיידן־פאַר־ביקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אויף דער גוי׳אישער גאַס, ווי אין אונדזער קאַמף פאַר יידישער גאולה.

וועט איר מן־הסתם פרעגן — און מיט רעכט — אויב מיר האָבן יענע סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע שליחות פון ברענגען דער וועלט און דער מענטשהייט דעם „היסטאָרישן שבת״, וועגן וועלכן משה העט רעדט אין זיין ווערק, און ניט, חס־וחלילה, קיין פּאָליטיש־אוזאַרפּאַטאָרישע צילן — דאָן, צוליב וואָס דער גאַנצער טאַראַראַם וועגן טעריטאָריאַליזם; באַזונדערס דאָס אַקצענטירן אויף ארץ־ישראל, מיט אַ באַגרענעצטן, קליי־נעם געאָגראַפישן שטח און לעבנס־געפערלעכע סטראַטעגישע גרענעצן?

זיינען דאָך גרעסערע לענדער ווי ארץ־ישראל חרוב געוואָרן? ווי אַזוי קאָן אַ קליין לאַנד דינען ווי אַ פאַנצער קעגן אומקום? איז ערשטנס, ווילן מיר ענטפערן, אַז טראָץ דעם, וואָס אונדזער וואָרט, אונדזער תורה האָט אונדז געדינט ווי אַ דאַמבע קעגן גייסטיקן ניוויליזם, זיינען אָבער די הונדערטער תפילות און פיוטים וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין משך

פון אונדזער גלות־געשיכטע, אַ גאָר שלאָגנדיקער באַווייז, אַז דער פאָלקס־ווילן צו טעריטאָריאַליסטישן אויסלייז, און דווקא אין ארץ־ישראל, איז געבליבן ווי אַ סיאַמער־צווילינג אומצעשיידבאַר, ענג־צוזאַמענגע־וואַקסן, צונויפגעבונדן מיט אונדזער גאַנצן קיום און פאָלק־גורל.

דער אויפקום פון משיחיזם — און דווקא אין דראַסטישערע פאָרמען אין גלות—אין זיינע פאַרשיידענע וואַריאַציעס, איז אַן אַנדער גוטער באַווייז, אַז דער „טעריטאָריאַליסטישער דראַנג" איז ניט אינגאַנצן אַטראַ־פירט געוואָרן ביים יידישן פאָלק דורך אַלע דורות און תקופות. פאַר־קערט, ער באַווייזט אונדז צום וויפלטסטן מאָל, אַז ער איז פון יענע עניינים וואָס לאָזן זיך איינשליסן אין דער קאַטעגאָריע פון „היסטאָרישע אימפּע־ראַטיוון".

מיר זאָגן אויך, אַז ווי דער בלום־געוויקס אין פעלד נייטיקט זיך אין אַ באַשטימטן שטח, כדי ער זאָל קאָנען געדייען און וואַקסן און אַרויסשיי־מירירן מיט זיינע רעגנבויגן פאַרבן. אַ פשיטא — אַ גאַנץ פאָלק. מיר ווילן ניט זיין אַנגעוואָרפן אויף דעם גנאָד פון פרעמדע באַלעבאַטים און אַזוי אַרום פאַרהויקערן אונדזער סאָציאַל־שפע און גלייכצייטיק לאָזן פריי אַנטוויקלען אַן עלעמענט פון פאַראַזיטיזם אַלס פועל־יוצא פון באַדנלאָזי־קייט. און ווי זאָגט אבא גאָרדין: „אין דלות פון געדאַנק, אין דחקות פון אָביעקטן, אין אָרימקייט פון טעטיקייטן איז ניטאָ קיין פלאַץ פאַר ווערט־שאַפונג. עס זיינען פאַראַן פּראָדוקטן, עס זיינען דאָ טעטיקייטן — עס זיינען אָבער ניטאָ קיין ווערטן, קיין קאָסטבאַרקייטן, קיין שאַצבאַרקייטן..." דעם דאָזיקן סענטענץ איבערגעזעצט אין דער שפּראַך פון „מאַטעריעלע ווערטן", איז ער קלאַסיש אַנגעמאָסטן פאַר אונדזער פאָלק צווישן די פעלקערשאַפטן. דער שריפטשטעלער מ. י. באַרדיטשעווסקי האָט גע־שריבן: — „ . . . און איר זאָלט זיין אַ הייליק פאָלק. אַ פאָלק, וואָס גייט־אויס אין זיין אָרימקייט איז ניט קיין הייליק פאָלק. אַ פאָלק, וואָס ווערט יעדן טאָג געשלאָגן און געמאַטערט, קאָן ניט זיין הייליק. ניט האָבנדיק אונדזער אייגענע עקאָנאָמיק, ניט עסנדיק די פּרוכט פון אונדזער ערד, אָריינלייגנדיק אונדזער מי אין פרעמדן באָדן — ווי אַזוי קאָנען מיר זיך גייסטיק דערהייבן ? אַ הייליק פאָלק מוז אויך זיין אַ לעבעדיק פאָלק..."

יאָ, מיר ווילן ווערן די באַלעבאַטים ניט נאָר איבער אונדזער מענ־טאַלער שפע, נאָר אויך איבער אונדזער מאַטעריעלערווירטשאַפט. גוף און נשמה זיינען אומצעטיילבאַר, זיי מוזן זיך דערגאַנצן איינס ס'אַנדערע... פאָלק איז ניט אַ סכום, ווי גרעץ וויל האָבן, „פון טעאָלאָגיש־סינאַגאָגאַ־לער געשיכטע, רעליגיעז־פילאָזאָפישע טראַקטאַטן, פּאָעטישע ווערק, פּי־לאָלאָגישע חידושים — נאָר אויך פון מאַטעריעלער פּראָדוקציע . . . "

און ער איז זיכער גערעכט. פאָלק איז ניט סתם אַן אַבסטראַקטע קאַטע־גאָריע, נאָר אַן אָביעקט וואָס האָט אַ ממשות'דיקע שייכות צו מיר און דיר.

דער אַרגומענט, אַז גרעסערע לענדער ווי ארץ־ישראל זיינען אין משך פון טעג חרוב געוואָרן, איז זיכער אַ שוואַכער אַרגומענט קעגן די ציוניסטישע אַספּיראַציעס — און זאָל מען מיר מוחל זיין פאַר מיין שאַרפן אָדיעקטיוו, אַ נאַאיווער באַווייז. בכלל גייט עס דאָך איצט ניט אין פאַק־טועלע באַווייזן.

ווען מ'טראַכט וועגן טעריטאָריעלער עקזיסטענץ טראַכן מיר ניט אין טערמינען פון אייביקע וועלט־קאַטאַסטראָפעס און פעלקער־קאָנפליק־טן.. אַזוי טראַכטן הייסט דאָך פּאַקטיש אַקצעפּטירן די פאַלש־פאַרשטאַנע־נע נאַטור־פילאָזאָפיע פון דאַרווינען — „אַז די עקזיסטענץ פון פעלקער איז אַ פערפּוטועלער קאַמף — און די שטאַרקערע, די באַוואָפנטע, די פאַרפאַנצערטע בלייבן די זיגער און די גערעכטע. די שוואַכע מוזן אומ־קומען אין קאַמף פאַר קיום, פאַר עקזיסטענץ". זיינען מיר אָבער ניט גרייט אָנצונעמען די דאָזיקע נאַטור־שיטה פון פאַרקריפּלטן דאַרוויניזם. די דאָזיקע שיטה געהערט די אידעאָלאָגן און טעאָרעטיקער פון פאַשיזם, וואָס האָבן זי דערפירט צו די סאַמע עקסטרעמסטע קאָנסעקווענצן. ניין, מיר ווילן ניט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז זי איז די איינציק־אַבסאָלוטע אין דעם פאַרקער און אין די באַציאונגען צווישן יחידים און פעלקער־שאַפטן.

פילאָזאָפיש גערעדט איז דאָך מלחמה, מיט אַלע אירע בלוטיקע קרבנות און פעכיקע פייערן אַן אַריבערגייענדיקע דערשיינונג, ווען דער אַנימאַלער און וואַלד־אינסטינקט אין מענטשן האָט זיך צעבאַלעוועט און צעהוליעט און פירט אויס זיין צעשטערערישע, דעסטרוקטיווע אַרבעט. נאָך דעם בלוטיקן דעבאַקל וועלן זיך די הימלען אויסלייטערן. דער וואָלקן וועט איבערגיין, די זון וועט מאָרגן ווידער לייכטן און וואַרע־מען. עס וועט פאַרט איינגעשטעלט ווערן אַ סדר. כ'וועל דאָ ניט גאַ־ראַנטירן אויב דער סדר וועט זיין דער אַבסאָלוט גערעכטער, אַבסאָלוט אמת'ער, אָבער פאַרט אַ מער מענטשלעכער סדר. דאַן וועט דאָס פּראָב־לעם פון נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג ווידער ווערן אַקטועל, טראָץ דעם וואָס דער נאַציאָנאַליזם איז אַ היפּש ביסל דיסקרעדיטירט געוואָרן אין אונדזער צייט. ווען מיר זאָלן אָננעמען די שיטה פון „שטאַרק" און „שוואַך", וואָלטן אַ סך פון אונדזערע אילוזאָרישע געדאַנקען־בנינים אין געזעלשאַפטלעכן לעבן געווען אַבסורדן און נאַרישקייטן . . .

דער דענקער־פילאָזאָף, דער וויסנשאַפטלער און שריפטשטעלער, דער רעליגיעזער און פּאָליטישער פירער איז אויסגעזעצט צו פאַרלירן

זיין פרייהייט צום שאפן; ער פארלירט זיין אינדיווידואליטעט און זיין זעלבסטשטענדיקייט אונטער דעם דרוק פון טאטאל־דיקטאטארישן שטאט. איז דעריבער וואס? — דארף דער אויספיר זיין — אויפגעבן די פאזיציעס, רעזיגנאציע, אויפהערן שאפן און חלום׳ען?...

ס׳זיינען טאקע געווען א סך וואס האבן געמאכט דעם דאזיקן אויס־פיר. נו, ווייסן מיר פון וואס פארא קוואליטאטיוון טייג די דאזיקע נאַ־טורן זיינען געקנאטן. מיר באגרייפן איצט אויך וואס פארא צעקראכענע און מאראליש־געזונקענע נשמות די דאזיקע לייט זיינען דאס געווען. אבער ניט וועגן זיי איז די רייד. מיר טראכטן וועגן די וואס האבן נאך ניט פארלוירן דעם „צלם אלקים".

דעריבער, צווייפלען מיר, צי די יעניקע וואס שטעלן אונדז ארויס דעם פאטאליסטישן ארגומענט: — זעט, שטארקערע פאר אייך זיינען דורך מיליטערישע רויב־צוגן אפגעווישט געווארן פון אונדזער גלאב. דאן, וואס איז דער זין פון אייער „מיען זיך אונטער דער זון" וועגן טעריטאַ־ריאליסטישן אנהאלט...? יא, מיר צווייפלען צי זיי זיינען שטארק איבער־צייגט אין זייערע אייגענע טעאָרעטישע אנאליזן...

מיר זוכן דא ניט מבטל זיין אונדזערע גלות־נאציאנאליסטן. מ׳קאן זיכער נאך ניט אונטערפירן דעם סך־הכל פון אונדזער געשיכטע. מיר שליסן אוודאי נאך ניט דאס לעצטע קאפיטל פון אונדזער גלות־לעבן.

אבער מ׳קאן דאך ניט לייקענען דעם היסטארישן פאקט, אז א סך פון אונדזערע אידעאלאגיעס און קריטעריעס וואס האבן זיך געשטיצט אויף אונדזער גלות, זיינען אויסגעזעצט צו ראדיקאלע רעוויזיעס און איי־בערשאצונגען. מ׳מוז היינט אנערקענען אז מיר האבן געגרייזט אין געוויסע טעאָרעטישע הנחות.

די גייסטיקע בריקן וואס האבן יידן צונויפגעבונדן, צוזאמענגעהאלטן, געקייטלט — הייבן אן קראכן, פונאנדערפאלן. ס׳הייבן זיך אן ארויס־שיילן באזונדערע שבטים, סעקטעס, גרופעס מיט באזונדערע מענטאלי־טעטן. אזא דערשיינונג שאפט די נעגאציע קללה פאר אונדזער פאלקס־טום. ניט צו ווען זען די דאזיקע דערשיינונג הייסט פשוט באגראבן דעם קאפ אין זאמד ווי יענער בארימטער פויגל. אדער ניט וועלן אנער־קענען געוויסע אויספירן און אמת׳ן וואס דאס לעבן, בכבודו ובעצמו, האט זיי פאר אונדז ברוטאל אוועקגעשטעלט...

דער פעלקער־רענעסאנס, די פראנצויזישע רעוואלוציע האבן אונדז זיכער געגעבן, ביז א געוויסן גראד, פרייהייט. אבער פרייהייט נאר פאר דעם איינציקן, דעם פריווילעגירטן יחיד. דאס פאלק, דער ציבור, האט שיעור אנגעוואוירן זיין אידענטיטעט אין האסטיקן גאלאפ נאך אינדיווי־דועלער פרייהייט...

די אָפּטימיסטישע פּערספּעקטיוון און פּראָגנאָזן נאָך דעם איצטיקן וועלט־געראַנגל, וואָס אַ סך טעאָרעטיקער שטעלן אַוועק מיט אַזאַ פּאָזיטיווער זיכערקייט — שטערן אונדז דאָך ניט, שטיצנדיק זיך אויף די דערפאַרונגען פון די לעצטע הונדערט און פופציק יאָר יידישע וועלט־געשיכטע, צו וואָרענען מיט אַ קאַפּעטשקע סקעפּטיציזם . . . מיר צווייפלען שטאַרק צי אַלע פּאָליאַטיוון אין די גלות־לענדער וועלן ענדערן דעם סדר פון אונדזער מאַרטער־געשיכטע . . .

ריכטיק זאָגט טשעריקאָווער ע"ה אין זיין ענטפער צו ש. דובנאָוו („אויפן שיידוועג", 2טער זאַמלבוך) — „מיר געהערן צו אַן אַנדערן דור, אַ דור פון אומרואיקן און אומצופרידענעם געמיט, פון זוכעניש און בענקעניש נאָך אַ תיקון פאַר דער צערודערטער נשמה. איר קאָנט דאָס אָנרופן רעוויזיע, חשבון־הנפש, תשובה,, גייסטיקער שיידוועג, אָבער איך פאַרזיכער איך — יאוש איז דאָס ניט און רעזיגנאַציע אוודאי ניט . . ."

נעמענדיק אין באַטראַכט אַז אַ סך פון אונדזערע גלות־פּראָגנאָזן האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין דורכפאַלן (כ'בין אַפילו גרייט אויף אַ פּשרה: — טיילווייזע דורכפאַלן) דעריבער לאָמיר פּרואוון די „משיח־אידייע" פון נאַציאָנאַלער גאולה אויפן יסוד פון טעריטאָריאַליזם — און טאַקע אין יענע היסטאָריש־געאָגראַפישע גרענעצן, ווייל ארץ־ישראל מיט ר' ישראל זיינען דאָך אַ היסטאָרישער זיווג, צוליב אַ גאַנצער קייט פון אינטים־נאָענטע סיבות . . .

ווי זאָגט אחד־העם: — „אַ גרויסער נאַציאָנאַלער אידעאַל קאָן ניט געבוירן ווערן אין גלות . . ." אַלע דאַמבעס פון אָפּהאַלטן דעם געלויף צו „פרעמדע גערטנער" האָבן געהאַט אַ קנאַפּן ממשות'דיקן באַדייט. אונדזער יוגנט ווערט אַנטרונען אין דעם טיגל פון אַסימילאַציע און באַהערשט פון די טענדענצן פון נאַציאָנאַל־גייסטיקן ניוויליזם, טראָץ דער גיפטיקער פיינטשאַפט צו אונדז. אַ גאַר גרויסער פּראָצענט פון יידישע אינטעלעקטואַלן און וויסנשאַפטלער פּערטיליזירן נאָך אַלץ די פאַרשיידענע קולטור־פעלדער ביי פרעמדע פעלקער און האָבן מיט אונדזער פאָלק־ירושה — אין פּסיכישן זין — אַ קנאַפּע שייכות.

יאָ, להכעיס יענע עלעמענטן וואָס האָבן זיך באַצויגן סקעפּטיש צום ציוניסטישן פּראָגנאָז, איז פאָרט ארץ־ישראל און די דאָרטיקע אויפטוען אין לעצטן פערטל יאָרהונדערט, ביים היינטיקן טאָג, אונדזער טרייסט און אַ ליכטיקער פונקט אין דער גלאָבאַלער נאַכט . . .

די וואָס שרעקן זיך פאַר אונדזער נאַציאָנאַליזם־טעריטאָריאַליזם, זאָגן מיר: — דאָס יידישע פאָלק האָט הינטער זיך דעם גייסט פון די גרויסע נביאים און גאונים — משה, עמוס, ישיעה; רבי עקיבא און הלל

הזקן; דער רמב"ם און יהודה הלוי; שפינאָזע און דער בעל־שם, משה העס, הערצל און נאָרדוי, פּרץ און שלום־עליכם, ביאַליק און מענדעלע — וועט זיכער אונדזער היסטאָרישע שליחות ניט פאַרראַטן; זיך ניט לאָזן גיין אויף די קרומע וועגן־שטעגן פון אונדזער מאָדערנעם פעטישיזם און שוואַרץ־ברוינער ציוויליזאַציע. ביי זיי איז דרויסנדיקער פּוץ, שווערד און פּאַנצער־קולטור. ביי אונדז איז דאָס געטלעכע וואָרט וואָס לייטערט, רייניקט די נשמה ביים מענטש — דער סימבאָל פון קולטור און ציוויליזאַציע. ארץ־ישראל וועט אונדז געבן די מעגלעכקייט פון קול־טיווירן אונדזער „נשמה גבורה", ווי ב. ריוועקין וואָלט געזאָגט.

1942

די מענטשלעכע אינדיווידואַליטעט אין אונדזער צייט

אַנאַלאָגיעס זייַנען ניט אַלעמאָל דער ריכטיקער מעטאָד, די ריכטי־קע מאָס צו שאַצן די גרויסקייט אָדער נישטיקייט פון דער אָדער יענער פערזענלעכקייט. מ׳קאָן צו אָפט געשטרויכלט ווערן פון איבערשאַצן אָדער אונטערשאַצן געוויסע האַנדלונגען, שטריכן, ניואַנסן — וואָס זייַנען אָנגעמאָסטן פאַר איין פערזענלעכקייט און זאָלן לגמרי זיין פאַלש צו דער אָביעקטיווער כאַראַקטעריסטיק פון דער אַנדערער פערזענלעכקייט. כדי דער פאַרגלייך זאָל זיך לייגן אויפן שכל, ווערן מיר אָפטמאָל אַרייַנפאַלן אין גוזמא׳דיקייט, אין אומזיניקייט.

יעדער מענטש, בפרט דינאַמישע נאַטורן, קרעאַטיווע פערזענלעכייטן — קאָנען פאַרצייכענען אויף אונדזער היסטאָרישן שליאַך, אַפּצייכנס וואָס זייַנען אינדיווידועל, האָבן אַן אייגנאַרטיקע פיזיאָנאָמיע. יעדער שאַפער און שעפערישע פערזענלעכקייט איז דערפינדעריש־אָריגינעל, דערפאַר הינקט אָפט אונטער אין לאָגיק דער פאַרגלייך צווישן צוויי פערזענלעכ־קייטן. דאָס צוזאַמענשמעלצן מעג אויסקוקן אויבנאויפיק נאַטירלעך, היסטאָריש־קאָרעקט, אָבער אין עצם פאַרפירעריש.

דער געניטער קינסטלער־פסיכאָלאָג, מיט דעם שאַרפן דורכדרינ־גענדיקן אויג, וועט פאַר אונדז פאַנאַנדערפלאָנטערן און אַרויספלאָנטערן, דיניקע, קוים־באַמערקבאַרע ניואַנסן, שטריכן — וואָס וועלן בשום־אופן ניט קאָנען אַרייַנגענומען ווערן אין אונדזער פאָרטרעט. נאַטירלעך, רעדט זיך דאָ וועגן פסיכיש־גייסטיקע פאַרגלייכן. פיזישע פאַרגלייכן זייַנען אפשר פאַרשטענדלעכער. ס׳זייַנען פאַראַן, אין גרויסע צאָלן, מענטשן וואָס האָבן פיזיש דעם זעלביקן אָנבליק. איר קאָנט כאַפּן מיטן אויג די ענלעכקייט פון דעם געבוי פון קערפּער, — הויך — אָדער דער היפּוך, קאָליר פון האָר, שוואַרץ־ברוין — לענגלעכע נאָז אָדער קורצע נאָז און אַנדערע אָרגאַניש־פיזישע שטריכן וואו דער פאַרגלייך לאָזט זיך ממש מיט די הענט אָנטאַפּן.

ס׳זייַנען פאַראַן אַלערליי השערות וואָס דערציילן אונדז, מיט גוואַל־דיקע חידושים, אַז דער מענטש און זייַנע האַנדלונגען איז דער אַרויס־וואוקס פון סביבה און עקאָנאָמישע אומשטענדן. אין אַבסטראַקציע — אפשר אַן אָביעקטיוו־רעאַלער פאַקט, וואָס לאָזט זיך קוים אָפּפרעגן. און דאָך — דערציילט אונדז די פּראַקטישעווירקלעכקייט עפּעס אַנ־דערש. מ׳זאָגט אונדז, אַז טאָלסטאָי, למשל, איז אַ פּראָדוקט פון אַ גע־

ווּיסער גייסטיקער און מאַטעריעלער סביבה מיט אַ כעמישן צונויפֿגוס פון קלימאַטישע, געאָגראַפֿישע און עטנישע באַדינגונגען. נו, פּרוּוון מיר פאַרגלייכן אַנדערע פּערזענלעכקייטן וואָס זיינען אַרויסגעהויבן געוואָרן פון דער זעלביקער טאָלסטאָישער סביבה און דאָך — זיינען זיי אַנטקעגנגעזעצטע פּאָליוסן, צוויי קאָנטראַסטן. אָט ווייסן מיר פון פֿאַלן, ווי מענטשן זיינען אַרויסגעוואַקסן פון אַן אָרימער סאָציאַלער סביבה, די אָרימקייט פון די עקספּלואַטירטע מאַסן איז זיי געווען אינטים־נאָענט. האָבן זיי, מיט זייער „פּראָלעטאַריש־פּסיכאָלאָגישער דערציאונג", געדאַרפט מיט זיך סימבאָליזירן און פּערזאָניפיצירן קעמפערישע נאַטורן קעגן דעם סטאַטוס־קוואָ פון אָרימקייט, דלות און עקספּלואַטאַציע — דאָך געפינען זיי זיך אין לאַגער פון עקספּלואַטאָרן פון ערגסטן מין. אָדער נעמט, פאַרקערט, מענטשן וואָס זיינען אויסגעהאָדעוועט און דערצויגן געוואָרן אין לוקסוס, רייכקייט — און די נויט פון די אָרימע מאַסן איז געווען זייער ווייט פון זייער קלאַסן־סביבה, דאָך זיינען זיי אַרויסגעהויבן געוואָרן אַלס בונטאַרן קעגן זייער קלאַס. וואָס איז דען די מאָס וואָס קאָן מעסטן דעם גייסטיקן קלימאַט פון אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ? . . .

אַפילו ביאָ־פיזיש, ווערט אייך דער געניטער פיזיאָלאָג, וואָס איז געוואוינט באַנוצן זיך מיט דעם דעליקאַטן לאַנצעט־מעסערל און מיקראָסקאָפּישן־אויג פאַר אַנאַטאָמישע צוועקן, דערקלערן, אַז ס'קאָנען גאָרניט גילטן קיין שטרענג־אָביעקטיווע אַנאַלאָגיעס. יעדער געבוי פון אַ מענטשלעכן יחיד אָדער אַנימאַלן אָרגאַניזם, איז פאַר דעם ביאָלאָגישן וויסנשאַפטלער אַ קאָלעקציע פון חידושים און רעטענישן, וועגן וועלכע מ'דאַרף נאָך פיל פאָרשן און שטודירן.

דער באָטאַניקער וועט אייך אויך האָבן צו דערציילן מערקווירדיקע מעשות וועגן דער עסטעטישער פלאַנצן־וועלט מיט אירע וואונדער און חידושים. איר וועט זיך דערוויסן אַז די אָדערלעך פון בלעטלעך פון איין און דעם זעלביקן בוים־שטאַם, זיינען פאַרשיידן אין זייערע געבלימלטע צייכנס. דער זאָאָלאָג און נאַטור־וויסנשאַפטלער וועט אייך דערציילן ווי זויג־חיות פון זעלביקן מין אָדער אַ געוויסער סאָרט געפליגל, וואָס זיינען ביאָלאָגיש אידענטיש סיי אין זייערע טואונגען, שטריכן, ווייזן אָבער אַרויס געוואַלדיקע אונטערשיידן אין די גייסטיקע און פיזישע האַנדלונגען, טעטיקייטן . . .

וועגן די בינען און מוראַשקע־משפחות, זיינען אונדז שוין לאַנג באַקאַנט אינטערעסאַנטע, טשיקאַווע, בילדלעכע אָפּהאַנדלונגען איבער דער אייגנאַרטיקייט פון די דאָזיקע מינים. די בינען און מוראַשקע־משפחות, שטעלן מיט זיך פאָר מערקווירדיקע, אָרגאַניזירטע מלוכות. אין זייערע

האַנדלונגען, אַקטיוויטעטן, אַרבעטן זיי האַרמאָניש־קאָמונאַל — און דאָך גייט ניט לאיבוד יעדנס אינדיווידואַליטעט. די דאָזיקע מערקווירדיק־אָרגאַניזירטע מלוכות רעגן אונדזער געדאַנק וועגן דער נאָענט־ווייטער צוקונפט פון דער מענטשהייט. אַלץ איז געבויט אין זייערע וועלטן אויף קעגנזייטיקער אַרבעט און קעגנזייטיקער הילף; זייערע אינדיווידועלע „נשמות" ווערן ניט פאַרטאַכלעוועט פאַר דער שטאַטלעכער עקספּלואַטאַציע . . .

אין אונדזערע טעג, ווען מיר הויבן זיך אָן דערגרונטעוועון צו די סודות׳דיקע רעטענישן פון אייביק־מאַטערנדיקע פּראָבלעמען פון אונדזער „זיין", אַ דאַנק דער אָבזערוואַציע־פֿייאיקייט פון דעם גיגאַנטישן אויג פון מיקראָסקאָפּ און אַ דאַנק דעם פלי־אַרויף פון אונדזערע טעכנאָלאָגישע וויסנשאַפטן, — וואָס האָבן די באַגריפן פון צייט און רוים געענדערט און געשאַפן די סכעמע פון אַלטן חלום — וועגן אוניווערסאַלער פאַרברידערונג — און דאָך, געפינען מיר זיך אין אַ סטאַדיע ווען די מענטשלעכע אינדיווידואַליטעט ווערט פאַרלוירן אין דעם ברייטן ראַם פון גרויס־מויליקע שטאַטן, וואָס שליגען אין זיך איין אָן אַ סוף מענטשן־נשמות מיט זעלבסטשטענדיקע קאָנטורן אויף אונדזער וועלט־שליאַך. דער מענטש דינט ווי אַ שרייפל צו אַ קאָלאָסאַלן „עלעקטרישן דניעפּראָסטראָי", וואָס ווערט אַרומגעפּאַלירט, אַרומגעפּיילט — און אויב, חלילה, מ׳קאָן דאָס מענטש־שרייפל ניט אַריינשטעלן אין דעם בויטיקן אָרט פון דער קאָלאָסאַלער שטאַט־מאַשין, ווערט עס אָן רחמנות בראַקירט, ליקווידירט און אָוועקגעשיקט אויף יענער וועלט . . . גראָד איצט, ווען ס׳דוכט זיך אויס אַז מיר האָבן אַזוי פיל אויפגעטאָן אויף פאַרשיידענע מענטשלעכע געביטן, וואָס וואָלטן פאַרלייכטערט און פאַרשענערט דאָס מענטשלעכע צוזאַמענלעבן — האָט זיך דער גאַנצער פונדאַמענט אָנגעהויבן טרייסלען. די אָנגעזאַמלטע אוצרות פון אַלע צייטן ווערן געדראָט איינגעשלונגען צו ווערן אין דעם אָפּגרונט פון דער וועלט־ערד־ציטערניש . . .

אָבער, אויב אַ נס זאָל געשען, און זאָל פאַרהיטן די וועלט פון דער דראָענדיקער קאַטאַסטראָפע, וועט זיך דער מענטש מוזן פאַרטראַכטן, אַז דער נייער „בבל־טורעם" — צו דערגרייכן די העכסטע הויכן, זאָל איבערגעבויט ווערן אויף אַזאַ פונדאַמענט, וואו דער „מענטש־איך" זאָל ניט איינגעשלונגען ווערן; אַז דער טעכנאָלאָגישער „מבול" זאָל אים ניט אָפּשווענקען פון דער ערדישער געדעכעניש . . .

1945

דער אידייען-צווילינג

אין דעם גאַנג פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, לויפן פּאַראַלעל צוויי דערשיינונגען, צוויי פּאַקטאָרן, וואָס זייַנען אפשר די דאָמינירנדיקע און אַנטשיידנדיקע אין דעם לויף פון אונדזער קולטור־געשיכטע. יעדער וואָרט, יעדער באַגריף און טאַט, יעדער מענטשלעכע און נאַטור־דערשיינונג גייט דורך די מילשטיינער פון אונדזער דואַליסטישער קולטור־געשיכטע.

עס איז ניט מעגלעך דער טאָג אָן דער נאַכט. דאָס ליכט אָן דעם שאָטן. דאָס לעבן אָן דעם טויט. פּראָגרעס אָן רעאַקציע. זון־אויפגאַנג אָן זון־פאַרגאַנג. מיט אַנדערע ווערטער: — יעדער באַגריף, יעדער וואָרט האָט זיין היפוך. אָט דאָס איז דער גורל פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, זייט קדמונים, די צייט ווען וועלט — דער באַגריף פון ציוויליזאַציע, איז נאָך געווען אין אַבסטראַקטן חלל.

ווען אונדזערע קולטור־היסטאָריקער און פאָרשער וואָלטן סכעמאַטיזירט זייערע שטודיעס, אינטערפּרעטירט זייערע געשיכטלעכע אויספאָרשונגען און באַגרינדונגען אין דעם ליכט פון דער דאָזיקער דערשיינונג, וואָלטן אַ סך פון די וועלטלעך־מענטשלעכע מיספאַרשטענדענישן אויסגעמידן געוואָרן — און מיר וואָלטן ניט געוואָרן פּעסימיסטיש, אַסקעטיש — און אַלץ פאַרוויקלט, פאַרוועבט אין פּעדאַנטישן סקעפּטיציזם. ווען עס געשעט עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע איבעראַשונג, אַן אויפברויז, אַן איבערקערעניש פון מענטשלעכן גייסט און געדאַנק, ווערן מיר מיטגעריסן מיט דעם אימפּרעסיאָניסטישן זאויסטייטש פון דער צייט — און דערפאַר דער אויסגעשריי, דער טומל, דער קרעכץ. פיינלעכער שרעק פון אומקום, פון צעשטערונג, ווערט דער סינאָניב פון פריערדיקן אָפּטימיזם, און לעבנס־לוסט.

*

אין אַן אַלטער יידישער לעגענדע ווערט דערציילט פון אַ לייטער וואָס שטייגט פון ערד צום הימל און פון הימל צו ערד. אַ סך פון די פאָלקס־ווערטלעך, וואָס האָבן זיך געוועבט פאַר טויזנטער יאָרן און וואָס זייַנען בירושה איבערגעגאַנגען פון דור־צו־דור, וועגן עולם־הבא און עולם־הזה; וועגן גן־עדן און גיהנום — איז אין זייער תוך אַריינגעלייגט געוואָרן די סובסטאַנץ פון וועלט. עס איז אין פשוט'ע נאַאיווע פאָלקס־

יערטלעך געשאַפן געוואָרן דער סינטעז פון גייסט און מאַטעריע. עס איז ניט מעגלעך דער געדאַנק אַז דעם מאַרד־אָרגאַניזם, וואָס איז אין זיין עצם די מאַטעריע פון געדאַנק. שפינאָזע האָט מיט זיין אַקסיאָם — אַז וועלט און גאָט איז די אויסשטראַלונג פון איין און דעם זעלביקן שורש, גאַרנישט מחדש געווען. ער האָט ניט מער ווי קאָנקרעטיזירט דאָס אַנאָנימע אין פאָלקס־באַוואוסטזיין. ער האָט די אַלעגאָרישע פאָלקס־ווערטלעך סכעמאַטיזירט, זיי אַריינגעפירט אין די רייפן פון דאָגמע, פון אידייע. ער האָט אַקסיאָמאַטיש אויסגעדריקט דאָס וואָס איז אין דער פאָלקס־פסיכיק געווען צעשוואומען און ניט קלאָר.

⁂

פעסימיזם איז אַ פאַלשע פילאָזאָפיע, צוליב איר אינטראָספעקטי־ווער אויפפאַסונג. ווען אַ מענטש גייט אויס פון הונגער, איז עס גאַנץ נאַטירלעך, אַז זיין מיינונג וועגן דעם זאַטן און אָנגעפרעסענעם זאָל ניט זיין אַזאַ פויגלדיקע און פּאָזיטיווע, אין ליכט פון אָביעקטיווער אָבזער־ווירונג. ער קאָן אין זיינע פיזישע אומשטענדן ניט טראַכטן אָביעקטיוו און פאַרשטענדלעך אין הסכם מיט דער פאַקטישער, רעאַלערווירקלעכ־קייט. ווען דער מענטש שטייט אויפן שיידוועג פון „זיין" און „ניט־זיין", אַנטפּלעקט זיך פאַר אים דער הכל־הבל פון אונדזער מענטשלעכער וועלט. ווען אַ מענטש דערגרייכט אַ זייער הויכן עלטער, גלאָריפיצירט ער זיין פאַרגאַנגענהייט. ער רעדט מיט בענקשאַפט, נאָסטאַלגיש פון „אַמאָל איז געווען . . ." דער נעכטן ווערט זיין רעאַלע וועלט און ניט די צוקונפט פון וועמענס גליק ער קאָן שוין ניט געניסן. עס דערמאָנט אונדז דאָ אין דעם יידישן קעניג שלמה, וואָס האָט אין זיין יוגנט־גלאַנץ געזונגען „שיר־השירים", דאָס געזאַנג פון לעבנס־לוסט און האָפענונג און אויף זיין גרייז־גרויען עלטער — דאָס כמעט פעסימיסטישע שוואַן־ליד „קהלת". דאָס איבערצייגט אונדז, אַז ווען דער יחיד פילט דעם טעם פון טויט, הערט ער אויף פסיכיש נאָרמאַל צו פונקציאָנירן. די שענסטע דערגרייכונגען וואָס די מענטשלעכע נאַטור האָט אַרויסגעבראַכט האָבן שוין פאַר אים דאַן ניט קיין זין און ממשות. ער הייבט זיך אָן מאָלן אַ צווייטע וועלט. אַ וועלט וואָס האָט ניט קיין דאַאיקע עקזיסטענץ. ווען אַ מענטש פילט זיך ניט ווי אַמבעסטן, קאָן ער ניט פאַרדייען זיין שפּייז מיט דעם זעלביקן אַפּעטיט ווי בשעת ער פילט אויפגעלייגט און מונטער. ער פילט אין אַלץ דעם טעם פון ביטערקייט, גריזאַטע. דעריבער איז עס געווען זייער ראַציאָנאַל פון אונדזערע יידישע גאונים, וואָס זיי האָבן די פעסימיסטישע לעבנס־פילאָזאָפיע באַקעמפט אַלס אַ נעגאַטיוו־פאַלשע און ניט רעאַליסטישן

אויסטייטש פון לעבן און וועלט.

פעסימיזם איז ניט מער ווי אַ פּאַרפירערישער באַגריף וואָס איז באַ־גרינדעט אויף פאַטאַליזם און אינדיווידועלן טראַגיזם.

ס'ליגט אין דעם דאָזיקן קאַמף וואָס דאָס יידנטום האָט געפירט קעגן פעסימיזם אונדזער אַלטער באַגריף פון דער לעגענדע וועגן הימל און ערד.

⁂

מיר מוזן אויפפאַסן אונדזער געשיכטלעכן פּראָצעס פון דער דואַליס־טישער קאָנצעפּציע. דאָס דאַרף זיין אונדזער איצטיקער אויפגאַב ביים היינטיקן צערודערטן לעבן פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע קאָפּ־דרייעניש אין אונדזער וועלט־געזעלשאַפט; צו שאַפן דעם אמת'ן סינטעז פון גייסט און מאַטעריע. דאָס יידנטום איז שוצלאָז און איבעראַל אויסגעזעצט צו פאַרלירן זיין עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן אָנהאַלט — ווייל ער איז איבעראַל אַ מינדערהייט און האָט ניט דעם באָדן אונטער די פיס, וואָס איז נויטיק פאַר אַ בליענדיקן און שפּראָצנדיקן בוים. דער יחיד פונקט ווי אַ פאָלקס־קאָלעקטיוו איז פּרוכטבאַר דאַן, ווען ער איז סאָציאַל פאַרזיכערט, אויב ניט, הייבן זיך אָן אַנטוויקלען אין אים סימפּטאָמען פון אַנאַרכיע און רעוואָלט. די געשיכטע פאַר די לעצטע 25 יאָר אילוס־טרירט אַמבעסטן וועגן די דאָזיקע אמת'ן. דער דראַנג פאַר סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. ביידע גייען האַנט־אין־האַנט. איינער אָן דעם אַנדערן איז לאַגיש און פּראַקטיש אוממעגלעך.

1941

אַנטיסעמיטיזם פון דער לינקער זייט

אין אַן אַרטיקל — „מאַרקס־היטלער" — האָב איך אַמאָל געמאַכט אַ פּאַרזוך צו פאַרגלייכן די באַציאונגען, וואָס עס האָבן די, אין ת ו ך צוויי באַזונדערע פּערזענלעכקייטן צו יידן און יידנטום. פּערזענלעכקייטן וואָס זיינען ווייט איינער פון אַנדערן אין זייערע וועלט־אַנשויאונגען, ווי הימל פון ערד און ווי מערב פון מזרח. אָבער אין איין צענטראַלער פראַ־גע קומען זיך ביידע קאָנטראַסטן צונויף. ביידע עקספּלואַטירן פאַרשיי־דענע צוגאַנגען און באַגריפן אין דער אויסטייטשונג פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אָבער, ווי פאַראַדאָקסאַל ס'זאָל נישט קלינגען, קומען זיי ביידע צו די זעלביקע קאָנסעקווענצן, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן דער יידן־פראַגע.

אין זייערע אויספירן זיינען אפשר פאַראַן ניואַנסן פון וואַריאַציעס. איינער רעדט אין דער שפּראַך פון וויסנשאַפטלעכע פאָרמולעס און דער אַנדערער אין דער שפּראַך פון אַ גראָב־יונקערישן סאַדיסט. אָבער אין תוך — די זעלביקע גיפטיקע ציין־ און וואַמפּירן־מיילער אין דער „ליי־זונג צו דער יידן־פראַגע" . . .

מיר וואָלטן זיכער געוואָלט ס'זאָל זיין אַנדערש. ווייניק שונאים פאַרמאָגן מיר דען? מוזן מיר דען צושטעלן צו דער קאַטעגאָריע פון יידן־פיינט קאַרל מאַרקס'ן, וואָס שטאַמט אַליין פון יידן?

וואָלטן מיר אפשר איגנאָרירט דאָס פאָלעמישע ביכל, וואָס איז גע־שריבן געוואָרן פון יונגן מאַרקס וועגן דער „יידן־פראַגע". מיר וואָלטן אפשר געטאָן ווי אַ סך יידיש־סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישע אָרטאָדאָקסן, פאַררעדט זיך און יענעם די ציין, זיך געטרייסט מיט חלשות־טראָפּנס . . .

אָבער אַ סך פון די קריסטלעכע אָדער נישט־יידישע יורשים פון מאַרקס'עס סאָציאַליזם נעמען אָן מאַרקס'עס יוגנטלעכע „נאַרישקייטן", אַזוי ווי מיר האָבן זיי געלייענט, און נישט ווי עס האָבן עס אינטערפּרע־טירט און פאַרשטאַנען אונדזערע יידיש־פּראָלעטאַרישע „געלערנטע", וואָס האָבן אונדז געפּרואווט „אויפקלערן" מכוח „סודות" צו וועלכע מ'דאַרף אָנווענדן ערשט־קלאַסיקע דענק־באַגריפן . . . טאַקע ווייל די נישט־יידישע מאַרקסיסטישע אידעאָלאָגן האָבן נישט געמינערט קיין אות פון מאַרקס'עס יידן־פיינטלעכע „פילאָזאָפיע", איז עס פון באַזונדערער נויטווענדיקייט, אַז מיר זאָלן וויסן: — ווער זיינען עס אונדזערע פריינט

און ווער אונדזערע שונאים.

דער פֿאַרשטאָרבענער סאָציאַליסטישער דענקער און מאַרקסיסטישער אויסטייטשער און פּאָפּולאַריזאַטאָר, קאַרל קאַוטסקי, וואָס קאָן זיכער נישט קלאַסיפֿיצירט ווערן אין דער קאַטעגאָריע פֿון אַנטיסעמיטן. עס קאָן גאָר קיין חשד נישט פֿאַלן אויף זיין פֿריי־גייסט, אַז ער איז געווען סימפּאַטיש צו דעם אויסראָט־קאַמף וואָס ס'האָבן געפֿירט די היטלער־טיראָנאַלים קעגן יידישן פֿאָלק. ער האָט ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דעם נאַצי־באַנדיטיזם, וואָס ווערט אויסגעפּרואווט אַף אומשולדיקע נפשות, וואָס ווערן דורך ביאָ־פֿיזישן צופֿאַל באַטיטלט אַלס יידן. אָבער ווען איר לייענט זיין בוך וועגן „ראַסע און יידן“, זעט איר ווי דער דאָזיקער ליבעראַל־סאָציאַליסטישער דענקער אידעאַליזירט יענע אַסימילאַטאָרישע טענדענץ, וואָס לייקנט אין דער עקזיסטענץ פֿון יידן אַלס אַ באַזונדער פֿאָלק. ער באַנוצט זיך מיט אַלע, יענע פֿאַר אונדז באַקאַנטע אַרגומענטן, וואָס ס'האָבן באַנוצט אונדזערע אַלטע און היינטיקע אַסימילאַטאָרן אויף דער יידישער גאַס, אַז יידן האָבן נישט קיין אייגנאַרטיק־נאַציאָנאַלע אייגנשאַפֿטן און זייער איינציקע לייזונג איז: — דורך אויפֿלייזונג. זיי דאַרפֿן זיך איינגלידערן אין דעם פֿאָלק צווישן וועלכן זיי לעבן. דאָס איז, לויט זיין שטאַנדפּונקט, די איינציקע לייזונג פֿאַר יידן.

נאַטירלעך איז פֿאַראַן אַן אונטערשייד צווישן די היטלעריסטישע און סאָציאַליסטיש־אַסימילאַטאָרישע טענדענצן אין דעם אויפֿפֿאַס און אין דער באַציאונג צום יידישן פֿאָלק. די ערשטע זוכן אונדזער פֿיזישע אויסראָטונג, מחמת דעם פֿענאָמענאַלן כוח וואָס מיר באַזיצן און איבן אויס אין דער פֿאַרניכטונג פֿון דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע. זיי זוכן אונדזער פֿאַרטיליקונג אויפֿן יסוד פֿון גלויבן, אַז מיר זיינען אַן „אינטערנאַציאָנאַלער פֿאַראייניקטער כוח“, וואָס וויל זיך אַריינפֿרעסן מיט זיינע „רעוואָלוציאָנער־צעשטערנדיקע באַצילן אין דעם אָרגאַניזם פֿון זייער פֿאָלק“. די אַנדערע אָבער זוכן אונדזער אויסלייזונג, אויפֿן גרונט פֿון נישט גלויבן. זיי גלויבן נישט, אַז מיר פֿאַרמאָגן יענע עלעמענטן, וואָס דאָמינירן דעם אָרגאַניזם פֿון אַ זעלבסטשטענדיק פֿאָלק. מיר האָבן נישט קיין פּאָליטיש־טעריטאָריעלע מאַכט; מיר פֿאַרמאָגן נישט קיין איינהייטלעכע שפּראַך און קולטור; מיר באַזיצן נישט קיין איינהייטלעכע עקאָנאָמיש־סאָציאַלע סטרוקטור און אַנדערע ספּעציפֿישע עלעמענטן וואָס ווערן „וויסנשאַפֿטלעך“ צוגעשריבן צו די באַזיך־עלעמענטן פֿון אַ באַזונדער פֿאָלק.

לעניק, אין זיין בוך: — „וועגן דער נאַציאָנאַלער און יידישער פֿראַ־

געֿ" פרעגט: "צי שטעלן די יידן מיט זיך פאַר אַ פאָלק?" — און ער ענטפערט — „הגם אין דער גאָר וויטער פאַרגאַנגענהייט זיינען זיי בלי־שום־ספק געווען אַ פאָלק, פונדעסטוועגן ענטפער איך אויף דער דאָזיקער פראַגע מיט אַ קאַטעגאָרישן ניין!" — ער גייט נאָך ווייטער — „ביי די יידן איז שוין נישט פאַראַן קיין געמיינזאַמע שפּראַך און נישט קיין טעריטאָריע . . . די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון יידן האָט גאַרנישט אַזוינס, וואָס זאָל טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון נאַציאָנאַליטעט . . . ווער עס שטעלט דירעקט אָדער אומדירעקט דעם לאָזונג פון יידישער נאַציאָנאַלער קולטור, דער איז (וואָס פאַרא גוטע כוונות ער זאָל נישט האָבן) אַ שונא פון פּראָלעטאַריאַט . . . אַ מיטהעלפער פון די רבנים און די בורזשויען . . ." (ערשטער באַנד אין יידישער איבערזעצונג פון ראָזענטאַל, צענטראַלער פעלקער־פאַרלאַג פון ס.ס.ס.ר., מאָסקווע, 1927).

נו, באַשטעטיקן נישט אַזעלכע געדאַנקען די ריכטיקייט פון מיין טעזיס? בזיטיקן זיך איבעריקע קאָמענטאַרן? . . .

אויך דער עקסטרעמער סאָציאַל־דעמאָקראַט, אָטאָ באַוער, אין זיין ווערק וועגן דער „נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע" גייט אין דעם זעלביקן דרך פון זיינע סאָציאַליסטישע קאָלעגן. די זעלביקע באַציאונג צו יידן אַלס אַ באַזונדערע נאַציאָנאַליטעט און דער זעלביקער אויספיר. אַלע פעלקער ווי די פראַנצויזן, פּאָליאַקן, דייטשן, בולגאַרן, טשעכן, רוסן און זייער גלייכן האָבן עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג אַלס באַזונדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזמען אין דער וועלט — אָבער נישט די יידן.

אויך דער ליבעראַל און כמעט־קאָמוניסטישער שריפטשטעלער, טעאָדאָר דרייזער, טראָגט צו זיין ביישטייער צו דער דערמאָנטער גאַלעריע פון סאָציאַליסטישע דענקער, וועגן יידן און יידישער קולטור. אין אַ פּאָלעמישן אַרטיקל, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דעם ענגליש־אַמעריקאַנעם ליבעראַלן זשורנאַל — „די ניישאָן" (4טן יולי, 1936), וואָס איז פול מיט באַליידיקנדיקע עפּיטעטן וועגן יידן און יידישער קולטור, זאָגט ט. דרייזער דאָרטן דאָס פאָלגנדיקע: „אין אַ צייט ווי איצט, ווען די סאָציאַלע לאַגע איז אַזאַ אומזיכערע, ווען עס דאָמינירט דער גייסט פון עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם און דזשינגאָאיזם און זייער גלייכן, וואָלט מיין באַציאונג צו יידן, ביי אַן אַנדער גרופּע, אָדער מחוץ די ברעגן פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט — מן־הסתם געפירט צו אַ פיזישן פּאָגראָם און עקאָנאָמישן באָיקאָט פון ערגסטן און ברוטאַלסטן כאַראַקטער . . ."

אויך לעאָן טראָצקי האָט אַליין פּראַקטיצירט און מאַניפעסטירט דעם עקסטרעמסטן סאָרט פון אַסימילאַציע אין באַצוג צום יידנטום. ערשט אַלס אַ פאַרטריבענער און געֿרודפֿטער פון דער קאָמוניסטישער „אַגפּו",

הייבט ער זיך אָן פֿאַראינטערעסירן מיט יידישע ענינים און האָט אפילו חרטה אויף זיינע אַמאָליקע חטאים, וואָס האָבן דעם יידישן פֿאָלק קיין סך נחת נישט פֿאַרשאַפֿט. אָבער זיינע אַמאָליקע מעשים זיינען געווען סימפּטאָמאַטיש צו דער אַלגעמיינער באַציאונג פֿונעם מאַרקסיזם צו יידנטום.

ניט מער, ער איז אין דעם אויספּיר פֿון די מאַרקסיסטישע טעאָריעס וועגן יידן געווען קאָנסעקווענט. קאָן עס מן־הסתם צוגעשריבן ווערן צו זיין יידישן אָפּשטאַם. ווי דאָס פֿאָלקס־ווערטל גייט — אַ ייד אַ משומד דאַרף זיין „פֿויפּסטלעכער פֿון פֿויפּסט" . . .

אויף אַ באַזונדער אומריינעם אופֿן האָט די יידישע „יעווסעקציע" געפּראוווט אויסראָטן אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיטן יידישן נאַציאָנאַליזם און מיט יידישקייט. אַפֿילו דער היינטיקער רעפֿאָרמיזם אין דער באַציאונג צו „יידישער קולטור" אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און דער טאַצן־געקלאַפּעריי פֿון די יידישע קאָמוניסטן מחוץ דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, מכוח „יידישער קולטור" איז זוויך: היפּאָקריטישער אָנשטעל און באַזירט אויף אומעטישע מאָטיוון. לייענט זייערע ווערק און איר וועט אויסגעפֿינען, אַז אַ חוץ די העברייאישע אותיות, האָבן זייערע שאַפֿונגען קיין שייכות ניט מיט יידישקייט און יידישער קולטור. (פֿאַרדאָן, אפשר האָט עס יאָ אַ שייכות מיט אָפּשפּאָטעריי פֿון יידישע שאַפֿונגען און יידישע שעפֿער). זייער גאַנצער גייסטיקער באַגאַזש באַשטייט פֿון בוכשטעבלעכע איבערזעצונגען פֿון אַלעס וואָס ווערט געשאַפֿן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אויף רוסיש. זייערע העלדן, וואָס ווערן אַריינגעפֿירט אין זייערע ווערק, לעבן ניט און אָטעמען ניט קיין עכט יידיש לעבן. זיי זיינען גראָטעסקע פֿיגורן פֿון יידישע העלדן־טיפּן. דאָס אמת'ע און פֿאַרכאַפּנדיקע יידיש לעבן קומט ביי זיי אַרויס קאַריקאַטור־מעסיק און היסטאָרישער אַבסורד.

אָט זיינען עטלעכע מוסטערן ווי אַזוי זיי באַהאַנדלען יידישע שעפֿער און גראָד יענע וואָס האָבן אַ רעוואָלוציאָנערע פֿאַרגאַנגענהייט און ווערן באַטראַכט אַלס ערלעכע סאָציאַליסטן און ליבעראַלן. וועגן לייוויק'ן שרייבט מען דאָס פֿאָלגנדיקע: „דער ניו־יאָרקער באַהעמיש־יידישיסטישער שריפֿטשטעלער, האָט די אַמאָליקע ראַדיקאַלע שטרענגהייט פֿון זיינע „סיבירער שנייען" גאַנץ גיך אויסגעביטן אין קליינגעלט פֿון רעאַקציאָנערער קאַפּע־פֿילאָזאָפֿיע" . . . דער ליטעראַטור־קריטיקער ש. ניגער ווערט ניט אַנדערש כאַראַקטעריזירט ווי — „יידישיסט־פֿאַשיסטישער קריטיקער" . . . וועגן יעקב לעשצינסקי ווערט געשריבן דאָס פֿאָלגנדיקע: „לעשצינסקי איז אַפּנים געקומען אין פּוילן מיט אַ באַשטימטער שליחות צו אָרגאַניזירן די פֿאַשיסטישע אידייע צווישן דער פֿאַרצווייפֿלטער יידי־

שער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, וואָס רעוואָלוציאָניזירט זיך צו די אָקטאָבער־שלאַכטן אין פּוילן" . . .

וועגן דעם „יידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע ווערן די ווייטערדיקע פּערל געשריבן: „דער 'ייוואָ'־אינסטיטוט אין ווילנע פאַרנעמט זיך מיט דער פּראָבלעם, ווי אַזוי טיפער אַריינברענגען דעם פאַשיזם אין די ברייטסטע מאַסן און באַמיט זיך מיט אַלע מיטלען צו ראַטעווען די קאַפּיטאַליסטישע וועלט פון אונטערגאַנג"... נו, זיינען איבער אַזעלכע „ליטעראַרישע פּערל", ארויסגענומען פון „אויפן וויסנשאַפטלעכן פראָנט"־בולעטין פון אינסטיטוט פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור, ביי דער ווייסרוסישער אַקאַדעמיע—מינסק, 1933, ניט נויטיק קיין פּירושים. נאָך אין די צענדליקער אַזעלכע עפּיטעטן קאָן מען דאָרטן געפינען אויפן חשבון פון דער יידישער שרייבער־משפחה פון אויסלאַנד. און דאָ האָבן מיר מיט אַ כיוון געבראַכט אויסצוגן ווי אַזוי עס ווערן כאַראַקטעריזירט יענע עלעמענטן מיט רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע און אַ פאַרברייכער פאַרגאַנגענהייט פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און אַלס טרעגער פון די אידייען פאַרן גע'רודפ'טן און געפּלאָגטן מענטש אָן אונטערשייד פון ראַסע און נאַציאָנאַליטעט. וועגן די ציוניסטיש־העברייאישע שריפטשטעלער איז דאָך שוין אָפּגערעדט. זיי זיינען אַלץ וואָס אין דער קאָרט . . .

וואָס פאַר אַ שייכות האָט די ביבליש־תלמוד'ישע ליטעראַטור מיטן יידישן שאַפן דאָרטן? וואָס פאַר אַ נאָענטקייט ברענגט זיי צוזאַמען מיט דער רעליגיעז־פילאָזאָפישער ליטעראַטור פון אַ רמב"ם, אַ יהודה הלוי אָדער אַן אבן־גבירול? נעמען די „יידישע קולטור־שלאָגלער" פון סאָוועטן־לאַנד אריין אין זייער „קולטור־אוצר" די ספרים פון די חסידישע, מיסטיש־קבלה'יסטישע און רבנ'ישע שעפער? וואו איז די בריק וואָס פירט צונויף די שאַפונגען פון דער יידיש־העברייאישער קולטור פון גאַנצער וועלט, מיט דעם דריי מיליאָניקן יידישן ישוב אין סאָוועטן־פאַרבאַנד? וואו זיינען יענע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, וואו ס'זיינען פאַרטראָטן די פירנדיקע טוער פון דער פּראָלעטאַרישער מדינה? וואָס איז די קולטור־אָרגאַניזאַציע „ייוואָ" אין ווילנע, מחוץ די סאָוועטישע ספערן? צי דער העברייאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים צו די „קולטור־בויער" פון די יידישע קאָמוניסטן, אויב ניט אַגענטורן און פאַרשפּרייטער פון „יידישן פאַשיזם און קלעריקאַליזם"? שרייבן עס דאָך בפירוש זייערע שריפטשטעלער אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע און אין זייערע פּעריאָדישע שריפטן. טאָ, וואו איז דער געמיינשאַפטלעכער באָדן, אויף וועלכן יידישע פאַרטרעטער קאָנען זיך צונויפרעדן מכוח דער עקזיסטענץ

און דער ווייטערדיקער פּרעזערוואַציע פון יידישער קולטור — יידישע קולטור ווי אַ המשך און ניט קיין אָנהייב ? . . .

זיי אַרט ניט די גאַנצע נייַע טויזנט יעריקע יידישע קולטור און די גאַנצע היינטיקע ציוויליזאַציע, וואָס איז דאָך, אייגנטלעך, אַ פאַלשע אימיטאַציע און אַ פאַרקריפּלונג פון דער יידיש־עטישער מאָראַל און פון יידישן געניוס.

די גאַנצע געשיכטע, אַז ייִדן זיינען אַ באַזונדער פאָלק מיט ספּעציפיש־נאַציאָנאַל־קולטורעלע אייגנשאַפטן, זיינען פאַר זיי „פאַנטאַסטישע אויסטראַכטעניש" פון שאָוועניסטיש־רעאַקציאָנערע מוחות . . .

ווען אונדזערע היינטיקע „רויטע נאַציאָנאַליסטן" צערייסן זיך דעם פּעלץ און פּרואוון אונדז „באַווייזן", אַז אונדזער טרעוואָגע וועגן דער געפאַר פון „סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישן אַנטיסעמיטיזם" איז אומבאַרעכטיקט און אַ בילבול, נעבעך, אויף זייערע אידעאָלאָגן, — אַ באַוויז איז דאָך, ווי עס לייזט די יידן־פראַגע דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, דער „גן־עדן פון סאָציאַליזם" . . . זאָגן מיר די דאָזיקע „כאַכאָמים", אַז מיר זיינען זיי מקנא, ווייל זיי האָבן די מעגלעכקייט צו גלויבן פונקט אין דאָס פאַרקערטע פון דער רעאַלערווירקלעכקייט . . .

מיר זיינען זיי אָבער חושד, אַז זיי האָבן זייערע קלאַסיקער ניט געלערנט, אָדער פאַלש פאַרשטאַנען. זיי רעדן זיך איין פייגעלעך אין בוזעם. זיי לעבן אונטער דער ווירקונג פון היפּנאָז און ווירויך . . .

אָבער די געשיכטע וועט זיי אַמבעסטן איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון אונדזער טעזיס—און דאַן, ווען זיי וועלן זיך אָנשטויסן מיט דעם באַקעטן אמת, וועט זיין באמת אַ צער אַ קוק צו טאָן אויף די אויסגעשפּיגענע, באַנקראָטירטע גופים. זיי וועלן דעם אמת באַגעגענען מיט טראַגיזם און צעווייטיקטע נשמות, פונקט ווי אַ סך פון די „דייטשע יהודים", ווען זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן מיט דעם אמת פון לעבן. זיי זיינען געווען פיזיש און גייסטיק צו שוואַך צו קאָנען אַריבערטראָגן די היטלער־טראַגעדיע, און אַ סך פון זיי האָבן געענטפערט די דאָזיקע לעבנס־דילעמע מיט — זעלבסטמאָרד . . .

1940

רויטע אַסימילאַציע

עס זיינען פאַראַן נאַאיוו־גלויביקע אין אונדזער יידיש־געזעלשאַפט־לעכן לעבן, וואָס מיינען ערנסט, אַז די „פּראָלעטאַרישע קולטור" קומט פּרעזערווירן אַלטע יידישע קולטור־אוצרות און וועט אין דער נאָענטער און ווייטער צוקונפט פאָרזעצן צו שאַפן און אויסהאַמערן די אַלגעמיינע יידישע קולטור. וואונדערט עס וואָס זיי אַליין קאָנען ניט אויפכאַפּן דעם דיסאָנאַנס, דעם פאַלשן קלאַנג פון דעם נייעם וואָרט. די דאָזיקע קולטור קומט טאַקע שאַפן — שאַפן אַ מחיצה־וואַנט צווישן דער אַלגעמיין יידי־שער קולטור. אמת, אַז די „נייע קולטור" שטעלט אירע פיס אויף דעם באָדן פון דער יידישער שפּראַך. עס מיינט אָבער בשום־אופן ניט, אַז זי קומט פאַרוואָרצלען זיך אין דעם „גאָרטן" פון דער יידישער קולטור. שפּראַך, ווי ניואַנסירט זי זאָל ניט זיין און ווי באַליבט ביי די ברייטע פאָלקס־שיכטן, האָט נאָך ווייט ניט דעם חותם אויף יידישער שאַפונג.

דאָס וואָס מיר באַצייכענען אַלס „יידישע קולטור" — אויב מיר פאַרשטייען ריכטיק דעם באַגריף — איז די אָנזאַמלונג פון הונדערטער, צענדליקער דורות אינדיווידועלע און פאָלקס־שאַפונג. „יידישע קול־טור" איז אויך דאָס וואָס קומט פאָרזעצן די אידעאַלן און די געדאַנקען פאַר וועלכע אונדזערע אור־עלטערן האָבן זיך איינגעשטעלט און גע־קעמפט. דאָס וואָס וואָרצלט אין דעם אור־אַלטן באָדן פון דער יידישער שאַפונג, קאָן און דאַרף ווערן אַ גלייכבאַרעכטיקטער גליד אין אונדזער קולטור־לעבן. דאָרטן וואו מ'קומט שאַפן אַ מחיצה — אַן אַנטי־טעזע, הערט אויף זיין יידישע קולטור, כאָטש מען באַנוצט זיך מיט אינסטרו־מענטן און כלים, וואָס זיינען דורך און דורך יידיש. עס זיינען געווען אין אַלע דורות פון אונדזער קולטור־קאַמף, און עס זיינען ביז היינטיקן טאָג געבליבן אַזעלכע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך „אָפּגעטרייסלט" פון אונדזערע גייסטיקע ד' אמות און געפּרעדיקט אידייען און געדאַנקען וואָס זיינען דער קאָנטראַסט פון אונדזער יידישער פאָלקס־נשמה דורך אונד־זער שפּראַך־אינסטרומענט. זיינען די דאָזיקע פּערזאָנען, וואָס זיינען אפשר אין דער קריסטלעכער, ניט־יידישער וועלט, באַטראַכט געוואָרן אַלס „גייסטיקע העלדן", געבליבן ביי אונדז איזאָלירטע, פאַרטריבענע און די יידישע געשיכטע האָט זיי אויסגעשפּיגן פון אירע אַנאַלן. אויב אייניקע זיינען געבליבן אין אונדזער פאָלקס־לעגענדע און אין די ווערק

פון יידישע שריפטשטעלער, דיכטער, ווערן זיי באַטראַכט ווי מיאוס'ע, גייסטיק־דעגענערירטע ברואים, וואָס האָבן ניט געהאַט גענוג מוט און קוראַזש בייצושטיין די יסורים, די „חבלה־לידה" פון דער יידישער אומה. ניט אויף איינצלנע פערזאָנען קאָנען מיר אָנווייזן. עס זיינען אין אונדזער געשיכטע אויך באַקאַנט גאַנצע באַוועגונגען, פאַרשיידענע סעקטעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון יידישן לעבן און געמאַכט שבת פאַר זיך, אָדער געשטעלט זיך אין דינסט פון אַנדערע אידייען און וועלט־אַנשויאונגען, וואָס זיינען ניט יידיש. האָט מען זיי מיט גרויס צער און באַדויערן גע־שטעלט מחוץ למחנה. מען האָט זיי אָנגעהאַנגען דאָס שוואַרצע בלעטל פון פאָלקס־פאַרראַט און זיי צוגעַנאַגלט צום שאַנד־קלאָץ. אַזוי איז גע־ווען מיט די פאַרשיידענע רעליגיעזע סעקטעס פון אור־אַלטער, פון וועל־כע עס האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ נייער גאָט און אַ נייער גלויבן — און וואָס האָט אין שפּעטערע דורות געוואָלט פאַרטיליקן און אויסוואָרצלען דעם יידישן „דת" און די יידישע אומה פון ערד־קוגל. אַזוי האָבן מיר שפּעטער געהאַט צו זאָגן און צו זינגען פון די פאַרשיידענע משיחישע באַוועגונגען, פון וועלכע ס'רוב האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פאַלשע און אונדז אַריינגעשלעפּט אין פּאָליטישע אינטריגעס און אין בלאָטיקע זומפּן, וואָס האָבן פאַרשוואַרצט אונדזערע פּנים'ער. מיר האָבן אויך געהאַט גרויסע פּערזענלעכקייטן, וואָס וואָלטן מיט זייער אידעאַליזם און געניאַלן טאַלאַנט פאַר אונדז געקאָנט דינען אַלס זיילן פון האָפענונג און טרייסט, האָבן זיי אונדזער יידיש לעבן באַשפּיגן און פאַר'חושכ'ט, דורך שלעכטע מעטאָדן און וועגן. די צייט פון אַלגעמיינער רעפאָרמאַציע און די אָנערקענונג פון נאַציאָנאַלער עמאַנסיפּאַציע האָט אויך אַ שיין געטאָן אין אונדזער, דורך די קרייצצוגן און אַנדערע גגישות, פאַרפּייניקטן און פּינצטערן יידישן לעבן. אָבער נאָך דעם דורשט פאַר באַפרייאונג און גלייכהייט האָבן מיר זיך צוגעכאַפּט צו גאָרניט קיין יידישע מיטלען, און באַלד האָט די פרייד אַריינגעבראַכט אַ צעטומלעניש אין אונדזערע מו־חות. אָנשטאָט אויסצופּיינערן און אויסצואיידלען דעם יידישן לעבן, וואָס איז געלעגן אין אַ זומפּ פון גייסטיקן מיסטיציזם און באַהערשט פון דער מעטאַפיזישער גלות־פּסיכיק; צוריקפירן דעם יידישן לעבן אויף דעם אַלטן „דרך־המלך" — האָט מען אין אים געגומען איינשפּריצן דאָ־זעס פון פרעמדע וועלט־אַנשויאונגען, פון וועלכע עס איז אַרויסגעקומען די טראַגישע באַוועגונג אין יידישן לעבן — די השכלה, וואָס האָט גע־ליפערט פּרעטענדענטן פאַר אַ ברייטער שמד־באַוועגונג אין אונדזער קולטור־קאַמף.

אויך איצט קלינגט מען אויף אַלע גלעקער וועגן אַ „נייער קולטור־

באוועגונג" אין יידישן לעבן, וואָס ווייזט זיך אַרויס אין אַלע אירע מיטלען פון אידייען־אויסדרוק, צו זיין די אונדז־באַקאַנטע באַוועגונג וואָס ווערט זיך אין דער נאָענטער צוקונפט אויסשליסן פון אונדזערע יידישע ד׳ אמות און ווערן אַ טייל פון אַ נייער „רעליגיע", וואָס האַלט זיך אין פאַרמירן און די קאָנסעקווענצן וועלן אונדז ברענגען די זעלביקע פרוכט ווי די פון דער השכלה־ערע. זייערע אידייען און זייערע מעטאָדן אין שייכות צו דער „יידישער קולטור" זיינען די זעלביקע וואָס זיינען באַנוצט געוואָרן אין דעם קאַמף פון דער „השכלה". זייערע באַגריפן קלינגען מאָדערן, אָבער זייערע געדאַנקען וואָס זיי פּרעדיקן, זיינען די זעלביקע וואָס ס׳האָבן געפּרעדיקט די גייסטיקע עלטערן פון דער השכלה: — ציניזם און נעגאַציע צו אַלץ וואָס טראָגט דעם שטעמפּל פון פאַרגאַנגענהייט אין דער יידישער געשיכטע און אָפּשפּאָטעריי און חוזק פון די שעפער און שאַפונגען פון אַ אמת׳ער יידישער קולטור. זיי באַנוצן זיך מיט זייערע מיטלען און בלאָזן אויפסניי אַריין לעבנס־אָטעם אין די שוין אַטראָפירטע און פאַרגעסענע בייניער פון די „השכלה"־טרעגער. זיי לעבן צוריק אויף און פאַרשפּרייטן אין די צענדליקער טויזנטער עקזעמפּליאַרן פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור פון יענעם צייט־אָפּשניט אין אידישן לעבן. זיינען זיי דער סינאָנים פון פאַרראַט לגבי אונדזערע פאָלקס־שאַפונגען און פאָלקס־שאַפנדיקע כוחות. זייער קאַמף פאַר דער „פּראָלעטאַרישער קולטור", וואָס ווערט באַגלייט מיט אַזוי פיל פאַנאַטיזם און ממש היילקער אויגן־גלאַצעריי, איז דער סימפּטאָם פון אַ מאַסן־פּסיכאָז פאַר אַ נייער, מאָדערנער אסימילאַטאָרישער באַוועגונג. די יידישע אינטעליגענץ דאַרף אָנהויבן אַ ברייטע קאַמפּאַניע פון אָפּשרייען די לעסטער און ציניקער, וואָס קומען וואָרפן שמוץ אויף אונדזערע פאַרגאַנגענע דורות און זייערע שאַפער און וואָס לייגן שטיינער אויף דעם וועג פון אונדזער צוקונפטיקער פרייער פאָלקס־שאַפונג.

1940

סאָציאַל-עטישע מאָטיוון אין תנ״ך

עס איז געווען אַן אָנגענומענער כלל ביי דער ראַדיקאַלער אינטעלי־גענץ צו אידענטיפיצירן רעליגיע מיטן „הייליקן״ דעספּאָטיזם, מיט רע־אַקציע. רעליגיע איז די דינסטמויד ביים קאַפּיטאַליזם און איז באַזירט אויף פאַרשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע פון אָרימען פאָלקס־מענטש . . .

אין די דאָזיקע טערמינען פּרואוון אונדזערע מאַטעריאַליסטישע פאַרשער אינטערפּרעטירן די רעליגיעזע טראַקטאַטן, וועלכע זיינען ביז דעם 18טן יאָרהונדערט געווען די זיילן פון דער מענטשלעכער קולטור־אַנטוויקלונג.

מיט דעם אויפשטייג פון דער רענעסאַנס־דעמאָקראַטיע איז גלייכ־צייטיק אויסגעוואַקסן אַן אומגעהייער פּובליציסטיש־פילאָזאָפישע ליטע־ראַטור, וואָס שטורעמט די זיילן פון דער רעליגיע און פּרואווט איר מאַכן צו שפּאָט און שאַנד. איז ניט דאָ אונדזער אויפגאַבע צו פאַרטיידיקן די אָנגעגריפענע רעליגיעזע דאָגמעס. עס קאָן געמאָלט זיין, אַז די קריטיק איז טיילוויז באַרעכטיקט, און אין זייערע קריטישע אָפּשאַצונגען זיינען פאַראַן אַ סך אמת׳ן — אָבער צוליב דעמאָראַליזירנדיקע איינפלוסן פון אַנדערע רעליגיעס און צוליב דעם דעגענערירנדיקן פּראָצעס פון געוויסע רעליגיעזע דאָגמעס וואָס זיינען ביז גאָר ניט לאַנג צוריק פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס מאָראַל־עטישע אמת׳ן, האָבן די קריטיקער פאַרזען די סאָ־ציאַל־עטישע אַספּעקטן פון אונדזער תנ״ך. דעריבער ווערט ער מיסאינ־טערפּרעטירט און אידענטיפיצירט מיט אַנדערע רעליגיעזע וועלט־קאָנ־צעפּציעס. ווילן מיר דאָ ניט זאָגן, אַז עס זיינען ניט פאַראַן אין אונדזערע הייליקע שריפטן געוויסע באַגריפן וואָס זיינען פאַרעלטערט, פאַרגליווערט און האָבן ניט מער ווי אַ היסטאָריש־דאָקומענטאַרן ווערט. געוויס זיינען אין תנ״ך, ווי אין אַנדערע ריין־רעליגיעזע ספרים, פאַראַן מיינונגען, גע־דאַנקען, וואָס פּאַסן זיך שוין ניט פאַר אונדזער צייט. מיר דאַרפן אָבער ניט פאַרגעסן, אַז די יידישע רעליגיע איז ניט קיין קאָנאַניזירטע. אונד־זער רעליגיע איז געווען אַ שפּרודלדיקער קוואַל. אירע רעליגיעזע דענ־קער האָבן אַלעמאָל אַריינגעטראָגן רעוויזיעס, לויט דעם געשמאַק פון צייט און אָרט.

די וואָס זיינען באַקאַנט מיט דער אַנטוויקלונג פון אונדזער ביבלי־שער ליטעראַטור ווייסן, אַז ניט אין איין צייט־אָפּשניט זיינען אויסגעשמידט

געוואָרן די אַלע רייכטימער פון אונדזער מאָראַל־עטישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע. עס האָט געוומען דורות פון גייסטיקער אַנטוויקלונג; הונ־דערטער מענטשן־כוחות האָבן צוגעטראָגן זייער חלק, לויט די אָנגענומע־נע באַגריפן פון זייער צייט און סביבה.

דעריבער, ווען מיר האָבן דאָס אין אויג, באַגייען מיר אַ מאָראַלישן פאַר־ברעכן, ווען מיר אידענטיפיצירן דעם תנ״ך מיט אַנדערע היידנישע, מיטל־אַלטערלעכע רעליגיעז־מיסטישע דאָגמעס. בכלל איז דער תנ״ך בשום־אופן ניט קיין ריין־רעליגיעז ווערק. ס׳איז גיכער אַ יידיש, אַל־מענטשלעכע שאַפונג.

אַט זאָגט דר. חיים זשיטלאָווסקי אין זיין ווערק „סאָציאַליזם און מאָראַל״ וועגן דעם נביאים־גייסט די פאָלגנדיקע ריכטיקע ווערטער: „דער סאָציאַליזם ווערט געבוירן ביי די נביאים ווי אַ מ אָ ר אַ ל י ־ ש ע ר סאָציאַליזם, און ער פאַרלירט ניט אָט־דעם גרונט־שטריך זיינעם ביז צום אויפקום פון דעם „וויסנשאַפטלעכן״ סאָציאַליזם פון קאַרל מאַרקס און ענגעלס . . .״

„מיר געפינען ביי די נביאים דעם פלאַמיק־גרימצאָרנדיקן פּראָ־טעסט, אָן אָפּט דורכגעזאָפּטן מיט גיפטיקן סאַרקאַזם, אַנטקעגן די רייכע, די „האַרן״ און די אונטערדריקער; אַ פאַרטיידיקונג פון די אָרימע, פאַר־שקלאַפטע און אונטערדריקטע („צדק ומשפט״); מיר געפינען אויך דעם איינזען, אַז די אומגערעכטיקייטן אין דעם סאָציאַלן לעבן האָבן צו טאָן מיט דער פאַרטיילונג פון אייגנטום אין דער געזעלשאַפט און מיט דער קאָנצענטראַציע פון רייכטימער אין ווייניקע הענט״. (ז. 30)

משה׳ס לאַנד־געזעצן, וועלכע זיינען פאַרקערפּערט אין תנ״ך, קאָ־נען דינען אַלס מוסטער פון סאָציאַלער גלייכהייט נאָך היינט־צו־טאָג — נאָך טויזנטער יאָרן פון קולטור און ציוויליזאַציע אַנטוויקלונג.

דער יובל־געדאַנק וועלכער האָט געפּרעדיקט אַז די נאַטירלעכע אוצ־רות זיינען רייכטימער וואָס געהערן צו גאָט און דעריבער האָט דער יחיד ניט קיין שליטה איבער די דאָזיקע רייכטימער. עס איז „זיין״ אייגנטום און דעריבער דאָס אייגנטום פון פאָלק, פון מענטשטום. דער יחיד, וועל־כער האָט געהאָט אין זיין באַזיץ גרויסע שטרעקעס באָדן, וואַלד, טייכן — איז געווען פאַרפליכטעט, צום פופציקסטן יאָר, עס צוריקקערן צום ציבור. אָט האָט איר דאָ דעם פונדאַמענטאַלן פּרינציפּ פון אָפּשאַפן פּריוואַט אייגנ־טום, וועגן וועלכן אונדזערע מאָדערנע פאַרשער, סאָציאָלאָגן און עקאָ־נאָמיסטן פירן נאָך היינט אַבסטראַקט־פּאָלעמישע וויכוחים.

די מענטשהייט אין דער מאָדערנער צייט פון עלעקטריציטעט־ציווי־ליזאַציע איז געוואָרן עגאָאיסטישער, ווי אין יענע גרויע צייטן פון אור־פּרימיטיווער קולטור.

דאָס דאָזיקע לאַנד־געזעץ פֿון תנ״ך איז היינט־צו־טאָג געוואָרן אַן אַקטועלער פֿאַקטאָר, וועלכן די מענטשהייט וועט סוף־כל־סוף מוזן אָנערקענען, כדי אָפּצושאַפֿן די קאָנצענטראַציע פֿון פּריוואַט־אייגנטום; דאָס אויסגעלאַסענע לעבן פֿון געוויסע יחידים, וועמען דאָס גליק און דער גורל פֿון דער געשיכטע האָט זיי אויסדערוויילט אַלס די באַזיצער פֿון גאָט'ס נאַטירלעכע רייכטימער און די „צעטיילער" פֿון סאָציאַלן יושר און גלייכהייט פֿאַר אַלע אונטערדריקטע און פֿאַרשקלאַפֿטע.

„די דערגרייכונגען פֿון קולטור און ציוויליזאַציע זיינען נאָך נישט מסוגל צו דערהייבן דעם מין־מענטש צו אַ סאָציאַל־יושר'דיק, עטיש צוזאַמענלעבן", זאָגט קאַרל קאַוטסקי ערגעץ אין זיין פֿונדאַמענטאַל ווערק איבער „עטיק". און ווי ריכטיק איז די דאָזיקע מיינונג אין אָנגעזיכט פֿון אונדזער היינטיקן וועלט־קאַטאַקליזם, וואו פֿעלקער מיט קולטור־היסטאָרישע אוצרות האָבן זיך דערקייקלט צום אַטאַוויזם פֿון וואַלד־מענטש.

און דער געדאַנק פֿון שמיטה, פֿון שבת, אַ רו־טאָג, אין יענער צייט, ווען פּלאַטאָן און אַריסטאָטעל, די גריכישע פֿילאָזאָפֿן, האָבן באַרעכטיקט שקלאַפֿעריי ווי אַ נויטווענדיקע אינסטיטוציע אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. זיי האָבן גאָרניט באַגריפֿן, אַז יעדער מענטש האָט דאָס רעכט צו לעבן פֿריי און עקאָנאָמיש גלייך. דעמאָלט ווען דער גאַנצער אָריענט האָט געלעבט אונטער דעם קנאַפּל פֿון שקלאַפֿעריי און קעניגלעכן דעספּאָטיזם, איז אין דעם דערביאיקן ארץ־ישראל אָוועקגעלייגט געוואָרן דער פֿונדאַמענט פֿון מענטשלעכער רעכט און אינדיווידועלער פֿרייהייט, וואָס דינט דער מענטשהייט ווי אַ לייכט־טורעם אויף אַ שטורעמדיקן ים . . .

און איצט די באַזונדערע געזעצן וואָס די יידן האָבן געהאַט אין באַהאַנדלען יידישע „שקלאַפֿן" און אַרבעטער. דער באַלעבאָס דאַרף באַזאָרגן דעם „עבד־עברי" מיט סאַניטאַרע באַדינגונגען . . . ער טאָר אים ניט געבן קיין שפּייז וואָס ער אַליין וואָלט ניט געברויכט . . . די שכירות פֿון אַרבעטער האָבן ניט געטאָרט פֿאַרהאַלטן ווערן. ביי יעדן זון־אונטערגאַנג האָט דער אַרבעטער געזאָרפֿט קריגן זיין געהאַלט. פֿאַרהאַלטן די שכירות ווערט באַטראַכט ווי אַ מאָרד־פֿאַרברעכן . . . דער אַרבעטער איז אַ פֿרייער מענטש און ניט קיין שקלאַף . . . דער וואָס קויפֿט זיך אַ יידישן שקלאַף איז גלייך ווי ער וואָלט געקויפֿט אַ האַר איבער זיך . . . אַ ייד טאָר ניט זיין קיין שקלאַף, ווייל גאָט זאָגט: זיי זיינען זיינע באַדינער און ניט קיין שקלאַפֿן צו שקלאַפֿן . . . ווען איינער האָט זיך פֿאַרקויפֿט אַלס אַ שקלאַף און פֿילט זיך דערנידעריקט און געפֿאַלן טאָר מען אים ניט לאָזן טאָן אַזעלכע אַרבעטן וואָס דערמאָנען אָן שקלאַפֿעריי . . .

זייער פֿיל אַזעלכע און ענלעכע פּסוקים קענט איר געפֿינען אין אונדזערע ביבלישע שריפֿטן און אין די תלמוד'ישע ספֿרים. און די נביאים

וועלכע האָבן געשטראָפט מיט פייערדיקן גרימצאָרן און תוכחה־קללות די יעניקע וואָס האָבן געוואָגט באַגיין אַ סאָציאַלן אומרעכט, אָדער געוואָגט אונטערדריקן און עקספּלואַטירן די אָרימע פאָלקס־שיכטן. אַפילו קעניגן האָבן זיי געהאַט מוט צו זאָגן דעם ביטערן אמת, וואָס נאָך אין אונדזער צייט איז דאָס פאַרבונדן מיט ריזיקע און אָפטמאָל באַצאָלן מענטשן מיטן לעבן אָדער זיינען אויסגעזעצט צו פאַרלירן זייער פערזענלעכע פריי־הייט אין אונדזער געזעלשאַפט.

אָט שרייט צאָרנדיק אויס דער נביא ישעיהו: „הוי משיגי בית בבית ושדה בשדה!"

יאָ, דורך דעם יידישן געדאַנק פון סאָציאַלער גערעכטיקייט האָט זיך די מענטשהייט באַקאַנט מיט דעם אַלגעמיינעם באַגריף פון אוניווערסאַ־לער גלייכהייט און יושר. דער יידישער גאָט איז דער גאָט פון אַבסאָלוטער סאָציאַלער גערעכטיקייט. דער יידישער באַגריף פון סאָציאַלער גערעכ־טיקייט און די אַרבעטער־געזעצן פון תנ"ך זיינען פאַר אונדז היינט אַזוי פריש און סטימולירנדיק ווי אין די צייטן פון משה'ן און די נביאים.

מיט דעם אויפבוי פון אונדזער נאַציאָנאַלן שטאַט אין ארץ־ישראל; מיט דער באַלעבונג פון אונדזערע אַלטע קולטור־אוצרות דאַרפן מיר אויך אָפּפרישן און צופּאַסן די סאָציאַלע עטיק און די מאָראַלישע געבאָטן פון אַלטן טעסטאַמענט צו אונדזער היינטיקער מאָדערנער קולטור־ציוויליזאַ־ציע ... עס איז נאָך דאָ אַ סך צום טרינקען פון אַלטן קוואַל ...

.1938

אידעאַל — צוליב וואָס?

די פראַגע, צי לוינט זיך מקריב זיין פאַר אַן אידעאַל — איז אַ זייער דעליקאַטע און ערנסטע. זי ווערט פיל דיסקוטירט אין פאַרשיידענע אינטעלעקטועלע און אַקאַדעמישע קרייזן. עס זיינען אויך דערשינען וויכ־טיקע ווערק איבער דעם דאָזיקן קאַרדינאַלן פּראָבלעם פון אונדזער גע־זעלשאַפטלעכן לעבן און שאַפן.

ווער עס האָט אַ באַגריף אין פילאָזאָפישע פּראָבלעמען און אידייען, ווייס, אַז עס עקזיסטירן צוויי דיסציפלינען, וואָס פירן איינער קעגן אַנ־דערן אַ פאַרביטערטן קאַמף. דאָס זיינען די צוויי וועלט־אַנשויאונגען: אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם. דער ערשטער איז אַ באַגריף, וואָס איז אַלט טויזנטער יאָרן. שוין די גריכישע פילאָזאָפיע און די יידיש־רע־ליגיעזע מאָראַל האָבן געלערנט וועגן העכערע פאַרמען פון לעבן, און באַ־רעכטיקט דעם לעבן דערמיט, וואָס ער האָט אַ געטלעכן באַרוף אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. די יידישע תורה, — וועלכע וואָרצלט אין דער אידעאַליסטישער געשיכטע־אויפפאַסונג, — באַזירט אויף דעם באַגריף,—אַז ניט אַלץ איז דאָס אָנפילן דעם מאָגן. דער מענטש שטרעבט צו דערהייבן זיך, צו שטייגן צו העכערע לעבנס־פאָרמען. דאָס אַליין איז אַ געניוגנדיקער באַווייז: — אַז ניט אַלץ איז באַזירט אויף די מאַטעריעלע נויטן, ווי עס ווערט אויפגעפאַסט פון דער מאַטעריאַליסטישער שיטה. אָנגענומען, אַז דער מענטש וועט באַזיצן אַלע מאַטעריעלע באַדערפענישן, וועט ער זיין צופרידן? וועט ביי אים זיך ניט אַנטוויקלען אַ ווילן צו ענ־דערן דאָס לעבן? וועט ער דאַן ניט שטעלן די פעסימיסטיש־פילאָזאָפישע פראַגע: וואָס איז דער זין פון „דאָ זיין"? וועט ער ניט וועלן דערגרונ־טעווען דאָס פּראָבלעם פון וועלט־סובסטאַנץ? וועט ער זיין צופרידן ווען זיינע לעבנס־טעג וועלן אויסגעפילט ווערן פון מאַטעריעלער גליקזעלי־קייט?

אַט־די אַלע פראַגן מאַכן אונדז צווייפלען אין דער מאַטעריאַליסטי־שער סיסטעם, וועלכע האַלט, אַז די הויפּט־טרייבקראַפט אין דער געשיכ־טע פון יעדער געזעלשאַפט, זיינען די מאַטעריעלע נויטן און באַדערפע־נישן. די מאָדערנע קולטור־פאַרשער און פילאָזאָפן שטעלן זיך קעגן דער דאָזיקער שיטה. ווייל וואָלט עס געווען אמת, אַז דער פראָגרעס אין דער געשיכטע פון יעדער געזעלשאַפט איז אַ דירעקטער פועל־יוצא פון מאַ־טעריעלע פאַקטאָרן, וואָלט זיך זיכער דער מענטש ניט דערהויבן צו דער היינטיקער קולטור־ציוויליזאַציע. ער וואָלט געבליבן אין זיין אור־פרי־

מיטיוון, חיה'שן צושטאַנד פון אַנטוויקלונג, ווייל ער וואָלט ניט באַגריפן דעם זין פון דערהייבן זיך צו אַ שענערן און באַקוועמערן לעבנס־סטאַנ־דאַרד — אַ באַוויז די חיה, וועלכע איז אַ צוזאַמענשטעל פון די זעלבע אַטאָמען (מאַטעריע+ענערגיע) ווי דער מענטש. דאָך האָט זיך די חיה ניט דערהויבן צו דער דענק־מדרגה און ניט צו קיין העכערן באַגריף פון לעבן, ווייל איר גאַנצער תמצית פון לעבן איז באַזירט אויף באַזאָרגן די מאַ־טעריעלע באַדערפעניש.

די יעניקע וועלכע האָבן באַקעמפט און באַקעמפן די אידעאַליסטישע קאָנצעפּציע פאַרגעסן איין קלייניקייט, אַז זיי אַליין זיינען אידעאַליסטן. וואָס, צום ביישפּיל, האָט געטריבן קאַרל מאַרקס'ן אָנצושרייבן זיין באַ־רימטן ווערק „דאָס קאַפּיטאַל". פאַר וועלכן ער האָט באַצאָלט מיט מקריב זיין זיינע אינדיווידועלע אַמביציעס און פאַרלאַנגען אין דער געזעלשאַפט? וואָס זיינען די מאָטיוון פון אַ טראָצקי, וועלכער באַקעמפט די אָנגענומע־נע באַגריפן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן — און דעריבער שטעלט ער זיך זעלבסט אין אָפּאָזיציע צו ווערן אַ מאַרטירער, אַ קרבן אין דער געזעל־שאַפט, קעגן וועלכער ער פירט זיין קאַמף? האָט ער דען ניט געקאָנט אַלס זשורנאַליסט און לעקטאָר אויסלעבן זיינע יאָרן אין רואיקייט און גע־ניסן אַלע פּריווילעגיעס פון דעם שויס פון לעבנס־גליק? און דער נאַציאָנאַלער לידער און שריפטשטעלער, זאב זשאַבאָטינסקי, וואָס וואָלט בלי שום ספק, געקענט פאַרנעמען אַ פּראָמינענטן אָרט אין איינעם פון די וועלט־פאַרלאַמענטן און זיין איינער פון די בעסט־באַצאָלטע שריפט־שטעלער, און גלייכצייטיק פאַרנעמען דעם פאַרדינטן אָרט ביים יידישן פאָלק אַלס ש ט אַ ט ס מ אַ ן און פירער, ווען ער זאָל מבטל זיין זיי־נע געדאַנקען, אידייען. און שפּינאָזע, דער געניאַלער דענקער און באַ־גרינדער פון דער פאַנטעאיסטישער פילאָזאָפיע, וועלכער האָט געוויכט פון אינדיווידועלער גליקזעליקייט און עקאָנאָמישער זיכערקייט און גע־לעבט אַ צוריקגעצויגן איזאָלירט לעבן, — אין דער צייט ווען ער האָט געקאָנט לעבן אין לוקסוס און רייכקייט — ווען נאָר איין קלייניקייט: — ער זאָל טאָלערירן דעם אַבסאָלוטיזם פון די רעליגיעזע דאָגמעס און מסכים זיין מיט די דעמאָלט־אָנגענומענע פּאָליטישע מלוכה־טראַקטאַטן. און צי איז מאַקס נאָרדוי ניט דורכגעגאַנגען דעם זעלביקן גורל ווי שפּינאָזע, אין דער ציוניסטישער וועלט, דעם שיקזאַל פון נעגאַציע — צוליב אידייאישע מאָטיוון?

און וואָס האָט געצוואונגען דעם אַנאַרכאָ־אידעאָלאָג פּעטער קראָ־פּאָטקין אויפגעבן די באַקוועמלעכקייט פון אַ צאַרישן גראַף און אַקאַדע־מיש־געלערנטן און אַוועק אַפריכטן פּריווילעגיע גלות אין דער פרעמד און ווערן פאַרשיקט אין די וויסטעניש פון קאַלטן סיביר?

טויזנטער ווי זיי לעבן אַן אומבאַוואוסטזיניק אידעאַליסטיש לעבן און זיינען זיך מקריב פאַר אידייען און אידעאַלן, אין וועלכע זיי לעבן זיך אפילו ניט אויס איבטים. ווען מיר בלעטערן די געשיכטע פון אונדזער מענטשהייט, טויכט פאַר אונדז אויף אַ געשיכטע פון מאַרטירער; אַ געשיכטע פון גייסטיקע שפּאַנונגען און קאָנפליקטן פון שאַפן נייע ווערטן אין דער פילאָזאָפיע, ליטעראַטור, וויסנשאַפט, טעכניק — אַ געשיכטע פון נייע לעבנס־פאַרמען, נייע סאָציאַלע ריכטונגען, רעליגיעזע באַוועגונגען. וויפיל בלוט האָט די מענטשהייט פאַרגאָסן ביי דעם איבערגאַנג פון איין צייט־אַפּשניט ביזן אַנדערן. קאָן מען דען מיט לאָגישער קאָנסעקווענץ פעסטשטעלן, אַז די אַלע באַוועגונגען זיינען ריין־מאַטעריאַליסטישע?

אמת, קיינער פרואווט ניט מינימיזירן די ראָל וואָס דער עקאָנאָמישער קאַמף פאַר עקזיסטענץ שפּילט אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, — אָבער זאָגן אַז די אַלע באַוועגונגען זיינען ריין־מאַטעריאַליסטישע איז, דוכט זיך, אַן אַבסורד.

ווי זינגט דער פּאָעט ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, אין איינעם פון זיינע לידער: „ווי קאָן איך זינגען ליד פון ברויט, אַז ניט אין ברויט נאָר איז די נויט, — עס האָט דער מענטש צום עסן קוים, דאָך רייסט ער זיך אַלץ צום ווייטן רוים”. — יאָ, אין דעם טיפזיניקן פערז פון ביאַלאָסטאָצקי'ס ליד ליגט דער שליסל צו אונדזער פּראָבלעם. אויך דער תנ"ך דערציילט אונדז, אַז יעקב אָבינו האָט אין זיין וואַנדער־וועג, בשעת ער איז אַוועקגעפאַלן אַ מידער שלאָפן, האָט ער אין חלום געזען אַ לייטער, וואָס שטייגט פון דער ערד אין די ווייטע הימלען, און מלאכים שטייגן אויף אים אַראָפּ און אַרויף. איז די דאָזיקע לעגענדע דער תמצית, דער יסוד פון אונדזער מענטשלעכער עקזיסטענץ.

דער מענטש מוז שאַפן יענעם באַלאַנס, יענעם סינטעז צווישן ערד און הימל. דער מגושמ'דיקער מאַטעריאַליזם בלייבט ביי דער ערד, ער איגנאָרירט אַלע העכערע גייסטיקע פאַרמען, אייגנשאַפטן פון לעבן, ער זעט נאָר אין ברויט די דערלייזונג פון דער מענטשהייט. דער עטישער אידעאַליזם זוכט צו סינטעזירן יענע לעגענדע פון הימל און ערד, שאַפן אַ זין פאַרן לעבן, ווייל נאָר אין אים דריקן זיך אויס די שענערע סאָציאַל־יושר'דיקע אידייען פון וועלט־באַרוף...

אויך אין אונדזער נאַציאָנאַלן רענעסאַנס־קאַמף איז פאַרקערפּערט דער גייסט פון אידעאַליסטישן אויפבאַו, ווי עס ווערט מאַניפעסטירטביים ווידער־אויפבוי פון דער יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל.

1940

מיניאַטור-עסייען

דער לוין פון דיכטער...

מיט 100 יאָר צוריק איז געשטאָרבן דער גרויסער אַמעריקאַנער דיכטער עדגאַר אַלען פּאָו. מאַטעריעל אָרים און ליטעראַריש נישט־דערשאַצט. צען דאָלער איז פאַרן גרעסטן אַמעריקאַנער דיכטער פון יענער צייט געווען אַ גרויסער אוצר...

היינט באַצאָלט אַ ביבליאָפיל, אַן אַנטיקוואַר, פאַר פּאָו׳ס אַ מאַנוסקריפּט די סומע פון 34 טויזנט דאָלער. זיינס אַן אומוויכטיק־נאַאיוו בריוול ברענגט אַריין 25 הונדערט דאָלער...

ווי טראַגיש איז דער גורל פון דעם גרויסן, געניאַלן מענטש!... ביים לעבן איז ער דער גרעסטער דורכפאַל, אַ בטלן, אַ צעטראָגענער פּרינץ... זיין אַרבעט ניט אָפּגעשאַצט, ניט באַלוינט. אָבער דער גרויסער דיכטער־דענקער פאַלט ניט אַראָפּ ביי זיך, צווייפלט ניט אין זיין אויפטו, כאָטש ס׳איז ניט פאַראַן פאַר קיין זאַטן מאָלצייט און צו באַצאָלן פאַר אַ דאַך־שטיבל, וואו די איינזאַמע ביינער אָוועקצולייגן, ווען מ׳פאַלט אַ מידער פון שווערער אַרבעט און פּראַצע...

דער וויזיאָנער איז טאַקע אַ פּראָדוקט, אַ קינד פון זיין צייט, אָבער זיינע וויזיעס, חלומות טראָגט ער אַריבער אין אַן אַנדער צייט וואָס דאַרף ערשט קומען, וואו זיין ליכטיקע פּערזענלעכקייט וועט זיך ערשט צעשטראַלן און צעטראָגן זיין ליכט. ער וועט דעמאָלט ערשט אַרויסגעהויבן ווערן פון שטויב פון דורות...

גרויסער מענטש, טראַגיש איז דיין אָרים־פיזישע עקזיסטענץ, אָבער טראָג זי אַריבער מיט שטאָלץ און סטאָאישער רואיקייט. דיין צייט דאַרף ערשט קומען ווען דו וועסט אַנטפּלעקט ווערן ווי אַ וווייטער שטערן אין הימלישן חלל...

קונסט און אידייע

אין אַ שמועס האָט אונדז אַמאָל געזאָגט אַ גרויסער יידישער דיכטער: „וואַגנער איז גרויס אין זיין מוזיק — וואָס אַרט מיך זיין אַנטי־יידישקייט...” איז אין אָט דעם אומשולדיקן זאָג פאַראַן אַ טענדענץ, אַ ריכטונג. די דאָזיקע ריכטונג זוכט אין דער ליטעראַטור און אין אַנדערע צווייגן פון קינסטלערישער יצירה, עסטעטישע קוואַליטעט און ניט קיין מאָראַליש־עטישע עלעמענטן.

מיר האלטן, אַז די מאַראַלישע קוואַליטעט איז וויכטיקער פאַר דער עסטעטישער. ס'זיינען פאַראַן געוויסע פלאַנצן, בלומען, וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג מיט זייער רייצנדיקער שיינקייט, אָבער זיי זיינען גיפטיק ווען מ'קומט אין באַריר מיט זיי. וואָס טויג מיר די סימפאָנישע האַרמאָניע פון אַ וואַגנער, אַז זיין מוזיקאַלישער אַקאָרד־און־קלאַנג פירט אונדז צום וואָטאַן־גאָט? ווי קאָן איך עסטעטיש הנאה האָבן פון אַ דאָסטאָיעווסקי, אַ האַמסון, אַ פּאונד, אַ עליאָט, ווייסנדיק אַז זיי זיינען פּרעדיקער פון האַס און געוואַלט קעגן מיין שטאַם?

דער גרויסער טאָלסטאָי האָט ניט סתם געשריבן צוליבן שרייבן אַליין. ער האָט געהאַט עפּעס אַ שליחות. ס'איז ניט וויכטיק צי זיין קריסטלעך־רעליגיעזער מאָטיוו, וואָס ער האָט פאַרקערפּערט אין זיינע ווערק, איז אונדז סימפּאַטיש אָדער ניט. מיר ווילן נאָר דאָ אָנווייזן אויף די אידייאישע מאָטיוון, טענדענצן וואָס זיינען וויכטיקע פאַקטאָרן אין דער גייסטיקער עוואָלוציע פון יענ'ן גרויסן שעפערישן מענטשן.

אין די סקולפּטור־ווערק און אין די געמאָלן פון אַ מיקל אַנדזשעלאָ, לעאָנאַרדאָ דאַווינטשי, אַנטיקאָלסקי, גליצענשטיין, עפּשטיין, אָדער ראַפאַעל, ליבערמאַן, מינקאָווסקי, שאַגאַל און אַנדערע גרויסע קינסטלער וועט איר געפינען רעפלעקסיעס פון זייער צייט און סביבה, אָבער דערמיט אַליין זיינען זיי ניט גרויס. זייער גרויסקייט באַשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן דורך זייער פּלאַסטישער סימעטריע געזוכט אידייאיש באַווירקן די צוקונפטיקע דורות; דורך געבן געשטאַלטונג צו זייערע חלומות, וויזיעס.

קיין גרויסער קינסטלער איז ניט פריי פון אַן אידעאָלאָגישער טענדענץ. ער שאַפט ניט צוליב קינסטלערישן גענוס אַליין. דאָס ווערק וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון אייביקייט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פון דעם געטלעכן פייער, וואָס מיינט אין תוך: אידייע.

איז דען אברהם רייזען ניט קינסטלעריש אין זיין ליד אָדער דערציילונג דערמיט וואָס ער זוכט אַרויסהייבן דעם סאָציאַל־עטישן עלעמענט אין זיין שאַפן?

איז מענדעלע ניט קינסטלעריש דערפאַר וואָס אין זיינע ווערק באַקעמפט ער די קאַראָבקע און איז שאַרף־בייסנדיק קעגן אַנדערע אומרעכטן פון זיין דור?

האָט דער גרויסער פּרץ ניט געהאַט אַ צענטראַלע אידייע אין זיין קינסטלערישן גאַנג אין אונדזער ליטעראַטור? האָט ער אונדז נאָר געזוכט באַווירקן עסטעטיש?

מיר דענקען, אַז אין אַלע מעדיומס פון קינסטלערישן אויסדרוק דאַרף זיך אָפּשפּיגלען דאָס לעבן מיט אַלע קאָנפליקטן און גייסטיקע טעמ־

פערזאָנען. גלייכצייטיק דאַרף דער קינסטלער אונדז באַלייכטן די נעפּל־דיקע, פינצטערע וועגן־שטעגן פון מאָרגן. ער דאַרף אונדז העלפן אַנט־פּלעקן די שיינע וויזיעס, רעיונות פאַר דעם צוקונפטיקן לעבן. דער קינסטלער איז ניט נאָר אַ מעכאַניש־פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט, וואָס דאַרף אונדז אָפּפאָרטרעטלען דאָס לעבן אַזוי ווי ס'איז — און דערמיט איז זיין שליחות פאַרענדיקט. ניין, ער דאַרף זיין מער ווי דאָס. ער דאַרף אויך ווערן מוסר־זאָגער, מאָראַליסט, פּרעדיקער פאַר אַ שענערער, בעסע־רער וועלט. ער דאַרף אונז העלפן אויסוואָרצלען די מיאוסקייטן און ווילדע געוויקסן פון אונדזער לעבן. „קונסט־לשם־קונסט" איז אַ צו באַגרענעצ־טער קריטעריום פאַר די אמת־פרייע קינסטלער.

די ליטעראַטור איז און דאַרף זיין מער ווי געניס, פאַרווייליונג. דער שונד־ראָמאַן קאָן אויך די עובדא פון פאַרוויילן. די דעטעקטיוו־מעשיות און די נאַרישעוואַטע קינדער־קאָמיקס ווערן אין אַמעריקע פאַרשפּרייט אין די מיליאָנען עקזעמפּליאַרן. זיי זיינען גוטער פאַרווייל־שטאָף . . .

מעשה בראשית, דער קאָסמישער באַשאַף, איז דאָך אידייע. גאָט האָט אונדז אַ תורה געגעבן, מיט געבאָטן און פאַרבאָטן. דאָס גאַנצע לעבן ווערט דעצידירט דורך אידייען. דער ערשטער מענטשלעכער אינ־סטרומענט איז געווען דער פּראָדוקט פון אַ אידייע. דער שורש פון שיינ־קייט איז אויך אַן עטישער. מ'רעדט אין איין אָטעם וועגן אַ גערעכטער און שיינער וועלט . . . שיינקייט איז אַ אידייאישער צווילינג מיטן גע־דאַנק פון גערעכטיקייט און יושר. האַמלעט איז פּראָבלעמאַטיש. עס איז דער געראַנגל פון „זיין" און „ניט־זיין". פאַאוסט איז דער אייביקער קאַמף פון „גוט" און „שלעכט" אין דער מענטשלעכער נשמה. שלום־עליכם האָט דורך זיין „טוביה דער מילכיקער" אונדז געגעבן דעם יידישן בעל־בטחון, דעם יידישן אָפּטימיסט וואָס באַ'יאַ'ט דאָס לעבן. פּרץ האָט געזוכט „שבת־יום־טוב'דיקע יידן". ער האָט געזוכט דאָס שיינע, דאָס אײדעלע, דאָס תוכ'יקע, דאָס געטלעך־אייביקע אין דעם אָרים־וואָכעדיקן יידישן לעבן . . .

די אידייע איז די טרייב־קראַפט ביים גרויסן קינסטלער. דער רוח־הקודש צעשפּילט זיך ביים שאַפער ווען ער קאָן פאַרוואַנדלען פאַר אונדז נעבעכ־דיקע, קריכנדיקע, בעטלערישע נאַטורן אין שיינע, גערעכטע, געזונטע, נאָרמאַלע מענטשן־העלדן. מענטשן וואָס פאַרמאָגן דעם פּראָמעטעאישן פונק, דעם צלם אלוקים . . .

שפּראַך־פּראָגרעס

מיר פאַרגעסן אַז דער ווערטער־אוצר פון אַ לעבעדיקער שפּראַך מאַכט דורך דעם גאַנצן עוואָלוציע־וועג פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם.

מענטש און שפּראַך גייען דורך דעם זעלביקן נסיונות־וועג פון פּראָגרעס.

מיר לעבן אין יאָר 1949 און אין גרעסטן קולטור־צענטער פון דער וועלט. מ'קאָן היינט זיך ניט באַנוצן מיט דעם זעלביקן וואָקאַבולאַר מיט וועלכן ס'האָט זיך באַנוצט מיין עלטער־זיידע ערגעץ אין אַ קליין פּראָ־ווינץ־שטעטל אין פּוילן אָדער רוסלאַנד. די פּראָבלעמען, סיי קאָלעקטיוו־נאַציאָנאַלע, סיי אינדיווידועל־לאָקאַלע זיינען געווען פון אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער. ס'איז דער אונטערשייד פון נאַכט ביז טאָג. די עקאָנאָמיש־סאָציאַלע סטרוקטור איז היינט אַ פאַרוויקלט־קאָמפּליצירטע און דערי־בער פאָדערט זיך דער אָנווענד פון נייע ווערטער־באַגריפן וואָס זאָלן אויסדריקן דעם גייסט פון דער צייט.

פאָלקסטימלעכקייט אין דעם זין ווי אַ סך פאַרשטייען עס ביי אונדז איז אייגנטלעך אַ צוריקגיין צום פּרימיטיוויזם פון שפּראַך־אויסדרוק.

טשאָסער איז טאָקע אַ געוואָלטיקער יחוס אין דער אַנגלאָ־זאַקסי־שער קולטור־וועלט, אָבער זיין ענגליש קלינגט פאַרט אַביסל פרעמדלעך צום מאָדערנעם, אינטעליגענטן ענגלענדער.

שלמה עטינגער, א.ב.גאָטלאָבער און א.מ. דיק זיינען חשוב'ע נעמען אין אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע, פונדעסטוועגן ווען אַ היינטיקער נאָוועל־ליסט אָדער דיכטער וואָלט זיך באַנוצט אין זיינע שאַפונגען מיט דעם ווערטער־שאַץ וואָס ס'האָבן גענוצט עטינגער, גאָטלאָבער, וואָלט מען עס באַטראַכט פאַר וואָס איר ווילט, אָבער ניט פאַר קיין ליטעראַטור אין היינ־טיקן זין פון וואָרט.

די וואָס שרעקן זיך פאַר אַ ניי וואָרט, אַ פרישן אויסדרוק זיינען קעגנער פון פּראָגרעס. די וואָס רופן צו פאָלקסטימלעכן לשון און שרעקן די געגנדז אויב ח"ו ס'באַנוצט זיך ווער מיט אַ פרעמד וואָרט — דער־לאָזן ניט אַז אונדזער לשון זאָל אַרויס פון די קינדער־שיכלעך . . .

י. ל. פּרץ האָט עס פאַרשטאַנען. אין זיינע באַמערקונגען וועגן מאָ־ריס ראָזענפעלד'ן זאָגט ער : „ראָזענפעלד האָט נאָר אַרויסגעבראַכט קלאָג־מוטער־רעפלעקסיעס פון אַן אַרבעטער. אָבער ניט קיין לידער וואָס זאָלן פאַרמאָגן אידייען, חלומות, וויזיעס, וואָס זאָלן אויף אַן אמת אָפּשפּיגלען דעם אידייען־געראַנגל פון דער צייט אין וועלכער דער דיכ־טער האָט זיינע לידער געשאַפן". פּרץ האָט געזוכט מאָדערניזם ניט נאָר אין זין פון שפּראַך־פאָרמען, נאָר אויך אין זין פון אידייען. ראָזענפעלד'ס ליד איז פאַר אים געווען צו פּרימיטיוו־פאָלקסטימלעך, סיי אין זין פון שפּראַך־אויסדרוק, סיי אין זין פון געדאַנק.

אויך ביאַליק האָט עס באַגריפן. ער האָט געזאָגט : „די תנ"כ'ישע העברייאישע שפּראַך איז אַזוי ווייט פון אונדז, אין צייט און אין פּלאַץ,

אַ דיסטאַנץ פון קולטור און אַ דיסטאַנץ פון געדאַנקען־בוי, ביז ס׳איז כמעט אוממעגלעך אַריינצופּאַסן דעם געדאַנק פון אַ היינטצייטיקן מענטשן אין זיינע באַגריפן אין דעם פורעם פון תנ״כ׳ישן לשון״. ביאַליק האָט פאַרשטאַנען, אַז שפּראַך איז אַן אָרגאַניזם וואָס איז אין שטענדיקן פּראָצעס פון באַנייאונג.

מ׳דאַרף דעם מאַסן־לייענער אויפהייבן צו דער הייך פון היינט־און־מאָרגן און ניט צעקייען אַ געדאַנק פאַר אים ווי ס׳האָט עס געטאָן די „געטרייע״ מאַמע אַמאָל ביים דערלאַנגען איר קינד אַ טרוקענעם ביס־קוויט. די היינטיקע קינדער עסן אָן דער מאַמעס צעקייען, און זיי עסן מיט גאַנץ געשמאַקע אַפּעטיטן . . . און אַזאַ יאָר אויף מיר וואָס פאַראַ ווארילע און געזונטע קינדערלעך זיי וואַקסן אויס . . .

דער שרייבער־קריטיקער

דער קריטיקער דאַרף פאַרטייטשן דאָס ווערק פון אויטאָר. ער דאַרף אויך קאָנען אַנטפּלעקן, אַרויסהייבן דעם „האָמאָ־סאַפּיענס״, דעם פּשוט׳ן מענטש פון מחבר. אַ גרויס ווערק, אַ געניאַלע שאַפונג, וואו מענטש איז קליין און נישטיק — איז ליטעראַרישע פּראָפּאַנאַציע. מענטש און זיין אַרבעט מוזן זיך דערגאַנצן. דעריבער זאָל דער קריטיקער־שרייבער אויך די וועגן און פליינען פון אויטאָר׳ס קרעאַציע אַרויסשיילן דאָס מענטש־לעכע, אונדז ווייזן דעם מענטש־אויטאָר. אַ שרייבערס ווערק טאָר ניט זיין בלויז מעכאַנישע פונקציע, פּראָפעסיאָנעל־קאַריעריסטישע עובדא. קאַריעריזם דערשטיקט און וואַרגט דעם עטישן עלעמענט אין דער ליטע־ראַטור. אַ בוך פון אַ מחבר־קאַריעריסט ווערט זינד־ און שונד־ליטעראַ־טור. מיר האָבן געהאַט אַ סך מוסטערן פון גרויסע ווערק, אָבער זייערע מחברים האָבן אונדז ביטער אַנטוישט. אין מאָמענטן ווען זיי האָבן באַ־דאַרפט אַרויסווייזן זייער מענטשלעכן פּרצוף, האָבן מיר זיי געזען ווי עקלדיקע ווערים, וואָס האָבן זייער טאַלאַנט געוואָרפן צו אַלערליי שמו־ציקע מאַכט־פירער . . . ניין, זיי האָבן אַפילו ניט געהאַט דעם כוח צו זיין פּשוט׳ע מענטשן, מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר . . . ווי קליין זיינען זיי גע־בליבן דעמאָלט ווען מיר האָבן דערוואַרט פון זיי גרויסקייט . . .

„קונסט־לשם־קונסט״ האָט זיך ווידער אַמאָל אַרויסגעוויזן צו זיין פאַלש. מ׳רעדט וועגן עסטעטישן געניוס, אָבער אין דער אמת׳ן איז עס געצנדינערײַ, פּאַגאַנישער קולט. דאָס ווערק דאַרף ניט נאָר פּרעזענטירן דאָס נאַטוראַליסטיש־רעאַליסטישע, נאָר דאַרף פאַר אונדז אויך מאָלן מאָרגן־וויזיעס. מיר באַוואונדערן דעם זון־פאַרגאַנג, מיר ווערן אָבער אויך דערפרישט פון זון־אויפגאַנג . . . מיר טאָרן ניט בלויז נאַקטורניש־

ליריש באַוויינען דעם אומקום פון אַ זקן, נאָר מיר דאַרפן אויך באַנעמען דעם אויפשפּראָץ פון ניי־לעבן, זיך פרייען מיט דעם געבורט פון אַ ניי עופ'עלע, דער סימבאָל פון אומשולד און צוקונפט . . .

דערפאַר דאַרף עס זיין די פונקציע פון אמת'ן ליטעראַטור־לייענער צו באַנעמען אַ ווערק אין זיין גאַנצקייט. אויבערפלעכלעכער באַריר פון שרייבער־קריטיקער אַנטמוטיקט דעם קאָנסטרוקטיוו־עטישן עלעמענט פון קרעאַטיוון מענטשן. דער קריטיקער דאַרף זיין גערטנער, און מיט ליבע און צאַרטן געפיל קולטיווירן דאָס דויערנדיקע, דאָס שיינע, און אויסיעטען, אויסרייסן דאָס פּאַראַזיטישע, דעם פרעמדן אָנוואוקס וואָס שטערט דעם נאָרמאַלן פונאַנדערוואַקס.

מ׳מעג קריטיקירן!...

אַ חשוב'ער ליטעראַטור־קריטיקער האָט אַרויסגעטראָגן אַ נעגאַטיווע ווערסיע וועגן אַ געוויסן שרייבער און זיין ווערק. איז עס דעם קריטיקער'ס רעכט צו האָבן זיין מיינונג, כאָטש דער מחבר באַטראַכט זיין אורטייל פאַר אומגערעכט. אַ צווייטער ליטעראַטור־קריטיקער האָט גראָד אַרויסגעטראָגן אַ סימפּאַטיש־פּאָזיטיוון פּסק וועגן דעם זעלביקן ווערק. אַ דריטער קריטיקער האָט גאָר אָנגעוויזן ביים זעלביקן מחבר אויף מעלות און חסרונות וואָס די פריערדיקע קריטיקער האָבן אינגאַנצן פאַרזען . . .

ליטעראַטור־קריטיק איז רעלאַטיוו. ס'איז אַן ענין פון געשמאַק. ס'האָט אויך אַ שייכות מיט דעם גייסטיקן טעמפּעראַמענט פון קריטיקער. ערגעץ דערציילט דער עסייאיסט א. אַלמי וועגן אַ פּאָעט, אַ נאַטור־וויסנשאַפטלער און אַ סוחר, וועלכע באַטראַכטן אַ בוים אין וואַלד. דער פּאָעט צעזינגט זיך ליריש וועגן דער שיינקייט און פּראַכט פון בוים און זיינע צווייגן. דער וויסנשאַפטלער באַטראַכט די סימעטרישע ליניעס; די הייך און ברייט פון בוים. דער סוחר חשבונ'ט דעם סכום האָלץ און ברעטער וואָס דער בוים דאַרף אַרויסטראָגן.

אָט־דאָס אַנעקדאָטישע מעשה'לע פון אַלמי'ן קאָן אויך אָנגעמאָסטן ווערן אויף דער ליטעראַטור־קריטיק. קריטיק איז אין תוך סוביעקטיוו. אויב דער קריטיקער געפינט זיך אין אַ יום־טוב'דיקער, אויפגעהייטערטער שטימונג בעת ער לייענט אַ בוך פון אַ געוויסן מחבר, קאָנט איר זיין מער ווי זיכער, אַז די קריטיק וועט זיין אַ פּאָזיטיוו־וואַרימע. טאָמער חס־וחלילה זאָל אונדזער קריטיקער האָבן אַ שלעכטן פרימאָרגן, בין איך שוין ניט מקנא דעם שרייבער וועמענס בוך דער קריטיקער וועט לייענען יענעם אינדערפרי . . .

שלעכט איז אָבער מיט יענע קריטיקער וואָס זיינען אַזוי שטאַרק איינגעגלויבט אין דער אָביעקטיוויטעט פון זייער קריטישער ווערסיע, אַז זיי קאָנען שוין ניט פאַרטראָגן די טענות פון אַ געקריוודעטן שרייבער־מחבר, וואָס זיי האָבן אַרונטערגעריסן . . . דער קריטיקער האָט געוויס אַ רעכט צו זיין מיינונג. ער קאָן געוויס זיין סטימולירנדיק און קאָנסטרוקטיוו ווען זיין קריטיק איז געשריבן מיט ליבע און איינזעעניש פאַרן מחבר פון בוך.

דער מחבר פון בוך קאָן אויך האָבן גערעכטע טענות צום קריטיקער; טענות וואָס זאָלן באַלייכטן געוויסע ווינקלען און קאָנטורן אין דער עוואָלוציע פון אייגענער יצירה. אַלנפאַלס, איז ניט דער קריטיקער, ווי זייט קאָנסטרוקטיוו זיין קריטיק העלפט און רעגט דעם מחבר צו זעלבסט־קריטיק, — דער פוסק־אחרון איבער זיין שאַפערישן גאַנג. דער שרייבער מעג אויך קריטיקירן דעם קריטיקער. ס'איז ניט קיין חטא ווי אַנדערע דענקען. אַן אויסטויש פון מיינונגען צווישן שרייבער און קריטיקער איז היגיעניש און סטימולירנדיק פאַר ביידע צדדים, אָבער נאָר דאַן ווען די פאָלעמיק איז געשריבן מיט קעגנזייטיקן רעספּעקט.

דער מענטש איז הייליקער פון פּרינציפּ

פילאָזאָפיע איז אַ קעגנשטאַנד וואָס איר ספערע פון אינטערעסן איז קאָסמיש אין פאַרנעם.

גאָט־וועלט־מענטש זיינען די דריי־אייניקייט וואָס האָבן אין אַלע צייטן באַשעפטיקט דעם דענקענדיקן מוח.

ווען דער ייד איז אַריין אין דער סטאַדיע פון מאָניסטיש באַטראַכטן די וועלט; פון פיל־געטעריי צו אַן „אחד", איז דער מ ע נ ט ש געוואָרן דער עיקר פון יידישן געדאַנק.

די יידישע רעליגיע איז אַנדערש פון אַנדערע רעליגיעס שוין דערפאַר, וואָס זי באַצוועקט צו זיין אַ רעגולירנדיקער כוח אין די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש. זי איז אַ סאָציאַל־עטישע תורה. דער מענטש, דער יחיד, מיט זיינע טריוויאַלע, אַלטעגלעכע פּראָבלעמען, פאַרנעמט אַן אויבן־אָן־פּאָזיציע אין דער יידיש־טעאָלאָגישער רעאַליטעט. דער מענטש איז פריי אין זיין אויסוואַל צווישן „גוטס" און „שלעכטס". דער מענטש איז הייליקער פאַרן פּרינציפּ. דער שבת איז באַשאַפן פאַרן מענטש, ניט דער מענטש צוליב דעם שבת . . .

דער יידישער געדאַנק איז באַגרינדעט אויף אַבסאָלוטע אמת'ן, וואָס שטעלן אין צענטער דעם מענטש, אָבער אַ מענטש — אַ געלייטערטן, אַ גערייניקטן פון פּאַגאַניזם.

דעם יידישן געדאַנק איז פרעמד דער פעסימיסטישער אויפפאַס פון דער גריכיש־רוימישער פילאָזאָפיע.

אין דער יידישער לעגענדע פאַרנעמט דער פשוט'ער פאָלקס־מענטש, נח, אַ גאָר חשוב'ן אָרט. אים, דעם צדיק, שענקט די יידישע אגדה מער אויפמערק ווי אברהמ'ען דעם אידעאָלאָג־פילאָזאָף.

אויף אַ שלעכטער וועלט ברענגט כביכל אַ מבול. אויף סדום און אמורה צאָרנט גאָט'ס פייערדיקע שטראָף. די יידישע תורה ברענגט אַריין אַ מאָראַלישן קאָרעקטיוו און צווינגט אַרויס ביים רבש"ע אַ נדר, אַ שבועה, אַז מער קיין מבול'ס וועט ער שוין ניט ברענגען, ווייל די יצירה פון מענטשלעכן מין און פון יעדער לעבעדיקער באַשעפעניש איז הייליק.

אברהם פירט יצחק'ן צו דער עקדה. דער רבש"ע זוכט זיך אַ שפיל טאָן מיט זיין שקלאַף, זיין דינסט; ער פרואווט זען צי אברהמ'ס ליבע צו אים איז שטאַרקער ווי די ליבע צום אייגענעם בלוט־און־פלייש, צום איי־גענעם קינד. אברהם שטייט פאַר אַ שווערן נסיון: זאָל ער ברענגען פאַר אַ קרבן זיין אייגענעם זון דעם גאָט פון זיין גלויבן? עס איז באמת אַ שווערע דילעמע פאַרן מאמין אברהם. עס איז אַ געראַנגל פון אַ דאָפּל־טער ליבע. דער יידיש־מאָראַלישער געוויסן איז אָבער דאָ מנצח. דער גאָט פון אברהמ'ען בייטיקט זיך ניט אין מענטש־קרבנות. מ'טאָר ניט פאַרגיסן דאָס בלוט פון מענטש'ן־קינד אַפילו פאַרן אייגענעם גאָט . . .

פונקט פאַרקערט האַנדלט די גוי'אישע וועלט. זי ברענגט אַ קרבן צום באַשאַפער פון דער וועלט, כדי זיך אויסצוקויפן, אויסצולייזן פון שווערע זינד.

די גרויסע גוי'אישע דענקער־פילאָזאָפן זיינען געבליבן אין תוך, טיף פאַראַנקערט אין דעם עשו־באַנעם. די קאָנסעקווענצן — בלוטיקע, אומ־זיניקע פעריאָדישע אָרגיעס.

דער יידישער געדאַנק איז געווען און געבליבן, טראָץ שווערע קאָ־טאַקליזמען, אַן אידעאַליסטישער, אַן אָפּטימיסטיש־בטחונ'דיקער. דער מ ע נ ט ש איז די קרוין פון געטלעכער יצירה און דרך־ארץ פאַרן מענטשלעכן לעבן . . .

לייכט און שווער

אין דעם אַריינפיר־וואָרט צו דער יידישער איבערזעצונג פון פ. ענגעלס' „לודוויג פייערבאַך" זאָגט מ. קאַץ, אַז מיר יידן זיינען „פילאָזאָ־פירנדיקע קעפ", הגם צו דער פילאָזאָפישער וועלט־ליטעראַטור האָבן מיר גאָר אַ קנאַפּע שייכות. איז דאָ קאַץ זיכער ניט אינגאַנצן אומגערעכט. ווען מיר קוקן דורך די ווערק וואָס זיינען איבערגעזעצט פון אַנדערע

לשונות, לאָזט זיך גלייך מאַכן דעם אויספיר, אַז מיר זיינען היפש אָרימ־לעך אין יענעם צווייג פון ליטעראַריש שאַפן, וואָס ווערט אַריינגעפירט אין דער קאַטעגאָריע פון „שווערער ליטעראַטור".

דער דאָזיקער בלויז לאָזט זיך ניט באַר מערקן אין פרעמדע ווערק אָריבערגעטראָגן אין אונדזער שפראַך, נאָר אין אָריגינאַל־געשריבענע ווערק פון זעלביקן מין איז אונדזער דלות אפילו גרעסער.

די מערסטע ווערק אויף אָט־דעם געביט זיינען לייכטע פּאָפּולאַריזאַציעס, און די אָריגינעל־געשריבענע ווערק זיינען פון אַ קאָמפּילאַטיוון כאַראַקטער.

אין אונדזער ליטעראַרישער עשירות האָט זיך געלאָזט מערקן אַ טענדענץ פון בעלעטריסטיק און פּאָעזיע. מיט אַנדערע ווערטער: אַ לייכטע ליטעראַטור, כדי דער לייענער־עולם זאָל ניט האָבן קיין פאַר־דייאונג־שוועריקייטן. מ'האָט אַלעמאָל דערלאַנגט דעם לייענער אונדזערן אַ דיעטע פון גרינגע און לייכטע שטאָפן, כדי זיין פאַרדיי־אָרגאַניזם זאָל זיך חס־וחלילה ניט דאַרפן איבעראַרבעטן . . .

איצט זיינען מיר געקומען צום קאָנסעקווענט־נאַטירלעכן צושטאַנד, ווען אונדזער לייענער, אַפילו דער אינטעליגענטער, איז שוין כמעט ניט בכוח צו פאַרדייען אַ ווערק פון אַ פילאָזאָפישן באַנעם. דער רעדאַקטאָר וואָס באַשטעלט אַן אַרבעט ביים שרייבער פון דער פילאָזאָפיש־וויסנ־שאַפטלעכער עסיי, פאָדערט טאַקע אַ פילאָזאָפישע עסיי, אָבער מיטן תנאַי, אַז זי מוז ווערן לייכט סערווירט, כדי דער לייענער־קאָנסו־מענט זאָל ניט דאַרפן מאַכן צופיל אָנשטרענגונג אין דעם פאַרדיי־פּראָצעס...

פּאַסירט ביי אונדז אָפטמאָל, אַז ווען אַ שריפטשטעלער דערלויבט זיך מאַכן אַן אָפּנייג פון דער אָנגענומענער קאָנווענץ, און וויל דווקא פליר־טעווען מיט אַ פילאָזאָפישן געדאַנק, אָוועק פון שאַבלאָן, איז הימל עפן זיך! פון אַלע זייטן באַפאַלט מען אים. ניט אַזוי דאַרף מען שרייבן! ניט אַזוי שרייבט מען ביי יידן איבער פילאָזאָפישע פּראָבלעמען! ס'מאַכט ניט אויס, מיר מעגן זיך טאַקע אַ שפיל טאָן מיט אַ פילאָזאָפישן געדאַנק, אָבער שרייבט אַז דער עולם זאָל עס קענען נעמען אין מויל אַריין, ס'זאָל ניט לאַנגווייליקן, א.אז.וו. . . .

שטייט דער דאָזיקער מין שרייבער אַ פריטשמעליעטער, אַ צעטומל־טער און פרעגט מיט אַ געמאַכטער נאַאיוויטעט: — האָט דער רמב"ם טאַקע געשריבן אַזוי פאַרשטענדלעך, אַז יעדער איינער וואָס האָט נאָר געקאָנט אַ שייטל עברי האָט אים געקאָנט פאַרשטיין און לייענען? איז טאַקע ניט נייטיק געווען קיין שום צוגרייטונג פון דעם יעניקן וואָס האָט געוואָלט דורכזובערעווען דעם מורה נבוכים? . . . קאָן טאַקע איינער וואָס האָט ניט אַפילו די עלעמענטאַרסטע ידיעות אין ביאָלאָגיש־פיזיאָלאָ־

גיש וויסן לייענען אַ מעדיציניש ווערק מיט עלאַסטישער עלאָקוווענץ? זיינען שפּינאָזע, קאַנט, העגעל, פּלאַטאָ, בערגסאָן, לייבניץ; קאַרל מאַרקס; ספּענסער, פּרויד, אַדלער, איינשטיין, מיליקאַן, ראַסעל; דזשיימס — מיר האָבן דאָ געבראַכט אַ קליינע גרופּע וואָס האָט זיך באַשעפטיקט אויף פאַרשיידענע געביטן פון מענטשלעכן געדאַנק — זיינען טאַקע די דאָזיקע גרופּע פילאָזאָפן־דענקער אַזעלכע „לייכטע" דענקער וואָס זייערע ווערק קאָן יעדער, וואָס קאָן דורכקריכן אַ שונד־ראָמאַן אָדער בורלעסק־לידל, טאַקע זיי פאַרדייען אָן וועלכן ס'איז אָנשטרענג? . . . מיר זיינען גאָרניט שטאַרק זיכער אין דעם. מיר וואָלטן ניט געוואָלט קאָווירן דער־פאַר. קאָן איינער וואָס האָט ניט די געהעריקע פאַכמענישע צוגרייטונג אין סאָציאָלאָגיע אָדער געאָלאָגיע קומען און זאָגן מבינות דעם יעניקן וואָס האָט אָוועקגעגעבן אַ לעבן לאַנג צו שטודירן די דאָזיקע ענינים, אַז ער האָט ניט דאָס רעכט צו באַשעפטיקן זיך מיט די דאָזיקע וויסנשאַפט־לעכע פּראָבלעמען, ווייל ער איז ניט גענוג פּאָפּולער, אָדער ער שרייבט ניט לייכט גענוג, כדי מ'זאָל עס קאָנען פאַרדייען?

איר וואָלט מן־הסתם געזאָגט, אַז זיכער ניט, אָבער לײדער, לײדער פּאַסירן אַזעלכע זאַכן אין אונדזער וועלטל. מיר ווילן דאָ ניט טייטלען מיטן פינגער אויף קיינעם. יעדער איינער וואָס קאָן אַביסל די לאַגע ביי אונדז וועט געפינען גענוג פּרעצעדענטן פון אַזאַ הפקר'דיקן צושטאַנד . . .

אייגנטלעך איז דאָך דער גאַנצער ענין פון „שווער" און „לייכט" אַ ריין רעלאַטיווער. שווער איז דאָס וואָס מיר איז פרעמד. לייכט איז דאָס וואָס איך פאַרשטיי. אַ קינד מיט אַ"ב־וויסן וועט זיכער ניט פאַרשטיין די רייכע עשירות פון אַ פּרשה חומש. שטעלט אייך פאָר אַזאַ לאַגע: — אַ מענטש מיט עלעמענטאַר־וויסן אין מאַטעמאַטיק וועט מיט אַ מאָל אַרויס פון די האַלאַבליעס און מיט חוצפּה אויסשרייען, אַז פּראָפ. איינשטיין איז אַ משוגע'נער, אַן אידיאָט, ווייל ער, אין זיין אָרימקייט, קאָן ניט פאַרדייען די קאָפּ־שווינדלדיקע חריפות פון די הויך־מאַטעמאַטישע פּראָבלעמען און טעאָרעמעס מיט וועלכע ס'אָפּערירט דער געניאַלער קאָפּ פון אַן איינשטיין. איר וועט זיכער אין אַזאַ פאַל פּראָטעסטירן קעגן דעם עם־הארץ וואָס האָט די חוצפּה צו זאָגן אויף איינשטיינ'ען מבינות. ניט אמת? זיכער אַזוי.

איז פאַרוואָס איז מען אַזוי לייכטזיניק און ציניש ביי אונדז אויף דעם חשבון פון אַ צאָל שריפטשטעלער, וואָס דערלויבן זיך מאַכן אַן אָפּנייג פון אונדזער טאָג־טעגלעכער קאָנוועץ? יעדער „א"ב־געלערנטער" קומט זאָגן מבינות און דעות צו די יעניקע וואָס דערלויבן זיך אַביסל אָריגינאַ־ליטעט און גייען ניט אין די אויסגעטראָטענע וועגן־שטעגן. איך ווייס טאַקע ניט צי ביי אונדז דרייען זיך אַרום קאַנטס, מיליקאַנס, איינשטיינס — אָבער איינער מיט א"ב־וויכן קאָן דאָך ניט שרייען, אַז דערפאַר, וואָס

ער, אין זיין גייסטיקן דלות, איז ניט אין דער לאַגע צו פאַרשטיין אָדער פאַרדייען א „שווערן געדאַנק", אַז נאָר דערפאַר איז יענער ניט באַרופן צו שרייבן איבער „הויכע געדאַנקען" . . .

דער שריפטשטעלער־פעדאַגאָג, לייבוש לעהרער, שרייבט אין זיין עסיי „שווער צו זיין אַן אינטעליגענט": — „אוודאי איז לייכט צו שרייבן זייער פאָפולער וועגן טאָג־טעגלעכע זאַכן פאַר וועלכע דאָס געוויינטלעכע לעבן גרייט צו יעדן מענטשן וואָס האָט אַ נאָרמאַלן פאַרשטאַנד, איז פאַר־אינטערעסירט אין וועלט־ענינים, אָבער יעדער בר־דעת קען פאַרשטיין, אַז עס זיינען פאַראַן, עס מוז זיין, געננוג, איבער־געננוג ענינים אויף דער וועלט, וואָס קיין שום סטיל־לייכטקייט וועט ניט העלפן זיי צו דערקלערן, סיידן פאַר אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַ געהעריקע צוגרייטונג. דער וואָס האָט קיינמאָל קיין פילאָזאָפיע ניט געלערנט וועט בשום־אופן ניט קענען באַנעמען דעם זינען פון אַ מעטאַפיזישער ענטיטעט, אַפילו ווען מ'וועט דאָס גוט צעקייען אויף מיקראָסקאָפישע ברעקלעך און באַזאַלצן מיטן אַפּעטיטלעכסטן פאָפולאַריזאַציע־סטיל. ער קאָן דאָס ניט פאַרשטיין פונקט ווי ער קאָן ניט אויפנייען קיין מלבוש באָך איידער ער האָט זיך אויסגעלערנט איינצופעדימען אַ נאָדל. דאָס האָט על־פי־רוב גאָרנישט וואָס צו טאָן מיט שווערע, אָדער אומבאַקאַנטע ווערטער. ניט דאָס וואָרט נאָר דער באַגריף, ניט וואָקאַבולאַר נאָר די גייסטיקע אינטערעסן־וועלט פונעם לייענער, אָדער צוהערער, באַשטימט וואָס און אויף ווי ווייט ער קאָן פאַרשטיין".

מיר האָבן אַ געוואַלדיקע שוואַכקייט צום טראַדיציאָנאַליזם. מיר גילטן פאַר דער וועלט אַלס אַנטי־טראַדיציאָנאַליסטן. אָבער דער אמת איז, אַז מיר זיינען די קאָנסערוואַטיווסטע אָנהענגער פון טראַדיציאָנאַ־ליזם. האָט מען אין אונדזער פרימיטיוון אָנהייב געשטעלט דעם טראָפּ אויף לייכטקייט און פאָפולאַריזאַציע, קאָן מען שוין פון אָט־דער טראַדי־ציע — וואָס איז אפשר אַמאָל געווען אַ געזונטער פרינציפּ — ניט פטור ווערן. אונדזערע קלאַסיקער־זיידעס האָבן געשריבן „לייכט" מוזן שוין אונדזערע „אייניקלעך" גיין אין די זעלביקע פיס־טריט . . .

אויב ס'זיינען אַמאָל ניט געווען די מאָדערנע טיפּאָגראַפיעס און אונדזערע ביכער זיינען געשריבן געוואָרן אויף פאַרמעט, זיינען מיר שוין פון אָט־דער „פאַרמעט־עפּאָכע" ניט אַוועק. די הייליקע, רעליגיעזע ספרים ווערן ביי אונדז נאָך אַלץ געשריבן אויף פאַרמעט, נאָר דערפאַר וואָס אונדזערע עלטער־עלטער זיידעס האָבן אַזוי געשריבן. מיר וועלן זיך ניט דערלויבן אַן אָפּנייג פון דער טראַדיציע. מ'וועט עס דערקלערן פאַר אַפּיקורסות, ווען ס'זאָל איינער קומען און זאָגן, אַז ס'וואָלט שוין צייט געווען מיר זאָלן אַקצעפּטירן די מאָדערנע טעכניק פון דרוקעריי

און אָנערקענען אַז אונדזער תורה אין בוך־פאָרם איז פונקט אַזוי הייליק ווי די תורה געשריבן אויף פּאַרמעט. ס'איז די זעלביקע יענטע נאָר אין אַן אַנדער שלייער, אַנטשולדיקט פאַרן וואולגאַרן פאַרגלייך. דער אונטערשייד איז נאָר דאָ פון פּאַפּיר און פּאַרמעט . . . ס'וואָלט געווען עקאָנאָמישער און פּראַקטישער. אָבער יידן זיינען גרויסע טראַדיציאָנאַליסטן און וועלן זיך ניט דערלויבן אַזאַ רעוויזיע אין זייערע רעליגיעזע באַגריפן . . . דער דאָזיקער טראַדיציאָנאַליזם האַלט אונדז געפּענטעט ניט נאָר אין רעליגיעזע געביטן, נאָר אויך אויף גאַנץ אַנדערע פעלדער פון אונדזער קולטור־לעבן . . .

טראַדיציע איז אפשר ניט אַוועקצומאַכן מיטן האַנט, אָבער טראַדיציע מיינט בשום־אופן ניט בלייבן ביים אָנהייב, ניט שטעלן אַ טריט פאָראויס. ביי אונדז האָט מען דעם ענין פון טראַדיציע רעדוצירט צו אַ פוסטן, אויסגעליידיקטן באַגריף; אַ באַגריף וואָס איז סטאַטיש, פאַרגליווערט, איז ניט מחייב צו גאָרנישט, אַ חוץ צו אַ וואולגאַרן, רעטאָרישן אויסגעשריי: — האָט דרך־ארץ, די טראַדיציע רעדט!

אויב כ'מאַך קיין טעות ניט, איז אונדזער אבא גאָרדין אויך אַ געוואַלדיקער טראַדיציאָנאַליסט, אָבער גאָרדינ'ס „טראַדיציאָנעלער גאָטבאַגריף" איז אויף קיין האָר ניט אידענטיש מיט דעם „טראַדיציאָנעלן גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב" פון מיין באָבען ע"ה . . .

און דאָס וואָס מ'האָט ביי אונדז געמאַכט פון ענין־טראַדיציע האָט מען אויך געמאַכט פון דעם ענין „שווער" און „לייכט" אין אונדזער ליטעראַטור. מ'האָט פשוט צעמישט, צעפּלאָנטערט די באַגריפן . . .

און ווי זאָגט ערגעץ אבא גאָרדין — „מ'האָט זיך נאָכאַנאַנד געמיט צו מאַכן פאַר דעם לייענער וואָס לייכטער. האָט ער זיך מיישב געווען אַז דאָס לייכטסטע איז גאָרניט צו לייענען".

דעריבער זאָגן מיר צו אונדזערע פּראָפעסיאָנעלע פאַרזאָרגער פון דער יידישער ליטעראַטור: — דאגה'ט זיך ניט זייער שטאַרק — זאָלן נאָר קומען „שווערע", וואָגיקע, מיט געדאַנקען־אָנגעלאָדענע ווערק, און דער בעסערער לייענער וועט זיך שוין אַן עצה געבן מיט „זיינע" שווערע ווערק . . . מ'האָט דעם לייענער־קאָנסומענט שוין צופיל געשטאָפּט און געקאָרמעט מיט לייכטע שטאָפן, אַז ס'איז אים שוין געבליבן אַ פוסטקייט און אַ טשאַד אין קאָפּ . . .

דער נאָוועליסט לאַמעד שאַפּירא שרייבט אין זיין בוך „דער שרייבער גייט אין חדר" — „דער לייענער איז ניט קיין זויג־קינד און עס מוז איבערגעלאָזן ווערן עפּעס צו זיין פאַנטאַזיע. דער שרייבער איז מחויב ניט אַזוי אָנזעטיקן דעם לייענער ווי אים הונגעריק צו מאַכן, כדי דערמיט אַריינצוציען אים אינעם פּראָצעס פון יצירה".

SAMUEL P. LICHT